STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03420

SPARTAK

Raffaele Giovagnoli

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. דזשיאָוואַניאָלי

ספּאַרטאַק

היסטאָרישער ראָמאַן

בעארבייט פון
ע. גאָדמער.

איבערזעצט פון
ל. לאַקסאָן.

מיט דער ביילאגע פון א קורצען
ערקלערונגם ווערטערבוך.

ניו יארק.

M. GUREWITCH, PUBLISHER
202 East Broadway New York

ערשטער קאַפּיטעל.

אין צירק

דעם 10טען נאָוועמבער אין יאָהר 675 נאָך דער רוימישער צייטרעכענונג (און נאָך דער קריסטליכער צייטרעכענונג 78 יאָהר פאַר קריסטוס'ער געבורט) באַלד נאָך זונענאויפגאַנג, האָט רוים שוין געקאָכט מיט מענשען, וואָס האָבען פון אַלע עקען שטאָדט זיך געצויגען צום גרויסען צירק.

אין דעם דאָזיגען ענדלאָזען לעבעדיגען שטראָם האָבען זיך צונויפגעגאָסען מענשען פון אַלע עלטערס און שטאַנדען. אַלע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט איין באַגעהר צו זעהן די פּיעל־פאַרשפּרעכענדע פאָרשטעלונג, אַלעמענס פּנים'ער האָבען אויסגע־דריקט אומגעדולדיגע ערוואַרטונג.

אַפילו דער פאַרכמאַרעטער הימעל, וואָס האָט געוויזען גיכער אויף רעגען, ווי אויף שעהן וועטער, האָט ניט פאַרדאַרבען די אַלגעמיינע פריידיגע שטימונג.

אין יענער צייט איז דער גרויסער צירק נאָך ניט געווען אַזוי גערוים און פּרעכטיג, ווי ער איז געוואָרען צולעצט פאַר יוליוס צעזאַר און אָקטאַוו אָגוסט; דאָך האָט ער שוין דעמאָלט אויך מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גראַנדיעזע געביידע, וואָס האָט געקענט אריינגעהמען הונדערט טויזענד צושויער.

און די דאָזיגע גרויסע געביידע איז אַלעמאָל געווען געפּאַקט מיט מענשען. ניט נאָר פּלעבייער האָבען באַזוכט דעם דאָזיגען צירק נאָר אויך פּאַטריציער, אַלע, וואָס האָבען געזוכט לוסטיגע און אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונגען לויט די באַגריפען פון יענער צייט.

וואס האט אין יענעם טאג געצויגען אזוי פיעל מענשען אין צירק?

לוצי קארנעלי סוללא דער גליקליכער, דער געוועזענער דיקטאטאר, דער שרעק פון רוים, אום זיך צו פארוויילען א ביסעל און צו פארגעסען אויף א ווײלע זיין אומהיילבארע פיינליכע קראנקהייט, האט מיט א קורצער צייט פריהער געהייסען מעלדען דעם רוימישען פאלק, אז דריי טעג כסדר וועלען אויף זיין רעכענונג פאר אלעמען געגעבען ווערען מאלצייטען און לוסטיגע פארשטעלונגען.

נאך פאר דער באשטימטער צייט האט שוין דער גאנצער חמון פון רוים זיך פארזאמעלט אויפ׳ן מארסא פעלד, וואו מ׳האט געגעבען עסען און טרינקען אויפ׳ן חשבון פון דעם געוועזענעם רוימישען דיקטאטאר. וועלענדיג ארויסוויזען ס׳ארא אפענע האנד ער האט, האט סוללא געהייסען מכבד זיין דעם המון מיט די טייערסטע מאכלים און וויינען — כיד המלך. און דער המון האט מיט פארגעניגען אנגענומען אט די כיבודים פון דעם שרעקליכען הערשער, וואס איז איצט אראפ פון טראן, כאטש אין הארצען האט דאס פאלק איהם געהאסט.

ס׳איז שוין געווען ארום האלבען טאג. דער הימעל האט זיך אויסגעלייטערט און די זון האט גענומען העל שיינען. איהרע בלענדענדע שטראהלען האבען גיזילבערט די טעמפלען, די פאלאצען פון די פאטריציער, און מילד געווארעמט די מענשענמאסען, וואס האבען זיך גערדענגט אין אמפיטעאטער פונ׳ם צירק.

איבער הונדערט טויזענד בירגער האבען זיך שוין דארט צונויפגעקליבען, כדי צו זעהן דעם באליעבטענסטען ספעקטאקל פון די רוימער — דעם בלוטיגען קאמפף צווישען די גלאדיאטארען און די ווילדע חיות. צווישען המון, אויף די בעסערע פלעצער, האבען זיך געזעהן רייצענדע גרופען מאטראנעס, פאטריציער, רייטער און אויסלענדער, וואס זיינען געקומען אין דער אייביגער שטאדט פון אלע טיילען איטאליען און פון אלע עקען וועלט.

אויף דער דריטער באנק, ארום די טריאומף־טויערען, איז געזעסען א מערקווירדיג שעהנע מאטראנע. איהר פנים איז גע־

וועו ווי אַפּגעטאַקט. אַ הויכער שטערן, אַ שעהנע נאַז, אַ קליין מויל, גרויסע אויסדרוקספולע שווארצע אויגען — דאַס אַלעס האַט איהר צוגעגעבען אַ באַזונדערען צויבער. איהרע געדיכטע שוואר־צע האָר, וואָס זיינען אין לאָקען געפאַלען אויף איהרע שולטערען, זיינען אויפ'ן שטערן געווען ארומגענומען מיט אַ גאָלדענעם האָר־באַנד, וואָס האַט געשימערט מיט בריליאַנטען. פון אונטער איהר ווייסען מאַנטאַ מיט אַ פּורפּורנעם אונטערשלאַג האַט זיך ארויס־געזעהן אַ ווייסער טוניק מיט גאָלדענע פרענז.

דאַס איז געווען וואַלעריאַ, די טאָכטער פון וואַלעריא מע־סאַלא און אַ לייבליכע שוועסטער פון דעם באַריהמטען רעדנער קווינט האָרטענזי, וואָס איז געזעסען לעבען איהר.

יעדע באַוועגונג פון דעם דאָזיגען מענשען, יעדער פּאַלב פון זיין טאָגע האָט עדות געזאָגט וועגען דעם, אַז ער האָט ניט ווענינ געזאָרגט וועגען זיין אויסערליכקייט, וועלכער ער האָט געקאָנט צוגעבען אַזוי פיעל ווערדע און עדעלטום, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דאַס אַלעס איז ביי איהם גאַנץ נאַטירליך. אַלס רעדנער איז ער געווען אַזוי באַוואוסט, אַז באַריהמטע אַקטיאָרען פון יענער צייט פּלעגען צו איהם קומען זיך לערנען דעקלאַמאַציע.

ניט ווייט פון זיי זיינען געזעסען צוויי יונגע פּאַטריציער אונטער דער אויפזיכט פון זייער לעהרער. דאַס זיינען געווען צעפּיאָן און קאַטאָן — די איינִיקלאַך פון דעם באַריהמטען צענזאָר קאַטאָן. דער עלטערער איז געווען פערצעהן יאָהר אַלט, דער אינ־גערער — ארום צוועלף יאָהר.

צעפּיאָן האָט געשיינט צו זיין געזעליגער און באַרעדעווו־דיגער פון זיין ברודער און ער האָט זיך אָפט געווענדט צו זיין לעהרער מיט פראַגען. קאַטאָן איז געווען אַ שוויינעדיגער און אָנגעכמורעטער. שוין אין אָט דעם עלטער האָט ער זיך אויסגע־צייכענט מיט זיין אויסערגעוועהנליך שטאַרקען כאַראַקטער און אויסגעהאַלטענקייט אין זיינע איבערצייגונגען, דאָס, וואָס האָט שפּעטער באַריהמט געמאַכט זיין נאָמען.

איבער די טריאומף־טויערען, ביים סאַמע ארויסגאַנג, איז געזעסען אַן אַנדער אינגעל־פּאַטריציער מיט זיין לעהרער. דאָס

אינגעל האט גערעדט מיט א יונגען מאן פון א יאהר זיעבצעהן, וואס האט שוין געטראגען א טאגע, גלייך ווי א דערוואקסענער מענש.

דער יונגער מאן איז געווען קליינגעוויקסיג און שוואך גע־בויט, ער האט אויסגעזעהן בלאס און קרענקליך. זיינע גרויסע שווארצע אויגען האבען אויסגעדריקט קלוגשאפט.

דאס איז געווען טיט לוקרעצי קאר, וואס האט זיך צולעצט אומשטערבליך געמאכט מיט זיין פאעמע „וועגען דעם תוך פון זאכען". יענער, מיט וועמען ער האט גערעדט, איז געווען קאי קאסי, דער זוהן פון דעם קאנסול קאסי. קאר האט זעהר ליעב געהאט קאסי'ן פאר זיין טיעפען פארשטאנד, פאר זיין שעהנער נשמה.ביידע האבען געהאט איינע געפיהלען און שטרעבונגען, איין בליק אויפ'ן לעבען, אויף געטער און מענשען, און דאס האט נאך מעהר פארשטארקט זייער פריינדשאפט.

ווי שארף עס איז געווען דער קאנטראסט צווישען די דאזיגע צוויי פארגייסטיגטע פנים'ער און דעם בייז עזות'דיג פנים פון סוללא'ס זוהן, וואס איז געזעסען נאהענט פון זיי! איטליכם מאל, בעת מ'האט אנגעוויזען אויף איהם, ווי אויפ'ן זוהן פון דעם גליקליכען דיקטאטאר, האט א זעלבסטצופרידענער שמייכעל א קרים געטאן זיינע ליפען און א בייז פייערעל האט זיך אנגע־צונדען אין זיינע קאלירלאזע אויגען.

סוללא אליין איז נאך אין צירק ניט געווען. ווארטענדיג אויף איהם און אויף די קאנסולען, האבען דערוויילע די שילער־גלאדיאטארען זיך געפעכט מיט הילצערנע שווערדען, כדי צו פאר־וויילען דאס פובליקום. דאס פובליקום האט זיך אבער קנאפ־וואס אינטערעסירט מיט אט דעם בלוטלאזען געפעכט, אלע האבען מיט אומגעדולד געווארט אויפ'ן בלוטיגען קאמפף.

פאמפיי'ס אריינקומען אין צירק האט אויף א רגע אויפגע־רודערט דעם המון.

— לעבען זאל גניי פאמפיי! לעבען זאל פאמפיי דער גרויסער! — האבען טויזענדער שטימען געשריען.

פּאָמפּיי האָט זיך פאַרנייגט און מאַיעסטעטיש פאַרנומען זיין אָרט.

ער איז געווען הויך געוואַקסען און געבויט ווי אַ הערקולעס, מיט אַ גרויסען קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט געדיכטע שוואַרצע האָר. פון אונטער זיין ברייטע אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען האָבען אַרויסגעקוקט שוואַרצע אויסדרוקסלאָזע אויגען. זיין שעהן שטרענג פּנים האָט ניט אויסגעדריקט ניט קיין ערהאַבענע געדאַנ־קען, ניט קיין פעהיגקייטען אויף גרויסע טאַטען; אין איהם איז נישט געווען קיין זאַך אַזוינס, וואָס באַצייכענט אויסערגעוועהנ־ליכע מענשען. און דאָך איז דער דאָזיגער מענש שוין צו 25 יאָהר געווען געקרוינט מיט'ן לאָרבער קראַנץ פון אַ זיעגער און ער איז געוועזען אַזוי באַליעבט ביי זיינע סאָלדאַטען, אַז זיי האָבען איהם פּראָקלאַמירט פאַר אַ קייזער. סוללאַ אַליין, אין אַ מינוט פון אומ־דערקלעהרליכער גוטהאַרציגקייט, האָט איהם געגעבען דעם צו־נאָמען — דער גרויסער.

באַלד נאָך פּאָמפּיי'ען זיינען אַריינגעקומען אין צירקביידע קאָנסולען פון דער רוימישער רעפּובליק: פּובלי סערווי און אַפּי קלאַוודי.

אוים אַכטונג צו זיי, ווי צו פאָרשטעהער פון דער העכערער מאַכט, זיינען אַלע אויפגעשטאַנען ווי איין מענש און האָבען זיך געזעצט ערשט דאַן, בעת די קאָנסולען האָבען פאַרנומען זייערע פּלעצער. לעבען זיי האָבען זיך געזעצט מאַרק עמילי לעפּיד און קווינט לוטאַצי קאַטול, וועלכע מ'האָט אויסגעקליבען פאַר קאָנ־סולען אויפ'ן קומענדיגען יאָהר.

פּאָמפּיי האָט זיך פאַרנייגט פאַר די אַלטע קאָנסולען, וואָס האָבען איהם העפליך געענטפערט אויף זיין באַגריסונג, און ער האָט זיך אויפגעהויבען, כדי צו דערלאַנגען די האַנד מאַרק לעפּיד'ן, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ דאַנק זיינע באַמיהונגען.

ווי נאָר די קאָנסולען זיינען אַריינגעקומען האָבען די שילער־גלאַדיאַטאָרען אויפגעהערט זייער געפעכט, און אַ מחנה אמת'ע גלאַדיאַטאָרען, וואָס האָבען אין יענעם טאָג געדאַרפט זיך פעכטען, האָט נאָר געוואַרט אויפ'ן סיגנאַל אַרויסצוגעהן אויף דער אַרענע

און, ווי דער מנהג איז געווען, פארבייגעהן אין לאנגע רייהען פאר די פארוואלטער. און אלע האבען געקוקט אויף די קאנסולען, וואס זיי האבען דאס געדארפט געבען דעם סיגנאל אנצוהויבען דעם קאמף. די קאנסולען האבען אבער דעם סיגנאל ניט געגעבען, ווייל סוללא איז נאך ניט געווען.

ענדליך איז סוללא געקומען. בעת ער האט זיך באוויזען אין די טריאומף־טויערען, באגלייט פון סענאטארען און פריינד, איז דער צירק פארהילכט געווארען פון אפלאדיסמענטען.

סוללא איז אלט געווען 59 יאהר, ער האט אבער אויסגעזעהן עלטער. די אומהיילבארע פיינפולע קראנקהייט, פון וועלכער ער האט שוין צוויי יאהר געליטען, האט ארויפגעלעגט א שטעמפעל פון פריהצייטיגער אלטקייט אויף זיין פנים און אויף זיין פיגור. נעגאנגען איז ער, ווי אן אפגעשוואכטער, פאמעליך, אט, אט פאלט ער, אנגעשפארט אויף א שטעקען מיט א גאלדענער הענטעל.

אויב אין דער יוגענד האט מען איהם אויך ניט געקענט האל־טען פאר א שעהנעם, איז איצט זיין פנים געווען באמת שרעקליך. דאס גאנצע פנים איז ביי איהם געווען באדעקט מיט א רויטען אויסשיט דורכגעמישט מיט ווייסע פלעקען. זיין אדלערשע נאז און דער ביסטרער דורכדרינגליכער בליק פון זיינע לעבהאפטע גרוי־בלויע אויגען האבען צוגעגעבען זיין פנים א רויבגיריגען, גרויזאמען אויסדרוק. אויף איהם איז געווען אנגעשריבען ראכזוכט, דורשט נאך מאכט און דורשט נאך בלוט.

ער איז געווען אנגעטאן אין א ווייסען וואלענעם טוניק מיט גאלדענע פרענז און אויסגענייהט מיט גאלד און אין א העל פורפור־נעם מאנטעל, אויך אויסגענייהט מיט גאלד און צוגעשפיליעט אויפ'ן רעכטען שולטער מיט א גאלדענער שפראנטשקע געזעצט מיט בריליאנטען.

אלס מענש, וואס האסט די גאנצע מענשהייט און באזונדערס זיינע בירגער, איז ער געווען איינער פון די ערשטע, וואס וואלט אנשטאט א רוימישע טאגע בעסער געטראגען א גריכישע כלאמידע. די אפלאדיסמענטען, מיט וועלכע דאס פאלק האט איהם בא־

געגענט, האָבען ארויסגערופען אויף זיינע ליפען א גיפטיגען שמייכעל.

— אפּלאָדירט, אפּלאָדירט, שעפּסען! — האָט ער מיט פאַר־אכטונג ארויסגעפּליסטערט.

די קאָנסולען האָבען געגעבען דעם סיגנאַל אָנצוהויבען די פאָר־שטעלונג און הונדערט גלאדיאטאָרען זיינען ארויסגעגאנגען אויף דער ארענע.

פאָראויס זיינען געגאנגען רעציארי און מירמילאָן, וואָס האָבען זיך געדארפט פעכטען צום ערשטען. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין א מינוט ארום איז זיי פאָרגעשטאנען א בלוטיגער געשלעג, אין וועלכען איטליכער וועט ניט אנדערש וועלען ווי נאָר הרג'ענען דעם געגנער, זיינען זיי איצט פריינדשאפטליך געגאנגען און האָבען געשמועסט.

נאָך זיי זיינען געגאנגען צעהן לאַקוועאטאָרען, וואָס זיינען געווען באוואפענט נאָר מיט א נעץ און מיט א געוועהר, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א גרויסער דריי ציינערדיגער גאָפּעל, און זייערע ניין געגנער, סעקוטאָרען, וואָס זיינען געווען באוואפענט מיט שווערדען און מיט פאנצערס. נאָך זיי זיינען געגאנגען דרייסיג פּאָר גלאדיאטאָרען, וואָס האָבען זיך צוטיילט אויף צוויי פיינדליכע גרופּען און האָבען געדארפט פאָרשטעלען אין א קליינעם מאס־שטאַב אַן אמת'ע שלאכט.

דאָס זיינען אלץ געווען שעהנע יונגע לייט, גרויס געוואקסענע, געבויט ווי אַטלעטען. א העלפט פון זיי זיינען געווען אָנגעטאָן ווי פּראַקיער און א העלפט ווי סאַמניטען.

די באוואפענונג פון די פּראַקיער איז באשטאנען פון א קור־צען שווערד מיט א פאַרבויגענעם ענד, פון א קליינעם פיער־עקיגען פאנצער, וואָס זיין אויבערפלאך איז געווען בויכיג, אין א מעטא־לענער היטעל. זיי האָבען געטראָגען דעם נאציאָנאלען פּראַקישען קאָסטיום: א קורצער טוניק און צוויי שווארצע פעדערען אויף דער מעטאַלענער היטעל.

די סאַמניטען האָבען געטראָגען דעם נאציאָנאלען קאָסטיום פון די סאַמניטישע סאָלדאטען: בלויע טוניקעס, מעטאַלענע היט־

לען מיט צוויי ווייסע פעדערען אויף זיי. זייער באוואפענונג איז באשטאנען פון א קורצען גראדען שווערד, פון ניט קיין גרויסען פיער־עקיגען פאנצער, אן אייזערנעם ארעמבאנד אויף דער רעכטער האנד און א פריסטער־טוך אויף דער לינקער פוס.

צעהן פאר אנדאבאטען, וואס זיי האט מען אויף דער ארענע ארויסגעטריבען, האבען אפגעשטעלט דעם צוג פון די גלאדיאטארען. זיי האבען געטראגען ווייסע טוניקעס און געווען באוואפענט מיט קורצע שווערדען. זייערע קעפ זיינען געווען באדעקט מט מעטא־לענע היטלען צוזאמען מיט מאסקען איבער די פנים׳ער. די מאס־קען האבען געהאט נאר צוויי שמאלע שפאלטען פאר די אויגען. אט די אומגליקליכע האבען זיך געדארפט שלאגען, אזוי ווי שפי־לענדיג אין „בלענדענעס", כדי צו מאכען דאס פובליקום לאכען. און אז דאס פובליקום האט זיך שוין גענוג אנגעלאכט, האבען ספעציעלע צירק־באדינטע מיט אנגעברענטע אייזענס זיי געצוואונ־גען זיך אויסצושטעלען אין אזא ארדנונג, אז זיי זאלען האבען די מעגליכקייט צו דער׳הרג׳ענען איינער דעם צווייטען.

הונדערט גלאדיאטארען, ארומגעהענדיג די ארענע אונטער אפלאדיסמענטען און געשרייען פון די צושויער, האבען זיך אפ־געשטעלט פאר יענעם ארט, וואו סוללא איז געזעסען, און האבען אויסגעשריען אין כאר, ווי זייער לעהרער אציאן האט זיי געלערענט.

— מיר באגריסען דיר, דיקטאטאר!

— ניט שלעכט, ניט שלעכט! — האט סוללא זיך געווענדט צו זיין סוויטע און האט באקוקט די אויסגעשטעלטע גלאדיאטארען מיט א בליק פון אן ערפאהרענעם קאמאנדיר. — די דאזיגע כוואט־סקע יונגען פארשפרעכען אן אינטערעסאנטע פארשטעלונג. אבער אויב ניט, וועה וועט זיין אציאנען! פאר אט די פופציג פאר גלאדיאטארען האט ער פון מיר ארויסגעריסען צוויי הונדערט צוואנ־ציג טויזענד סעסטערציעס!

נאכדעם ווי די גלאדיאטארען זיינען ארומגעגאנגען דעם צירק און זיך פארנייגט פאר די קאנסולען, זיינען זיי אוועקגעגאנגען פון דער ארענע. אויף דער ארענע, וואס איז געווען באגאסען מיט

זונענשיין, ווי אין זילבער אפגעטונקט, זיינען נאר געבליבען רע־ציארי און מירמילאן.

אלע זיינען געבליבען שטיל. אלעמענס בליקען זיינען געווען אנגעשטעלט אויף די דאזיגע צוויי גלאדיאטארען. מירמילאן איז געווען א שעהנער בלאנדער יונגער מאן, א געוויקסיגער און א פלינ־קער. דער שפיץ פון זיין מעטאלענער הימעל איז געווען באצירט מיט א זילבערנער פיש, אין די הענד האט ער געהאלטען ניט קיין גרויסען פאנצער און א קורצען ברייטען שווערד. רעציארי, בא־וואפענט מיט א דריי־צייהנערדיגען אייזערנעם גאפעל, איז גע־שטאנען א טריט צוואנציג פון זיין געגנער און, ס'האט אויסגע־וויזען, אז ער באטראכט ווי אזוי אנצופאלען וואס פלינקער אויף זיין געגנער און איהם ארייננכאפען אין זיין נעץ.

מירמילאן, גרייט פאר'ן אנגריף פון זיין געגנער, איז גע־שטאנען מיט'ן שווערד אין האנט, די קני איינגעבויגען און דעם קערפער אויסגעבויגען אויף הינטען.

מיט איין שפרונג האט רעציארי זיך דערנעהנטערט צו איהם און א ווארף געטאן אויף איהם זיין נעץ.

מירמילאן האט אבער געמאכט א פלינקע באוועגונג, זיך א ווארף געטאן אין א זייט און זיך צוגעבויגען צו דער ערד. אויס־מיידענדיג אויף אזא'ן אופן די נעץ, האט ער זיך ערשט א ווארף געטאן אויף רעציארי'ן, וועלכער האט גענומען לויפען פון איהם.

אזוי ווי רעציארי איז געלאפען גיכער פון מירמילאנען, האט ער פריהער דערגרייכט דעם ארט וואו זיין נעץ איז געבליבען. ער האט נאך באוויזען א כאפ צו טאן די נעץ און וויעדער אמאל זי א ווארף טאן אויפ'ן געגנער. מירמילאן האט זיך אבער ווידער א דרעה געטאן און אויסגעמיידט די נעץ. רעציארי, נאך אן אומ־געלונגענעם פארזוך צו דערשטעכען מירמילאנען מיט'ן גאפעל, האט וויעדער גענומען לויפען.

דאס פובליקום איז געווען אומצופרידען, אלע האבען זיך גע־פיהלט באליידיגט פון דעם אומגעשיקטען גלאדיאטאר, וואס האט געוואגט ארויסצוטרעטען אין צירק ניט קענענדיגווארפען א נעץ ווי געהעריג איז.

דאָס מאָל האָט מירמילאָן מעהר ניט פאַרפאָלגט ריציאַרי'ן, ער האָט זיך נאָר אומגעקעהרט צום אָרט פון זיין לעצטען צוזאַמענשטויס, און זיך אָפּגעשטעלט עטליכע טריט ווייט פון דער נעץ. רעציאַרי האָט זיך צוריק אומגעקעהרט.

דער אויפגערעגטער המון איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף רעציאַרי'ן. רעציאַרי אַליין איז בלאַס געוואָרען ווי קאַלך און, זיך פאַרטיידיגענדיג מיט זיין גאָפּעל, האָט ער געמאַכט פאַרצווייפעלטע פאַרזוכען אויפצוהויבען זיין נעץ.

צולעצט האָט זיך איהם דאָס איינגעגעבען, כאָטש ניט אומבאַשטראָפט. מירמילאָן'ס שווערד האָט פון רעציאַרי'ס האַנד אַרויסגעשלאָגען דעם גאָפּעל און זיך אַריינגעשטאָכען אין זיין שולטער.

דאָך האָט עס ריציאַרי'ן ניט געשטערט צו אַנטלויפען מיט דער נעץ און אויסצושרייען:

— ס'איז גאָרנישט! אַ לייכטע וואונד, נישט מעהר!

ער האָט אפילו גענומען זינגען אַ קאָמישע פאָלקס ליעדעל, מיינענדיג אַז דערמיט וועט ער געווינען די גענייגטקייט פון פובליקום. און ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. דאָס ליעדעל האָט אַרויסגערופען אַ הילכיגען געלעכטער, פיעלע האָבען זאָגאַר גענומען אַפּלאָדירען דעם דאָזיגען מענשען, וואָס האָט געהאַט מוט צו שפּאַסען, בעת ער איז מיט בלוט אָפּגעלאָפען.

אַן אויפגעמונטערטער פון ערפאָלג, האָט רעציאַרי צוגעשריען צו זיין געגנער:

— קום צו מיר, מיין גאָלד! ניט דיר דאַרף איך, נאָר דיין פּיש! קום צו מיר היינט אָוועגד, איך וועל מיט דיר שיקען געבראָטענע פּיש צום גוטען כאַראָן!

און דאָס פּובליקום האָט אויף דעם דאָזיגען שפּאַס ווידער אַמאָל געענטפערט מיט אַ הילכיגען געלעכטער.

מירמילאָן, אַן אויפגעבראַכטער, האָט מיט צאָרן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רעציאַרי'ן, אָבער רעציאַרי האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען און האָט אַלץ געשפּאָסט פון איהם:

— כאַראָן וועט באַקומען פּיש! כאַראָן וועט באַקומען פּיש!

צולעצט האָט זיך איהם איינגעגעבען ארויפצואווארפען זיין נעץ אויף מירמילאָנען, וועלכער האָט געמאַכט אויסערגעוועהנליכע אַנשטרענגונגען זיך צו באפרייען. ער האָט זיך אָבער אַלץ מעהר פארפּלאָנטערט אין נעץ, ארויסרופענדיג געלעכטער צווישען פּובּליקום. ענדליך האָט ער דורכגעריסען די נעץ מיט זיינע ריעזיגע הענד און האָט זיי באפרייט. זיינע פיס זיינען נאָך אָבער געבליבען פארפּלאָנטערט.

נאָר א ווײלע האָט דאָס פּובּליקום אַפּלאָדירט, דאַן איז שטיל געוואָרען. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבען אַלע גענומען נאָכפאָלגען נאָך דעם אויסגאַנג פון געשלעג, דער סוף איז שוין געווען נאָהענט.

קוים האָט מירמילאָן באפרייט זיינע הענט האָט רעציארי איהם דערלאַנגט א שטארקען קלאַפּ מיט'ן גאָפּעל, וואָס ער האָט נאָר וואָס באוויזען אויפצוהויבען. מירמילאָן האָט אָבער אויך באוויזען אריינצושטעכען זיין שווערד אין רעציארי'ס היפּ און ארויסצורייסען דעם גאָפּעל פון זיינע הענד.

רעציארי האָט גענומען לויפען, פארגיסענדיג די ארענע מיט בלוט, אָבער אין א מינוט ארום האָבען די פיס אונטער איהם זיך גענומען בויגען און ער האָט זיך מאַכטלאָז אויסגעצויגען אויף דער ערד.

מירמילאָן, זיך באפרייענדיג פון דער נעץ, האָט זיך א וואָרף געטאָן צום געפאַלענעם שונא און, ארויפשטעלענדיג די פוס אויף איהם, האָט ער זיך פארמאָסטען מיט'ן שווערד, ווארטענדיג אויפ'ן באשלוס פון פּובּליקום.

רעציארי, לויט דעם מנהג פון באזיעגטע גלאַדיאַטאָרען, האָט געבעטען מ'זאָל איהם שענקען דאָס לעבען. אָבער ס'רוב מענער, פרויען און קינדער האָבען דעם צייגע־פינגער אראָפּגעלאָזט אויף אונטען און דאָס איז געווען דער צייכען, אַז זיי זיינען געגען דעם, מ'זאָל איהם שענקען דאָס לעבען. און דער אַרימער גלאַדיאַטאָר, זעהענדיג, אַז זיין שיקזאַל איז שוין באשטימט, האָט ניט געוואָלט שטאַרבען פון מירמילאָן'ס הענט. ער האָט זיך אַנגעשטרענגט,

ארויסגעכאפּט פון מירמילאָן׳ס הענד דעם שווערד און אליין זיך אריינגעשטאָכען אין הארצען.

צונויפקלייבענדיג גאָר די לעצטע קרעפטען, האָט ער זיך א הויב געטאָן און אויסגעשריען צום מיטליידסלאָזען המון:

— איך פארפלוך אייך!

און ער איז געפאלען ווי אן אונטערגעהאקטער בוים.

צווייטער קאַפּיטעל.

ספּאַרטאַק אויף דער אַרענע.

אונטער אויסגעשרייען און הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען האָט מירמילאָן פאַרלאָזען די אַרענע. די דיענער פון צירק האָבען צו־גענומען רעציאַרי'ס קערפּער און באַשאָטען די אַרענע מיט פרישע זאַמד.

דאָס פאָלק האָט אָהן אַן אויפהער געשריען:

— לעבען זאָל סוללאַ!

סוללאַ האָט אַ שמייכעל געטאָן און שפּאָטלוסטיג געזאָגט צום סענאַטאָר, וואָס איז געזעסען לעבען איהם.

— איך שווער ביי דעם גאָט אַפּאָלאָן, מיין באַשיצער, — די דאָזיגע רוימער זיינען שרעקליכע לײדאַקעס און טויגעניכטסען! די מיינסט, אַז מיר דריקען זיי דאָס אויס זייער דאַנקבאַרקייט? האָסטו אַ טעות. זיי דריקען אויס זייער דאַנקבאַרקייט מיינע קער־בערס, וואָס האָבען זיי נעכטען זאַט און געשמאַק געגעבען עסען.

— אָה, דו בינסט גרויס! דו האָסט אַן אָפענע האַנד! — האָט דער סענאַטאָר געזאָגט.

— זאָל יופּיטער דערשלאָגען אַלע נידריגע שמייכלער! — האָט דער געוועזענער דיקטאַטאָר אויסגעשריען מיט אויפרעגונג און אומגעדולדיג אַ קראַץ געטאָן זיין לינקען שולטער.

די הויט קראַנקהייט האָט איהם שרעקליך געמאַטערט און אַרויסגערופען אַ ברענונג אין גאַנצען קערפּער.

— איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער דיקטאַטור און אָנגע־הויבען לעבען ווי אַ פּריוואַט מענש — האָט סוללאַ פאָרטגעזעצט — פונדעסטוועגען קריכט מען נאָך אַלץ פאַר מיר און מען חנפה'ט מיר.

— ניט אַלע קריכען פאַר דיר, סוללאַ! — האָט איהם דרייסט אָפּגעענטפערט אַ פּאַטריציער, וואָס איז געזעסען ניט ווייט פון איהם.

זיין נאָמען איז געווען לוצי סערגי קאַטילינאַ. ער איז געווען אַ געוויקסיגער, מיט ברייטע שולטערן, אַ מענש פון אַ יאָהר 27. זיין גרויסער קאָפּ, באוואקסען מיט געקרויזטע האָר, וואָס איז פעסט געזעסען אויף אַ דיקען האַלז; דער ברייטער שטערן מיט אַן אָדער, וואָס איז געווען אָנגעלאָפען מיט בלוט, די שטאַרק ענטוויקעלטע מוסקלען פון זיינע הענד און פיס — דאָס אַלעס האָט באַצייכענט זיין פיזישע קראַפט, וואָס איז פאַראייניגט מיט אַ שטאַרקען ווילען. ער האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ האַסטיגען און גרויזאַמען מענשען, פאַר וועמען אַלע מיטלען זיינען רעכט געווען אויף צו דערגרייכען זיין ציעל.

אויף קאַטילינאַ'ס דרייסטער באַמערקונג, האָט סוללאַ רוהיג געענטפערט:

— וועט מען דען געפינען אין רוים אַ סך אַזעלכע מוטיגע און אומאָפּהענגיגע מענשען, ווי דו בינסט, וואָס קענען זיין גרויס סיי אין טוגענד און סיי אין זינד?

— גרויסער סוללאַ! — האָט קאַטילינאַ געענטפערט — דו קוקסט אויף מענשען פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ מעכטיגען הערשער, איך אָבער האָב אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. איך האָב ליעב פרייהייט, און מיין מיינונג איז, אַז אונזער פאָטערלאַנד וועט דאָך גליקליכער זיין אונטער דער הערשאַפט פון גאַנצען פאָלק, ווי אונטער דער דיקטאַטור פון איינעם.

— אויב אַזוי, — האָט סוללאַ שפּאָטלוסטיג געזאָגט, — פאַר וואָס שטעלט איהר מיר ניט פאַר'ן געריכט פון פאָלק און פאָדערט ניט פון מיר דין און חשבון פאַר מיינע טאַטען?

— אום אויפ'ס ניי ניט אַרויסצורופען צאַנקערייען און אַ בלוטיגע מלחמה. רוים איז שוין מיעד דערפון... אָבער לאָמיר וועגען דעם ניט ריידען. איך האָב ניט בדעה דיר צו באַשולדיגען. גענוג פעהלערען האָסטו געמאַכט, אָבער דו האָסט אויך גוטע זאַכען געטאָן. אָט צום ביישפּיעל... געדענקסטו, אַז מיט עטליכע חדשים

צוריק, בעת דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון דער דיקטאַטור, האָט אַ יונגער פּלעבעי דיר אָפּען פאַרגעוואָרפען דערפאַר, וואָס דו האָסט ביי די רוימער צוגענומען די פרייהייט און דו האָסט זיי אויסגע־מאַטערט דורך רויבעריי און שחיטות? דו וואָלסט נאָר איין וואָרט געזאָגט — און מען וואָלט איהם באַלד אומגעבראַכט. דו בינסט אָבער געווען גרויסמוטיג צו איהם... דו מוזט אָבער מודה זיין, אַז אויב אין אונזער רעפּובליק זיינען נאָך דאָ אַזעלכע דרייסטע מענ־שען, קען מען נאָך האָפען זי צו רעטען.

— יאָ, דאָס איז געווען זעהר דרייסט, העלדיש! — האָט סוללאַ געענטפערט — און דערפאַר האָב איך פון איהם ניט געוואָלט נקמה נעמען פאַר דער באַליידיגונג, ווייל איך האָב אַכטונג פאַר העל־דישקייט. ווייסטו אָבער צו וואָס זיינע ווערטער קענען פיהרען?

— צו וואָס?

— איצט, אויב אימיצען וועט זיך איינגעבען צו פאַרכאַפּען די מאַכט איבער דער רעפּובליק, וועט ער זיך שוין פון איהר ניט אָפּזאָגען.

— ס׳איז נאָך אָבער אַ פראַגע, צו אימיצען וועט זיך דאָס איינגעבען? — האָט קאַטילינאַ ווי צו זיך אַליין געזאָגט.

רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען האָבען איבערגעריסען דעם דאָ־זיגען שמועס. אויף דער אַרענע איז אין דער צייט אָנגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמפף צווישען די לאַקוועאַטאָרען און די סעקו־טאָרען, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט׳ן טויט פון צוועלף מענשען. די איבערגעבליבענע זעקס גלאַדיאַטאָרען פון דער דאָזיגער גרופּע, צעוואונדעטע, צושלאָגענע, זיינען אַוועק פון דער אַרענע אונטער הויכע קולות און געלעכטער פון פּובליקום.

איצט האָט געדאַרפט פאָרקומען דער קאַמפף צווישען די פראַ־קיער און די סאַמניטען. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער אַרענע אונטער די קלאַנגען פון טרומייטען און זיי האָבען זיך אויס־געשטעלט איינע קעגען די אַנדערע.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געווען שרעקליך. דער מעטאַלענער קלאַנג פון די פּאַנצערס און שווערדען האָט שניידענד אָפּגעהילכט אין דער טיעפער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין

צירק. רונד־ארום די קעמפפענדע זיינען געפלויגען פעדערען און שטיקלאך פון זייערע מעטאלענע היטלען, שטיקלעך פון זייערע שווערדען און פאנצערס. די צוהיצטע גלאדיאטארען האבען זיך געווארפען איינער אויפ'ן צווייטען אלץ מיט מעהר צארן און פאר־ביטערטקייט. אין פארלויף פון א פינף מינוט האט זיך שוין בלוט געגאסען אויף דער ארענע און דריי גלאדיאטארען זיינען שוין געלעגען טויט אונטער די פיס פון זייערע חברים, וואס האבען אויף זיי געטראמפעלט. די צושויער האבען מיט א פארכאפטען אטעם פארפאלגט די בלוטיגע פארשטעלונג. די מעהרהייט פון זיי איז אויך דערפאר געווען אזוי פאראינטערעסירט אין דעם אויס־גאנג פון דער שחיטה, ווייל מ'האט זיך געוועט ווער פאר די רויטע פראקיער, ווער פאר די בלויע סאמניטען.

און וואס קלענער ס'איז געווארען די צאהל פון די גלאדיא־טארען אויף דער ארענע, אלץ גרעסער איז געווארען די אויפרעגונג פון די צושויער און אלץ שטארקער זיינען געווארען די אויסגע־שרייען און אפלאדיסמענטען.

אין א שעה ארום האט שוין די שלאכט געהאלטען ביים סוף. אויף דער ארענע זיינען געלעגען 50 הרוגים אין לוזשעס בלוט. די, וואס האבען נאך געלעבט, האבען זיך ארומגעווארפען אין גסיסה־יסורים און ווילד געשריען.

ס'האט אויסגעוויזען, אז די, וואס האבען זיך געוועט פאר די סאמניטען, האבען געוואונען דעם וועט, ווייל פון די סאמניטען זיינען געבליבען זיעבען, בעת פון די פראקיער זיינען נאר דריי געבליבען. איינער פון די דאזיגע דריי איז געווען ספארטאק.

זיין אויסערגעוועהנליכע פיזישע קראפט און זיין גרענצלאזע העלדישקייט האבען איהם געמוזט מאכען פאר אן אויסערגעוועהנ־ליכען מענשען אין יענע צייטען, בעת, אום דערהויבען צו ווערען, איז פריהער פון אלץ נויטיג געווען פיזישע קראפט און ענערגיע.

ספארטאק'ן איז נאר וואס פארפולט געווארען 30 יאהר. אויס־סער די אויסערליכע אייגענשאפטען, וואס די נאטור האט איהם געשאנקען, איז ער געווען א מענש מיט ערהאבענע געדאנקען און מיט א זעלטען שעהנער און גרויסער נשמה. לויט זיין מאראַ־

לישען און גייסטיגען מאסשטאב איז ער געווען מיט א גאנצען קאפ העכער פון זיין צייט.

ער איז געווען א בלאנדין מיט געקרויזטע האר און מיט א געדיכטער בארד. זיין פנים האט אויסגעדריקט קראפט און ענערגיע, זיינע גרויסע אויסדרוקספולע בלויע אויגען זיינען פול געווען מיט לעבען און געפיהל. אין א רוהיגען צושטאנד האבען זיינע אויגען אפגעשפיגעלט גוטסקייט און באהאלטענעם קימער, איצט אבער האבען זיי געברענט מיט צארן, און ווי אין א שפיגעל האט מען אין זיי געקענט זעהן דעם גאנצען שטורם פון געפיהלען, וואס האט געווילדעוועט אין ספארטאק'ס נשמה.

ספארטאק איז געבארען געווארען אויף די ראדאפישע בערג אין פראקיען. בעת די רוימער האבען פארוויסט זיין היימלאנד און איהם אליין גענומען אין געפאנגענשאפט, האט מען איהם, אויס אכטונג צו זיין גבורה און העלדישקייט, פארדעכענט אין לעגיאן און ער האט געקעמפפט אין די רייהען פון די רוימישע סאלדאטען, בעת זיי האבען מלחמה געהאלטען מיט מיטרידאט'ן. פאר זיין העלדישקייט האט מען איהם געמאכט פאר אן עלטסטען איבער צעהן סאלדאטען, וואס די רוימער האבען גערופען דעקאן. אבער צולעצט, בעת די רוימער האבען איהם געצוואונגען צו קעמפפען קעגען די פראקיער, קעגען זיינע אייגענע, איז ער איבערגעלאפען אויף דער זייט פון זיינע לאנדסלייט און צוזאמען מיט זיי האט ער געקעמפפט געגען די רוימער. ער איז אבער פארוואונדעט געווארען און איז צוריק אריינגעפאלען אין זייערע הענד. אלס איבערלויפער האט איהם ערווארט טויט־שטראף. די רוימער האבען אבער ווייזט אויס געוואלט נאך אויסנוצען זיין געשיקטקייט און העלדישקייט, האבען זיי איהם פאר'משפט צו זיין א גלאדיאטאר און איהם פארקויפט צו א לאניסט, ס'הייסט, צו אן אייגענטימער פון א גלאדיאטאר־שולע.

ספארטאק איז ביים לאניסט אפגעווען צוויי יאהר, האט מיט איהם באריייזט כמעט אלע איטאליענישע שטעדט, האט אנטייל גענומען מעהר ווי אין הונדערט קאמפפען, ניט איין מאל איז ער געווען ערנסט פארוואונדעט און איז אלעמאל ארויסגעקומען פון

די געשלעגען אלס זיגער. אין גיכען איז זיין נאמען באריהמט געווארען איבער גאנץ איטאליען. איצט האט איהם דער רוימישער לאניסט אציאן אפגעקויפט פאר צוועלף טויזענד סעסטערציעס.

צום ערשטען מאל איז איצט ספארטאק ארויסגעטראטען אין רוים, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז שוין א האלב יאהר געווען ביי אציאנען. אציאן האט זיך ניט געאיילט איהם ארויס־צופיהרען אויף דער ארענע, מחמת ער האט איהם טייער געהאלטען אלס לעהרער פון געפעכט און גימנאסטיק אין זיין גלאדיאטאר־שולע. איצט אבער, בעת סולא האט איהם אנגעבאטען אזא שלל געלד, האט ער זיך געלאזט איבעררײידען און ארויסגעפיהרט פאר'ן רוימישען פאלק דעם באריהמטען גלאדיאטאר, וואס איז נאך קיינ־מאל ניט באזיעגט געווארען. די צוויי הונדערט צוואנציג טויזענד סעסטערציעס, וואס סוללא האט א שאט געטאן פאר הונדערט גלאדיאטארען, וואס מ'האט אין יענעם טאג ארויסגעפיהרט אויף דער ארענע, האבען געקענט פארגיטיגען אציאנען אפילו פאר ספאר־טאק'ס טויט.

פונדעסטוועגען האט אציאן, א בלאסער און פארזארגטער, מיט גרוים אנגסט נאכגעפאלגט נאך ספארטאק'ס יעדער באוועגונג, האט זיך געפרעהט מיט זיין יעדען ערפאלגרייכען קעהר און האט אויפגעציטערט איטליכם מאל, בעת ער איז נאהענט געווען צו א געפאהר.

— דרייסטער! דרייסטער, סאמניטען! — האבען געשריען יענע, ווא סהאבען זיך געוועט פאר די סאמניטען.

געשריען האט אויך דער צווייטער צד, וואס איז שטארק ארפגעפאלען פון מוט און וואס האט איצט ניט געהאפט אויף ספארטאק'ן. אויף ספארטאק'ס קאפ איז נאך געווען דער שלעם (די מעטאלענע היטעל), ער האט נאך געהאלטען דעם פאנצער און איז ניט געווען פארוואונדעט. אבער זיינע חברים זיינען געווען פארוואונדעט און, אפגעשוואכטע פון בלוט פארלוסט, האבען זיי זיך שוואך אפגעוועהרט פון די געגנער. ספארטאק האט זיי אוועק־געשטעלט הינטער זיך, רוקען צו רוקען, פארמירענדיג מיט זיי א דריי־עק. זיי האבען נאר געדארפט באשיצען ספארטאק'ס רוקען,

אום ער זאָל אומגעשטערט זיך קענען פעכטען פון פראָנט. איהם אליין איז אויסגעקומען צוריקצושלאָגען דעם אָנפאַל פון די סאַמ־ניטען.

צוויי פון זיי זיינען גאַר אין גיכען געפאַלען אונטער ספּאַר־טאַק׳ס שווערד.

שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען האָבען פאַרהילכט דעם צירק, טויזענדער שטימען האָבען גענומען שרייען:

— בראַוואָ! בראַוואָ, ספּאַרטאַק! לעבען זאָל ספּאַרטאַק!

— באַשיצט מיין רוקען! באַשיצט גוט! — האָט ספּאַרטאַק אַ געשריי געטאָן צו זיינע חברים. — נאָך איין מינוט — און מיר וועלען זיעגען!

זיין שטימע האָט זיך איבערגעריסען, איבער זיין בלאַס פּנים האָבען זיך געקייקעלט טראָפּען שוויים, זיינע אויגען האָבען גע־גלאַנצט מיט אַ פאַרצווייפעלטער ענטשלאָסענהייט צו זיעגען.

אָבערביידע חברים זיינע וואָס ער האָט געהאַט אָוועקגע־שטעלט הינטער זיך, זיינען געפאַלען איינער נאָכ׳ן אַנדערען, און ספּאַרטאַק איז געבליבען אַליין געגען פיער שונאים.

אַ ציטער האָט אַלעמען דורכגענומען, אַן אומדייטליכער מור־מעל איז דורכגעלאָפען צווישען פּובליקום, אָבער באַלד האָט ווידער איינגעטראָטען אַ טיעפע טויטע שטילקייט, און מ׳האָט געקענט הערען, ווי שווער די אויסגעמאַטערטע גלאַדיאַטאָרען אָטעמען. אין אַלגעמיין איז די אָנשטרענגונג געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט גע־קענט מיינען אַז אין אָט דער מינוט איז אויף דער אַרענע באַ־שטימט געוואָרען רוים׳ס שיקזאַל.

אָבער קיינער, מיט דער אויסנאַהם פון אַציאַנען, האָט אויף ספּאַרטאַק׳ן ניט געקוקט מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי לוציו קאַטילינאַ. וואָס האָט זיך געוועט אויף אַ גרויסער סומע פאַר די רויטע פּראַקיער.

ווי העלדיש און שטאַרק ספּאַרטאַק איז ניט געווען, אָבער נאָך דעם ווי זיין לעצטער חבר איז געפאַלען, האָט ער זיך געטראַכט: „איצט בין איך אַ פאַרלאָרענער". דאָך האָט ער באַשלאָסען אָנ־צוואווענדען אַ טאַקטיק, וואָס ער האָט געוואוסט פון דער געשיכ־

טע, — די טאַקטיק, וואָס האָראַציע האָט זיך מיט איהר באַנוצט אין׳ם קאַמפּף מיט די קוריאַציען.

ער האָט גענומען לויפען. די סאַמניטען האָבען איהם פאַר־פאָלגט.

צווישען פובליקום איז דורכגעלאָפען אַ הוזשעריי פון אומצו־פרידענהייט.

ספּאַרטאַק איז נאָך קיין פּופציג טריט ניט אָפּגעלאָפען — און ער האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן אויף צוריק און האָט דער־שטאָכען דעם נאָהענטסטען פון די וואָס האָבען איהם נאָכגעיאָגט. די סאַמניטען האָבען זיך פאַרלאָרען פון דער אומערוואַרטקייט, און אומגעזאַמט האָט ער גע׳הרג׳עט דעם צווייטען סאַמניט אונטער הילכיגע געשרייען פון פובליקום, וואָס איז איצט כמעט אינגאַנצען געווען אויף זיין זייט.

איצט זיינען נאָר געבליבען צוויי געגנער, אָבער זיי זיינען אַזוי אָפּגעשוואַכט געווען פון די וואונדען, וואָס זיי האָבען באַ־קומען, אַז זיי האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. די דאָזיגע צוויי האָט ספּאַרטאַק ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו הרג׳ענען: ער האָט מיט זיי געקענט פאַרטיג ווערען אויף אַן אַנדער אופן, איינעם פון זיי האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט׳ן פּאַנצער אין קאָפּ און ער איז אַנידערגעפאַלען, דעם צווייטען האָט ער ענטוואָפענט און אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, ער האָט איהם אָבער אונטערגע־כאַפּט מיט זיינע מעכטיגע הענד און איהם אַריינגעפּליסטערט אין אויער:

— האָב קיין מורא ניט, קריקס, ס׳קען זיין, מיר וועט זיך איינגעבען דיר צו רעטען.

זאָגענדיג דאָס, האָט ער זיך מיט איין פוס געשטעלט אויף קריקס ברוסט, מיט דער קני פון דער צווייטער פוס האָט ער זיך איינגעשפּאַרט אין ברוסט פון דעם סאַמניט, וואָס ער האָט איהם פאַרטויבט מיט׳ן קלאַפּ פון זיין פּאַנצער, און ער האָט געוואַרט אויף דעם אורטייל פון פאָלק.

דער צירק איז שיער ניט צעלייגט געוואָרען פון קולות און אַפּלאָדיסמענטען, וואָס האָבען אַ לאַנגע צייט ניט אויפגעהערט.

כמעט אַלע אַנוועזענדע האָבען אויפגעהויבען דעם צייגע־פינגער און דעם מיטעלסטען פינגער פון דער רעכטער האַנד אַלס צייכען, אַז די דאָזיגע צוויי סאַמניטען שענקט מען דאָס לעבען.

— ס'אַרא העלד! — האָט סוללא זיך געווענדעט צו קאַטי־לינאַ'ן: — ער האָט געדאַרפט געבוירען ווערען אַ רוימער.

— פרייהייט פאַר דעם העלדישען ספּאַרטאַק! — האָט דער המון געשריען.

ספּאַרטאַק'ס אויגען האָבען געשפּריצט מיט פייער, זיין פּנים איז נאָך בלאַסער געוואָרען. ער האָט צוגעדריקט די האַנד צום האַרצען, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט איינהאַלטען דאָס האַרץ ניט אַזוי שטאַרק צו שלאָגען. אָה, ווי שטאַרק זיין האַרץ האָט גע־נומען קלאַפּען, בעת ער האָט דערהערט דאָס וואָרט פרייהייט! אָה, וואָס פאַר אַ כּישוף דאָס דאָזיגע וואָרט האָט געהאַט פאַר איהם, ס'אַרא זיסע האָפנונגען עס זיינען מיט אַמאָל מיט דעם וואָרט געווען פאַרבונדען!

— פרייהייט! פרייהייט! — האָבען טויזענדער שטימען ווידערהאָלט.

— פרייהייט!... — האָט ספּאַרטאַק אַרויסגעפּליסטערט. — נאָר קיין חלום זאָל זיך דערפון ניט אויסלאָזען!

טרערען זיינען איהם אַנגעלאָפען אין די אויגען.

— ער איז אַנטלאָפען פון אונזער אַרמיי!... ער איז אַ פאַר־רעטער, ער פאַרדיענט ניט קיין פרייהייט! — האָט אימיצער פון פּובליקום אויסגעשריען איבער'ן גאַנצען צירק.

דאָס איז געווען די איינציגע שטימע געגען איהם. אַ סך אַנדערע שטימען, דערהויפּט פון יענע וואָס האָבען פאַרלאָרען דעם וועט צוליעב זיין זיעג, האָבען זיך געהערט געגען איהם.

ביי ספּאַרטאַק'ן האָט דאָס פּנים קאָנוואולסיוו גענומען צי־טערען. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גענומען קוקען אין יענער זייט פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט דער באַשולדיגונגס־געשריי געגען איהם. זיין בליק, פול מיט צאָרן און האַס, האָט געזוכט יענעם שונא זיינעם.

— פרייהייט פאַר ספּאַרטאַק'ן! פרייהייט! פרייהייט! —

האָבען דערוויילע ספּאַרטאַק׳ס אָנהענגער געשריען פון אַלע זייטען.

ס׳איז אוממעגליך איבערצוגעבען אין ווערטער, וואָס דער דאָזיגער גלאַדיאַטאָר האָט איבערגעלעבט אין יענע מינוטען, בעת אַזא וויכטיגע פראַגע אין זיין לעבען האָט באַדאַרפט באַשטימט ווערען, אַ פראַגע, וואָס איז פאַר איהם געווען טייערער, ווי די פראַגע פון לעבען. זיין טויט־בלאַס פּנים און דער אומנאַטירליכער גלאַנץ פון זיינע אויגען האָבען אָנגעוויזען אויף דעם קאַמף צווישען מורא און האָפענונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה.

דער מענש וואָס האָט מיט אָנדערהאַלבען שעה צוריק זיך געראַנגעלט מיט׳ן טויט, וואָס האָט אַ ציטער ניט געטאָן פאַר געפאַהר, וואָס איז געבליבען איינער אליין געגען פיער, אויף אַ מינוט פון מוט ניט אַראָפּגעפאַלען, — אָט דער מענש האָט איצט דערפיהלט, אַז די קני בויגען זיך אונטער איהם, און מורא האָבענדיג אַנידערצופאַלען, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן שולטער פון איינעם פון די צירק באַדיענטע, וואָס זיינען געקומען אויף דער אַרענע אויפצוקלייבען די הרוגים.

— פרייהייט! פרייהייט!! — האָט דער המון אַלץ שטאַרקער געשריען.

— ער פאַרדיענט עס פאָלשטענדיג, — האָט קאַטילינא סוללאַ׳ן צוגעפליסטערט.

— יאָ יאָ! ער פאַרדיענט עס! — האָט וואַלעריא אויסגעשריען, וואַרפענדיג אַ בעטענדען בליק אויף סוללאַ׳ן.

— נו, — האָט דער דיקטאַטאָר זיך אָפּגערופען, באַמערקענדיג וואַלעריאַ׳ס בעטענדען בליק, פול מיט ערוואַרטונג, — וועלען מיר איהם באַפרייען.

ער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אַלס צייכען פון איינשטימונג און אונטער ווילדע אַפּלאָדיסמענטען איז ספּאַרטאַק באַפרייט געוואָרען.

ספּאַרטאַק האָט ניט געענטפערט און זיך אַ ריהר ניט געטאָן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און האָט מורא געהאַט זיי צו עפענען, כדי עס זאָלען ניט פאַרשווינדען די וואונדערליכע טרוימערייען, וואָס ער האָט ניט געוואַגט אָנצונעהמען פאַר אַ ווירקליכקייט.

— דו האסט מיר רואינירט מיט דיין העלדישקייט, ליידאק דו! — האט אציאן איהם צוגעפליסטערט.

אט די ווערטער און דער אויסדרוק פון אציאן׳ס פנים האבען ספארטאק׳ן איבערצייגט, אז דאס איז ניט א חלום נאר א ווירק־ליכקייט. ער האט אויסגעגלייכט זיין ריעזיגע פיגור, מאיעסטע־טיש זיך פארנייגט פאר סוללא׳ן און פאר׳ן פובליקום און איז אוועק פון דער ארענע אונטער שטורמדיגע אפלאדיסמענטען פון המון.

דריטער קאַפּיטעל.

אינ'ם שיינק „וועגוס די באשיצערין פון קברים."

אין איינעם פון די סאַמע פאַרוואָרפענע, שמאָלע און ברודיגע געסלאך פון רוים, אויפ'ן סאַמע ברעג פון שטאָדט, איז טאָג און נאַכט געווען אָפען א שיינק, וואָס איז געווען געהייליגט צו דער „וועגוס פון באערדיגונגען", די באשיצערין פון בית עולם'ס און קברים. דער דאָזיגער שיינק האָט ווארשיינליך באקומען אזא אימה־דיגען נאָמען דערפאַר, ווייל ניט ווייט פון איהם, הינטער'ן תחום פון שטאָדט, איז געווען א פלעבייאישער בית עולם אין א גרויסער פוסטער פעלד, וואו מען פלעגט אוועקוואַרפען פאר וועלף און קראָהען די טויטע קערפּערס פון די שקלאַפען און פארברעכער.

איבער'ן אריינגאַנג אין אָט דעם שיינק איז געווען דארגע־שטעלט א וועגוס, אָבער אזא העסליכע, אז ס'איז שווער געווען אין איהר צו דערקענען די געטין פון שעהנקייט. א לאָמטערנע, וואָס האָט טריב געברענט און זיך געשאָקעלט פון ווינט, האָט שוואך באלויכטען די וועגוס און דעם בינטעל פאַרטריקענטע בלו־מען, וואָס האָט ארויסגעסטאַרטשעט פון אונטער'ן ביישטידעל פון טיר.

דער באזוכער, אריינגעהענדיג אין א נידריגער טיר און ארונ־טערלאָזענדיג זיך איבער שטיינער, וואָס האָבען פארביטען טרעפּ־לאך, פלעגט אריינפאַלען אין א פייכטען און פאררויכערטען קאַמער. רעכטס פון אריינגאַנג איז געשטאַנען אַן אויווען, וואו ס'האָט גע־ברענט א פייער און ס'האָט זיך געקאָכט א געקעכץ פון גרויפּען אין חזיר־בלוט און נאָך א מאכל — א געמיש, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואָס און האָט געהייסען — „נעצהויט". איבער'ן

אויוועז, אין דער וואנטפארטיעפונג זיינען געשטאנען ליימענע אָפּגעטער, וואָס זיי האָבען דאָס באשיצט דעם שיינק. געגען זיי האָט געברענט אַן אויל־לעמפּעל און עס זיינען געלעגען פארטריקענטע קראנצען און בוקעטען בלומען. לענג אוים די וועגט זיינען געשטאנען ביינק און טישען, און פון מיטען סופיט האָט זיך אראָפּגעלאָזט א בלייענע לאָמפּ מיט פיער ברענער, וואָס האָט נאָר געווארפען א שיין אין מיטען קאמער, בעת אין די ווינקלען איז געווען טונקעל. געגען דער אריינגאנגס־טיר איז געווען נאָך א טיר, וואָס האָט געפיהרט אין א צווייטען קאמער, א ביסעל א קלענערער און א ריינערער ווי דער ערשטער.

ארום האלבע נאכט, נאָך דעם טאָג, וואָס מיר האָבען דאָ באשריבען, איז דער שיינק פון „וועגוס די׳ קברים באשיצערין” געווען געפּאקט מיט באזוכער, דער גערויש פון פארשיידענע שטימען האָט זיך געהערט ווייט אין געסעל.

לוטאציא מאנאקאלא, די ווירטין פון שיינק, און איהר נעגערשע שקלאפין האָבען קוים באוויזען צו באדיענען די׳ געסט. ראכט זיך, אז נאָך קיינמאָל האָט זי ניט פארקויפט אזוי פיעל עסענווארג, ווי אין יענעם אָוועגד.

דער הויפּט־שמועס איז געווען די געשעהעני׳ס פון טאָג — דער קאמף פון די גלאדיאטאָרען אין צירק. אלע האָבען געריהמט ספּארטאק׳ס גבורה און העלדישקייט. די פרייע מענשען האָבען דערצעהלט וועגען דעם דאָזיגען קאמף נסים פאר יענע מענשען, וואָס לויט זייער שקלאפישען צושטאנד האָבען קיין רעכט ני׳ט געהאט צו באזוכען דעם צירק.

— צוויי און צוואנציג יאָהר ווי איך שלאָג זיך אויף דער ארענע, — האָט געזאָגט אַן אלטער גלאדיאטאָר, וואָס איז געווען באדעקט מיט שראמעם און סטרופּעס, — נאָך די׳ צייכענס אויף מיין קערפּער קען מען דאָך דערקענען, אז איך האָב גענוג געשלעגען דורכגעמאכט אין מיין לעבען, — פונדעסטוועגען האָב איך נאָך ניט באגעגענט אזא גיבור, אזא פלינקען און געשיקטען פעכטער, ווי דער ספּארטאק איז.

— יאָ, וואָלט ער געווען א רוימער, — האָט מיט באדויערען

באמערקט דער אטלעט פון צירק טאווריווי, — וואָלט מען איהם פאַלשטענדיג געקענט רופען העלד.

— ס'איז נאָר צו באדויערען, וואָס ער איז אַ בארבאר! — האָט מיט אַ פּראַכטליכער גרימאַסע געזאָגט עמילי וואָרין, אַ שעה־נער יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

— אָט איז באשערט אַ מענשען אַ גליק! — האָט זיך אין געשפּרעך ארייננגעמישט אַן אפריקאַנישער לעגיאָנער אַ הינקעדיגער, מיט אַ שראַם אויפ'ן שטערן. — אַן איבערלויפער — און איז באַ־פרייט געוואָרען! מען דאַרף אָננעהמען, אַז סוללאַ איז היינט געוועזן באזונדערס גוט אויפגעלעגט.

— מ'קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי בייז דער לאַניסט אציאַן איז געוועזן! — האָט באמערקט דער אלטער גלאַדיאַטאָר.

— איצט שרייט ער, אַז מ'האָט איהם בארויבט.

— מען האָט איהם דאָך גוט באצאָהלט פאַר דער סחורה.

— אָבער די סחורה, מוז מען צוגעבען, איז געוועזן גוטע.

— גאַנץ ריכטיג. אָבער צוויי הונדערט צוואַנציג טויזענד סעסטערציעס איז גוטע געלד.

— נאָך ווי גוט! איך שווער ביי הערקולעס'ן, — האָט אויס־געשריען דער אטלעט, — אַז איך וואָלט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אַזוי פיעל געלד!

— און מיר, מיינסטו, וואָלטען ניט געוואוסט?

— אויסגעבען, ס'פאַרשטעהט זיך, קען איטליכער, אָבער פאַר־דיענען — דאָס איז שוין אַ קליגערע זאַך — האָט טאווריווי אָפּ־געענטפערט.

— ווילסטו אפשר זאָגען, אַז סוללאַ איז דורך מיה רייך גע־וואָרען?

— ווער רעדט דאָס וועגען דעם? איטליכער ווייס, אַז בעת דער מלחמה מיט מיטרידאַט'ן און נאָך דער עראָבערונג פון עטהענס האָט ער פאַרכאַפּט פאַר זיך דעם בעסטען חלק פון דעם רויב.

— און וואָס איז וועגען קאָנפיסקאַציעס? ער האָט נאָר אימי־צען געדאַרפט ערקלעהרען פאַר אַ שונא פון דער רוימישער רעפּוב־ליק — און ער האָט איהם געקענט הרג'ענען און קאָנפיסקירען זיין

פאַרמעגען. און פאַר וואָס עפּעס זיינען אַט די אַלע שונאים גראָד געווען די רייכסטע פון די בירגער? און ווער וועט עס גלויבען, אַז די קאָנפיסקירטע פאַרמעגענס זיינען אינגאַנצען אַוועק אין דער מלוכה־קאַסע און זיי האָבען זיך ניט צוגעקלעפּט צו סוללאַ׳ס זשעדנע הענט?

— מערקווירדיג, ווי אַלץ געהט עס איהם אָפּ אַזוי גלאַט.

— יאָ, אַלץ גיט זיך איהם אַזוי איין! געווען אַן אָרימאַן און געוואָרען אַ גביר, פון גאָרנישט איז ער דיקטאַטאָר געוואָרען און זיין נאָמען איז באַריהמט געוואָרען דורך צאָהללאָזע נצחונות. אפילו אַ גאָלדענע סטאַטוע האָט מען איהם נאָך ביים לעבען גע־שטעלט... ניט אומזיסט רופט מע זאיהם „דער גליקליכער“.

— און איך וואָלט אַזאַ גליק ניט געוואָלט, אויב אין אַזאַ גליק איז אויך אַריינגערעכענט די קראַנקהייט פון וועלכער ער ליידט, — האָט געזאָגט עמילי ווארין. — איך גלויב קוים, אויב אימיצער פון אונז וואָלט אַזאַ זאַך געוואָלט פאַר זיך.

— ער האָט עס כשר פאַרדיענט, דער בלוט־זויגער! — האָט דער לעגיאָנער אויסגעשריען, און אַלס וועטעראַן פון די אַפריקאַ־נישע סאָלדאַטען האָט ער זיך פאַרנייגט צום אָנדענקען פון קאַיוס מאַריוס. — דאָס איז זיין לוין פאַר דעם בלוט פון די זעקס טויזענד סאַמניטען, וועלכע ער האָט אָפּגענאַרט אויף׳ן סאַמע פאַררעטע־רישען אופן. זיי האָבען זיך איהם אונטערגעגעבען מיט׳ן באַדינג זיי צו שענקען דאָס לעבען, און ער האָט נאָכדעם געהייסען אַלעמען אויס׳הרג׳ענען מיט פיילענבויגענס אין צירק.

— און זיין רציחה אין פּרענעסטאַ, וואו ער האָט אויסגעראָטט די גאַנצע באַפעלקערונג פון צוועלף טויזענד נפשות, יונג און אַלט, פרויען און קינדער?

— יאָ, — האָט דער לעגיאָנער פילאָזאָפיש געזאָגט, — די געטער זיינען יושר׳דיגער פון דעם מענשען. די לעזדי לויבט סוללאַ׳ן, קריכט פאַר איהם, און די געטער האָבען איהם באַצאָהלט פאַר זיינע זינד און פאַרברעכענס מיט אַ קראַנקהייט, וואָס האָט איהם געמאַכט עקעלהאַפט, ניט קוקענדיג אויף זיין רייכקייט.

— עי, איהר, פיינע יונגען! — האָט אויסגעשריען לוטאַציאַ,

די ווירטין פון שיינק, דערהערענדיג די לעצטע ווערטער — ביי מיר אין שיינק וועל איך ניט לאזען זידלען סוללא'ן! זידלען סוללא'ן? אָה, ניין!

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך! אַט די צודרעהטע איז אויך סוללא'ס א פארעהרערין! — האָט דער לעגיאָנער אין דער שטיל זיך אָפּגערופען צו די אונטערהאַלטער, ווייזענדיג אויף דער ווירטין, א קרומע און אויף איין אויג.

— ווייזט אויס, אז זי ערוואַרט גרויסאַרטיגע באַזוכער: א גאַנצען האָז בראָט זי פאר אימיצען, — האָט געזאָגט לאָוועני דער טויטענגרעבער.

— אויב נאָר דער דאָזיגער האָז איז ניט פון יענע, וואָס לויפען ביינאַכט איבער די דעכער, — האָט זיך אָפּגערופען דער בעטלער וועלעני, וואָס האָט זיך פארשטעלט פאר א קאַליקע.

— ערוואַרט זי אפשר מאַרק'ן אָדער קראַס'ן?

— און אפשר גאָר פּאָמפּיי'ען?

ווי זיי האָבען זיך אזוי געוויצעלט, געשפּאַסט און געלאַכט, זיינען אין שיינק אריינגעקומען צוויי נייע געסט.

זייער קומען האָט שוין ערקלערט, ועמען לוטאַציאַ האָט ערוואַרט.

זי האָט זיך פריידיג א וואָרף געטאָן זיי אנטקעגען, זי האָט זיך גענומען פּרעגלען אין שמחה, ליעבענסווירדיג זיי באַגריסט און אוועקגעפיהרט אין צווייטען קאַמער, וואו פאר זיי איז שוין געווען סערווירט א טיש.

— אַט דאָ, אַט דאָ, מיין גוטער טרעבאָני, און דו, פּרעכטיגער גלאַדיאַטאָר! — האָט לוטאַציאַ גענומען ארומפּאַדען ארום זיי און אוועקזעצען זיי אויף די ערטער. — אַט באַלד וועל איך דערלאַנגען אויף וועטשערע אזא האָז, וואָס אפילו קראַס האָט נאָך קיין מאָל ניט אָנגעזעהן.

טרעבאָני איז פריהער געווען דער אייגענטימער פון א גלאַ־דיאַטאָר־שולע, פון וועלכער ער האָט אָנגעזאַמעלט א היבשען פאַר־מעגען, וואָס האָט איהם פארזיכערט א רוהיגען עלטער. אָבער די געוואוינהייט און די ליעבע צו דער געזעלשאַפט פון גלאַדיאַטאָרען

האט איהם איצט אויף געצויגען אין זייער סביבה און איהם האט ניט אפגעשטויסען פון דעם שיינק, וואו די אומגליקליכע פלעגען זיך צונויפקלייבען. מ׳האט געזאגט, אז ניט נאר דאס אליין האט איהם געצוואונגען זיך צו חבר׳ן מיט די גלאדיאטארען. פיעלע זיינען געווען איבערצייגט אז ער באנוצט זיך מיט זיי, ווי מיט א געצייג, אין דער צייט פון בירגערליכע אומרוהען און ער ווירקט אויף זיי ארויסצוטרעטען פאר יענע פאטריציער, וואס גיבען איהם געלט אויף איינצושאפען זיך א געוויסע צאהל גלאדיאטארען. מ׳האט געזאגט, אז ער האט שטענדיג אנגעגרייט גאנצע מחנות אזעלכע לעזדיען, וועלכע ער שיקט אונטער צו פארנעהמען פלעצער אויף די פאלקס־פארזאמלונגען, בעת דארט ווערט פארהאנדעלט א וויכטיגער ענין אדער עס קומען פאר וואהלען און מען דארף איינ־שרעקען די ריכטער אדער ארויסרופען א מהומה.

ווי די זאך איז ניט געווען, טרעבאני איז אבער געווען א פריינד און א באשיצער פון די גלאדיאטארען. ענטציקט פון ספארטאק׳ס גלענצענדען נצחון, האט ער איהם, דעם העלדישען ספארטאק׳ן, אויסגעזוכט אין צירק, איהם ארומגענומען, א קוש געטאן און איהם פארבעטען אויף כיבוד אין שיינק פון „ווענוס די באשיצערין פון קברים“. דא האט טרעבאני געוואלט פייערן ספארטאק׳ס באפרייאונג.

צווישען די פארשידענארטיגע באזוכער, וואס האבען יענעם אוונד פול געמאכט דעם שיינק, זיינען געווען, ווי געוועהנליך, ניט וועניג גלאדיאטארען.

כמעט אלע פון זיי האבען געקענט טרעבאני׳ן און זיי האבען איהם פריידיג באגריסט; און ער, מיט א זעהר ליעבענסווירדיגען שמייכעל, האט זיי איינגעלאדען אין צווייטען קאמער, וואוהין אלע זיינען אריין באלד נאך איהם.

ספארטאק האט געטראגען דעם זעלביגען רויטען טוניק, וואס אין איהם האט ער זיך געשלאגען אין צירק; נאר פון אויבען האט ער געטראגען א פלאשץ.

ווי נאר ער האט זיך באוויזען אין שיינק האבען אלע אויף איהם גענומען קוקען מיט גרוים אויפמערקזאמקייט. די וואס

האָבען איהם געזעהן אין צירק האָבען מיט ענטציקונג אויף איהם אָנגעוויזען, ווי אויפ'ן העלד פון טאָג, וואָס וועגען איהם רעדט גאַנץ רוים; און די, וואָס האָבען איהם נאָך ניט געזעהן, האָבען איהם באַקוקט מיט נייגעריגקייט. אַלע האָבען שטיל אַרויסגערעדט זיין נאָמען.

קענטיג, אַז ספּאַרטאַק האָט אַרום זיך קיין זאַך ניט באַמערקט. ער איז געווען טרויעריג און האָט געשוויגען, ער האָט כמעט קיין זאַך ניט געגעסען און אפילו זיך ניט צוגעריהרט צו דעם וויין, וואָס טרעבאָני האָט איהם אָנגעגאָסען. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זיינע געדאַנקען זיינען געווען ערגיץ־וואו גאַנץ ווייט.

— איך שווער ביי הערקולעס'ן, איך פאַרשטעה דיר ניט, ספּאַר־טאַק, — האָט טרעבאָני אויסגעשריען, בעת ער האָט געוואָלט דער־גיסען ספּאַרטאַק'ס בעכער און ער האָט צו זיין פאַרוואונדערונג דערזעהן, אַז ער האָט זיך נאָך צו איהם ניט צוגעריהרט. — דו טרינקסט גאָרנישט ? וואָס איז מיט דיר ?

— פאַר וואָס ביזטו אַזוי טרויעריג ? — האָט געפרעגט איי־נער פון די גלאַדיאַטאָרען.

— מ'קאָן מיינען, — האָט אַ צווייטער באַמערקט, — אַז דו ביזט אַהער געקומען ניט פייערן דיין באַפרייאונג, נאָר אָפּריכטען דעם יאָהר־צייט נאָך דיין מאַמען.

— פון מיין מאַמען ! — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט מיט אַ זיפץ און האָט נאָך נידריגער אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— עט, גענוג טרויערן ! — האָט טרעבאָני געזאָגט, — לאָמיר בעסער טרינקען פאַר דיין באַפרייאונג, פאַר דער פרייהייט !

און, זיך אויפשטעלענדיג, האָט ער הויך אויפגעהויבען זיין בעכער.

אַלע גלאַדיאַטאָרען האָבען נאָכגעפאָלגט זיין ביישפּיעל. זייע־רע פּנים'ער זיינען געוואָרען באַלעבט, זייערע אויגען האָבען גענומען גלאַנצען.

— לעבען זאָל די פרייהייט ! — האָבען אַלע אין קול אַרויס־געדונערט.

— אַ גליקליכער ביזטו, ספּאַרטאַק ! — האָט אַ יונגער גלאַ־

דיאַטאָר טרויעריג באַמערקט: — דו האָסט באַקומען פרייהייט בײַם לעבען, און אונז קאָן נאָר דער טויט באַפרייען!

ביים וואָרט „פרייהייט" איז ספּאַרטאַק׳ס פּנים ליכטיג געוואָרען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און, הויך אויפהויבענדיג זיין בעכער, האָט ער אויפ׳ן קול אויסגעשריען

— לעבען זאָל די פרייהייט!

אָבער נאָך די טרויעריגע ווערטער פון דעם יונגען גלאַדיאַטאָר האָט ספּאַרטאַק׳ס האַנט זיך אַראָפּגעלאָזט. ניט ווילענדיג האָט ער צוגעטראָגען דעם בעכער צו די ליפּען און, ניט אויסטרינקענדיג אין גאַנצען, האָט ער איהם אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. זיין פּנים איז ווידער פינסטער געוואָרען און אַ טרויעריגע מחשבה האָט גענומען עגבערן זיין מוח.

די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מינוטען, אַלע האָבען געקוקט אויף ספּאַרטאַק׳ן.

עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט פאַרגעסען, אַז ער איז דאָ ניט אַליין, האָט ער גענומען שטיל זינגען אַ גלאַדיאַטאָר לידעלע, וואָס מ׳פּלעגט אָפט זינגען אין אַציאַנ׳ס גלאַדיאַטאָר שולע.

ניט דאָ געבאָרען, געבאָרען אַ פרייער,
פריי ווי אַן אָדלער, צווישען פאַרשנעהטע בערג;
געבאָרען אַ שטאַרקער, געזונטער און דרייסטער, —
אַ לייב פון אַ מדבר, וואָס ווייס ניט פון שרעק.

* * *

געקומען דער שונא, אין גלות פאַרטריבען,
אין קייטען געשמידט, באַרויבט און פאַרוויסט;
ווייט פון זיין היים און ווייט פון זיין לאַנד,
וואָס האָט איהם געשפּייזט, געקליידט און געשוהצט.

* * *

איצט מוז ער זיין ברויט פון רציחה פאַרדינען;
פאַר׳ן ווילדען המון, וואָס קוויקט זיך מיט בלוט,
מוז ער זיך בויגען און קנייטשען און שטאַרבען
און ניט וויסען וועט קיינער פון זיין געביין!

— דאָס איז אונזער ליעד ! — האָבען עטליכע גלאַדיאַטאָרען פריידיג אויסגעשריען.

ספּארטאק'ס אויגען האָבען אויפגעבליצט ; נאָר, ווערענדיג באהאלטען זיינע געפיהלען פון טרעבאני'ן, וואָס האָט אויף איהם געקוקט, האָט ער געמאַכט א גלייכגילטיג פנים און נאַכלעסיג גע־פרעגט די גלאַדיאַטאָרען :

— פון וועלכער שולע זייט איהר ?

— פון יוליוס ראַבעציוס שולע.

ספּארטאַק האָט זיך אומגעקעהרט צום טיר צו, און אַרויסגע־רעדט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געווענדעט צו דער אריינקומענדער שקלאַפין :

— ליכט !

די גלאַדיאַטאָרען האָבען זיך איבערגעקוקט, און איינער פון זיי, וואָס איז געווען זעהר צוטראָגען, האָט צוגעגעבען :

— און פרייהייט !... דו האָסט זי פאַרדינט, העלדישער ספּארטאַק !

איצט האָט ספּארטאַק זיך איבערגעקוקט מיט די גלאַדיאַטאָרען.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אין טיר באַוויזען אַ נייער גאַסט און מיט אַ שטאַרקער שטים האָט ער געזאָגט :

— יא, דו האָסט פאָלשטענדיג פאַרדינט די פרייהייט, אומ־באַזיגבאַרער ספּארטאַק !

אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט. אין טיר איז אומבאַוועגליך געשטאַנען אַ הויכע, העלדישע פיגור, איינגעוויקעלט אין אַ ברייטען, טונקעלען פּלאַשץ.

— קאַטילינא ! — האָט טרעבאני אויסגעשריען זיך אויפהויבענדיג פון זיין אָרט.

ער איז איהם געגאַנגען אַנטקעגען, זיך טיף פאַרנייגט פאַר איהם און, צולייגענדיג די האַנד צו די ליפּען, לויט'ן רוימישען מנהג, האָט ער פאַרטגעזעצט :

— איך באַגריס דיר, געריהמטער קאַטילינא ! וועלכע געטער דאַרפען מיר דאַנקען פאַר'ן גליק דיר דאָ צו זעהן ?

— איך דארף דיר זעהן, טרעבאני, — האָט קאַטילינא געענט־פערט און, זיך ווענדענדיג צו ספּאַרטאַק'ן, האָט ער צוגעגעבען:

— און דיר אויך.

— מיר? — האָט ספּאַרטאַק געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג?

— יאָ, דיר, — האָט קאַטילינא רוהיג איבערגעזאָגט זעצענדיג זיך, און ער האָט אַ וואונק געטאָן, די איבריגע זאָלען זיך זעצען. דאַן האָט ער געזאָגט:

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך וועל דיר דאָ טרעפען, איך בין אָבער געווען זיכער, אַז טרעבאני'ן וועל איך דאָ יאָ טרעפען, און פון איהם וועל איך געוואַהר ווערען וואו דיר צו געפינען.

ספּאַרטאַק האָט איהם אָנגעקוקט אַלץ מיט מעהר פאַרוואונ־דערונג.

קאַטילינא האָט פאָרטגעזעצט:

— מ'האָט דיר געגעבען פרייהייט, קיין געלד האָט מען דיר אָבער ניט געגעבען, כדי דו זאָלסט זיך קאָנען באַנוצען מיט דיין פרייהייט. אַ דאַנק דיין העלדישקייט און דיין קונסט זיך צו שלאָ־גען האָב איך היינט געוואונען אַ וועט פון צעהן טויזענד סעסטער־ציעס, און איך וויל זיך צוטיילען מיט דיר! איך שלאָג דיר פאָר אַ העלפט פון דעם געוואונענעם געלד. דו האָסט רעכט אויף אַ העלפט: איך האָב ריזיקירט מיט געלד, און דו האָסט ריזיקירט מיט דיין לעבען.

צווישען די גלאַדיאַטאָרען איז דורכגעלאָפען אַ פּליסטער פון צופרידענהייט. קאַטילינא'ס אָנבאָט האָט זיי געוואונדערט און אויסגעוויזען אויסערגעוועהנליך גרויסמוטיג. אין יענע צייטען איז געווען אַ גרויסע זעלטענהייט, אַז אַ פאָרנעהמער פּאַטריציע זאָל ביי זיך פועל'ן זיך אַריינצולאָזען אין אַ געשפרעך מיט פאַראַכטעטע גלאַ־דיאַטאָרען, און נאָך מעהר, צו אָנערקענען זייער אַדעלמוט און העל־דישקייט און וועלען זיי באַהילפיג זיין.

ניט ווייניגער פון די איבריגע איז ספּאַרטאַק געווען איבעראַשט און געריהרט פון קאַטילינא'ס ווערטער.

— פון גאַנצען הארצען דאַנק איך דיר, אַדעלמוטיגער קאַ־טילינא, — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט מיט אויפרעגונג, — איך קאָן

אבער ניט, איך האב קיין רעכט ניט אנצונעמען דיין אנבאט. מיין געוועזענער לאניסט אציאן האט מיר היינט פארגעשלאגען צו לער־נען די גלאדיאטארען אין זיין שולע און דאס וועט מיר פארזיכערען מיט חיונה.

קאטילינא האט זיך צוגעבויגען צו ספארטאק׳ן און גאנץ שטיל איהם אריינגעפליסטערט אין אויער:

— און איך קוועל מיר אויך אונטער דעם יאך פון טיראנץ! איך בין אויך א שקלאף פון אט דער קלאגעדיגער געזעלשאפט! איך בין א גלאדיאטאר צווישען פאטריציער, און איך וויל, ווי איהר אלע, ליכט און פרייהייט!

ספארטאק האט אויפגעציטערט און מיט שרעק זיך אפגערוקט, קוקענדיג אויף איהם מיט ערשטוינונג.

— איך וויים אלץ, — האט קאטילינא פארטגעזעצט, — איך בין מיט אייך יד אחת. נעהם די פינף טויזענד סעסטערציעס. דאס איז ניט קיין נדבה, זיי זיינען דיינע, מיין חלק האב איך באקור־מען דורך דיר, דורך דיין העלדישקייט.

זאגענדיג דאס, האט קאטילינא אריינגענומען ספארטאקס רעכ־טע האנד אין זיין האנד און באזונדער שטארק זי געדריקט, וואס האט איהם נאך מעהר געפלעפט.

— איצט גלויבסטו, אז איך וויים אלץ? — האט קאטילינא איהם גאנץ שטיל געפרעגט.

ספארטאק איז געווען באשטירצט. ער האט בשום אופן ניט געקאנט פארשטעהן, ווי אזוי האט קאטילינא זיך דערוואוסט די סיגנאל־צייכענס און די ווערטער פון די גלאדיאטארען, וואס האָ־בען אנטייל גענומען אין דעם געפלאנעוועטען אויפשטאנד קעגען דער רוימישער הערשאפט.

— איך בין אזוי אויפגערודערט אין דער דאזיגער מינוט, איך בין אזוי איבערראשט פון דיין גרויסמוט, גוטהארציגער קאטילינא, — האט ספארטאק געזאגט באהאלטענדיג דאס געלד, וואס קאטי־לינא האט איהם דערלאנגט, — אז איך בין ניט בכח אויסצודריי־קען, ווי דאנקבאר איך בין דיר. ערלויב מיר צו קומען ביי דיר מארגען אווענד, אום דיר אפצודאנקען, ווי דו פארדינסט.

מיט זיין בליק האט ער אויסגעדריקט דאס, וואס מ'האט ניט געקאנט אויסדריקען מיט ווערטער.

קאטילינא האט פארשטאנען, צו וואס ער וויל ביי איהם קומען און, צושאקלענדיג מיט'ן קאפּ, האט ער געענטפערט:

— די טירען פון מיין הויז זיינען אלע מאל אָפען פאר דיר. און איצט, — האט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צו טרעבאני'ן און צו די גלאדיאטארען, — לאָמיר טרינקען צו־בעכער וויין. וויר־טין! ברענג אונז פון דעם סאמע אלטען וויין, וואס ביי דיר איז נאר דא, — האט ער זיך געווענדעט צו לוטאציא מאנאקאלא, די ווירטין פון שיינק.

— אָה, — האט די ווירטין שטאלץ געענטפערט, — איך האב וויין, וואס מען מעג שטעלען אויף יופּיטער'ס טיש.

און, זיך פארנייגענדיג פאר קאטילינא'ן איז זי אוועק ברייַנגען וויין.

— הער אויס, טרעבאני, — האט קאטילינא זיך גע'יועגדעט צום געוועזענעם לאניסט.

— איך הער מיט ביידע אויערן.

— קאנסטו דעם זילבער ארבייטער עזאפאר?

— איך קאן איהם, איך קאן איהם.

— טא געה אריבער צו איהם, — עס זאל ניט אויסקומען, אז אימיצער האט דיר געשיקט, נאר אז דיר אליין איז איינגעפאלען איהם צו ווארענען, — גיב איהם צו פארשטעהן, אז ער וועט זיין אין א געפאהר, אויב ער וועט זיך ניט אפּזאגען צו מאהנען פון מיר דורך'ן געריכט די פופציג טויזענד סעסטערציעס, וואס איך בין איהם שולדיג.

— איך פארשטעה!

— זאג איהם, אז דו האסט געהערט פון גלאדיאטארען, אז עטליכע יונגע פאטריציער, וואס זיינען מיר איבערגעגעבען פאר מיינע וואהלטהאטען, האבען צונויפגעזאמעלט, נאטירליך, אהן מיין וויסען, א מחנה גלאדיאטארען און ווילען איהם אפּטאן גאר א מיאוסען שפּיצעל.

— איך פארשטעה!... כ'וועל טאן אזוי, ווי דו ווילסט.

דערווייל האָט לוטאַציאַ געבראַכט וויין און אָנגעגאָסען אין די בעכערס.

— דאָס וויין, — האָט זי געזאָגט, — איז פארנאַנדערגעגאָסען געוואָרען אין קאָנסולאַט פון לוצי מארצי פיליפּ און סעקסטי יולי צעזאַר.

— הייט עס, אַז דאָס וויין איז אין גאַנצען צוועלף יאָהר אַלט, — האָט קאַטילינאַ געזאָגט און זיך פארטיפט אין געדאַנקען, קענטיג, וואָס די דאָזיגע נעמען האָבען אויף איהם אָנגעיאָגט.

קוקענדיג אָנגעשטרענגט אין איין פינטעל און זיך שפּילענדיג מאַשינמעסיג מיט אַ בלייענעם גאָפּעל, איז ער לאַנג געבליבען שטיל און אומבאַוועגליך. און אויך אין קאַמער האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט.

פון דערבייאיגען קאַמער האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגען אימיצענס אַ פריידיגער אויסרוף :

— אָ, ראָדאָפּעאַ ! ראָדאָפּעאַ !

ספּאַרטאַק האָט אַ ציטער געטאָן. אַט דער נאָמען האָט איהם דערמאָנט זיין היימאַט, די ראָדאָפּיאישע בערג, זיין הויז, זיין פאַמיליע. אַ גאַנצער ים שווערע עראינערונגען האָט אריינגעשטראָמט אין זיין נשמה.

— זיי געגריסט, ראדאפּעאַ ! ס'אַראַ גוטער גאַסט דו ביזט, ווי אָנגעלייגט דיין קומען איז, רייצענדע ראדאפּעאַ ! — האָבען עטליכע שטימען געשריען.

אַלע האָבען ארומגערינגעלט דאָס מיידעל, וואָס איז געווען אַזוי ניט עהנליך אויף די געוועהנליכע באַזוכערינס פון שיינק — געשיקטע און רירעוודיגע.

ראדאָפּעאַ איז ווירקליך געווען רייצענד. זי איז אַלט געווען ניט מעהר ווי צוואַנציג יאָהר. אַ פּאָר בלויע אויגען האָבען באַלויכטען איהר שעהן ראָז פּנים'ל, איהרע פּראַכטפולע בלאָנדע האָר זיינען געווען פארפלאָכטען אין צעפּ און צוגעדעקט מיט אַ בלויען טוך ביז'ן העלפט שטערן. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ בלויען טוניק מיט זילבערנע פרענז ; אויף איהרע הענט האָבען געבלאַנקט זילבערנע בראַסלעטען.

מ׳האָט לייכט געקאָנט דערקאָנען נאָך איהר אויסלערליכען אויסזעהן, אַז זי איז ניט קיין רוימערין, נאָר אַ שקלאַפין, אַז זי איז אומגליקליך, כאָטש איהר פּנים איז געווען אַ פרעהליכער. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי גוט איהר האָט זיך געלעבט ביי איהרע בעלי הבתים, אַז לוטאַציאַ׳ס עלענדער שיינקעל איז געווען איהר איינציגע פאַרווײלונג, איהר איינציג פאַרגניגען.

ראַדאָפּעאַ איז געווען אַזאַ צוציהענדע, אַזאַ היימליכע, און זי האָט זיך מיט אַלעמען געהאַלטען אַזוי פריינדליך, אַז אפילו די גרעבסטע באַזוכער פון שיינק האָבען קיינמאָל ניט געוואָגט זי צו באַליידיגען. איהר קומען אַהער איז ביי אַלעמען געווען אָנגעלייגט. מ׳האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז איטליכעס מאָל, בעת זי קומט, ברענגט זי מיט זיך עפּעס־וואָס ליכטיגעס און גוטעס, פון וואָס אַלעמען איז געוואָרען היימליכער און פריידיגער אויף דער נשמה.

זי איז געווען אַ זונענשטראַל, וואָס האָט פון צייט צו צייט באַלויכטען דעם דאָזיגען פאַר׳חושך׳טען שיינקעל.

ענטפערענדיג פריינדליך אויף די באַגריסונגען, ׳האָט ראַ־דאָפּעאַ זיך צוגעזעצט צו לוטאַצאָ׳ן און גענומען מיט איהר ווע־גען עפּעס־וואָס פּלוידערן.

פאַרנומען מיט׳ן געשפּרעך, האָט לוטאַציאַ ניט באַמערקט, אַז דער טויטענגרעבער לאַוועני, זיין פאַך־חבר ארעזי און דער בעט־לער וועלעני, צוהיצטע פון וויין, האָבען גענומען זידלען די פּאַטרי־ציער און קאַטילינאַ׳ן. ס׳איז אומעגליך געווען זיי איינצוהאַמעווען, הגם זייערע חברים האָבען זיך געבעטען ביי זיי אַז זיי זאָלען זיך באַרוהיגען. מעהר פון אַלעמען האָט ארעזי זיך געקאָכט.

— דאָס זיינען פּיאַווקעס וואָס זויגען אונזער בלוט! — האָט ער ווילד געשריען, — פאַר וואָס געהען זיי צו אונז? זאָלען זיי זיך אָפּטראָגען פון דאַנען!

— ער איז אַהער געקומען, — האָט לאַוועני געענטפערט, — כדי צו קלייבען נחת פון אונזער אָרימקייט, מיט וואָס מיר האָבען צו פאַרדאַנקען איהם און די אַנדערע פון זיין גלייכען.

— זאָל ער זיך אָפּטראָגען צו זיך אויפ׳ן פּאַלאַטין! — האָט וועלעני געשריען.

— אפילו אין גהינום־אפגרונד, נאָר פון דאַנען זאָל ער זיך אָפּטראָגען.

— ארויס פּאַטריציער! ארויס קאַטילינאַ! — האָבען גע־שריען עטליכע שטימען אויף אַמאָל.

דערהערענדיג די דאָזיגע געשרייען, האָט קאַטילינאַ דראָהענד אָנגעכמורעט די ברעמען און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט.

טרעבאַני האָט איהם געוואָלט איינהאַלטען, אָבער קאַטילינאַ האָט איהם אָפּגעשטויסען און, פאַרשטעלענדיג די טיר מיט זיין מאַיעסטעטישער פיגור, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן שוועל, האָט די הענד פאַרלייגט אויפ'ן ברוסט און הויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— וואָס האָט איהר זיך צוקוואַקעט, זשאַבעס! — האָט ער אויסגעשריען איבער'ן גאַנצען שיינק. פאַרהאַסטע שרצים, וואָס ווילט איהר פון קאַטילינאַ'ן?

— מיר ווילען, דו זאָלסט זיך אָפּטראָגען פון דאַנען! — האָ־בען זיי געשריען.

— אויפ'ן פּאַלאַטין! אויפ'ן פּאַלאַטין! — האָבען אַנדערע אונטערגעכאַפּט.

— פּרובירט נאָר מיר ארויסטרייבען! ווער וויל זיך מיט מיר אויסמעסטען אין קרעפטען? — האָט קאַטילינאַ געפרעגט זיך גרייט מאַכענדיג צום קאַמף.

ארעזי און לואווע‌ני זיינען געווען די ערשטע, וואָס זיינען אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד פון קאַטילינאַ'ס אייזערנעם פויסט. דאָסזעלבע איז געשעהן מיט וועלעני'ן, וואָס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף קאַטילינאַ'ן מיט אַ מעסער.

דער שיינק איז פאַרהילכט געוואָרען פון קרעכצען, פון קללות און פון זידלערייען. ס'איז געוואָרען אַ אומבאַשרייבליכע מהומה, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער. די פרויען האָבען זיך פאַררוקט אין ווינ־קעל, באַהאַלטענדיג זיך הינטער לוטאַציאַ'ן. די פריינד פון די באַ־זיעגטע האָבען גענומען סטראַשען קאַטילינאַ'ן און זיי זיינען ארויס־געטרעטען געגען איהם.

טראַבעני, ספּאַרטאַק און די אַנדערע גלאַדיאַטאָרען האָבען גע־

נומען איינריידען קאטילינא'ן ער זאָל זיי דורכלאָזען און דערמיט זיי געבען א מעגליכקייט צו באַרוהיגען די בויאַנעס, אָבער אומזיסט. קאטילינא האָט זיך פון אָרט ניט גערירט און, ארויסציהענדיג זיין שווערד, האָט ער גענומען מיט איהם פאָכען רעכטס און לינקס.

די אָנפאַלער האָבען זיך אָפּגעטראָגען. קאטילינא האָט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט באַרוהיגט. ער איז געווען צורייצט, ווי א ווילדע חיה, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט ענטשלאָסענהייט ווי־דער אמאָל זיך א וואַרף צו טאָן מיט זיין שווערד אויף די בויאַנעס. אָבער אויגענבליקליך האָבען זיי זיך א וואַרף געטאָן צום טיר און דער שיינק איז געוואָרען ליידיגער.

קאטילינא האָט צוגעוואָרפען לוטאציא'ן עטליכע גאָלדענע מטבעות און איז ארויס פון שיינק, ניט פאַראָבשיידענדיג זיך מיט קיינעם פון זיי.

ראדאפעא, דערזעהענדיס ספּאַרטאַק'ן, האָט זי אויף איהם גע־נומען קוקען מיט ברייט צועפּענטע אויגען. זי האָט זיך אַליין ניט געגלויבט.

— ער! ער! — האָ זי פּלוצלינג אויסגעשריען און זיך א וואַרף געטאָן צו איהם. — ספּאַרטאַק! ספּאַרטאַק, מיין ליעב־סטער! ספּאַרטאַק!

— מירדזא! שוועסטער מיינע! — האָט ספּאַרטאַק אויסגע־שריען, דערקאָנענדיג אין איהר זיין שוועסטער און ארומנעהמענ־דיג זי.

וויפיעל יאָהר האָט ער זי ניט געזעהן! איבערגעלאָזט האָט ער זי א פרייע, ארומגערינגעלט פון א ליעבענדער, צערטליכער פאַ־מיליע, ביי וועלכער זי איז געווען, ווי די אויגען אין קאָפּ. און אָט איצט איז דער דאָזיגער צאַרטער בליהמעל אויסגעריסען געוואָרען פון דער לייבליכער סביבה און איז פאַרוואָרפען געוואָרען אזוי ווייט, אזוי ווייט פון דער היים, וואו ער ווערט פאַרוויאַנעט אָהן זונענשיין און אָהן טוי. זיין טייערע מירדזא! זיין טייערע שוועסטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געטאָן קיין שווערע ארבייט, וועלכע מ'האָט שטענדיג געצערטעלט און אָפּגעהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ — זי איז איצט א שקלאַפין! א וועלכער איז געמיינער ליידאַק האָט

זי אפגעקויפט, ווי מען קויפט אפ א זאך און ,ס'קאן אויך זיין, אז ער וועט זי צווינגען צו טאן דאס, וואס איהם וועט זיך פארוועלען! ער קאן זי באליידיגען און ערנידריגען, ווי איהם וועט איינפא־לען! ער וועט אפילו קאנען זי צו'הרג'ענען און קיין קלאגער און קיין ריכטער וועט ניט זיין, ער וועט פאר'ן געזעץ ניט דאר־פען ענטפערן... זי איז א שקלאפין!... אה, ספארטאק האט גוט געוואוסט, וואס הייסט זיין א קנעכט!...

מירדזא האט געוויינט, צופאלענדיג מיט'ן קאפ צום ברודער'ס שולטער. און ער, אויפהויבענדיג צום הימעל זיינע אויגען, פול מיט טרערען, האט אויסגעשריען:

— יופיטער! און דו קאנסט דערלאזען שקלאפעריי, ווען דו האסט אין דיינע הענד בליצען!... ניין, ענטוועדער קיין גע־טער זיינען נישטא, אדער זיי זיינען אויך אזוי אומגערעכט ווי מענשען!

פערטער קאפיטעל.

דאָס האָט ספּאַרטאַק אויפגעטאָן, באַקומענדיג פרייהייט

צוויי חדשים זיינען אוועק נאָך די באַשריבענע געשעהעניסען. ס'איז געווען אַ קאַלטער טאָג אין מאָנאַט יאַנואַר. ס'האָט געבלאָזען אַ שניידענדער צפון־ווינט, וואָס האָט געיאָגט איבער'ן הימעל נידריגע גרויע וואָלקענס, וואָס האָבען פון זיך געוואָרפען אויף דער ערד שיטערע, נאָר גרויסע פייכטע שטיקער שניי.

די בירגער, וואָס פלעגען זיך פאַרזאַמלען צוליב זייערע געשעפטען אויפ'ן פאָרום, האָבען דאָס מאָל אויסגעמיידט דעם דאָזיגען שטאָדטישען פּלאַץ און טויזענדערווייז האָבען זיי זיך געדרענגט אונטער די וועראַנדעס (פּאָרטיקאָ'ס), וואָס האָבען אַרומגערינגעלט די הייזער, באַזונדערס ביי עמילי'ס באַזיליקס.

אויף איינער פון די וועראַנדעס, אָנגעשפּאַרט אָן די מאַרמאָרנע פּאַרענצען, איז געשטאַנען ספּאַרטאַק און געקוקט צוטראַכטען אויף דעם המון, וואָס איז אונטען געגאַנגען הין און צוריק.

ער האָט געטראָגען אַ בלויען טוניק מיט אַ טונקעל־רויטען גריכישען פּלאַשץ, וואָס איז געווען פאַרשפּילעט אויפ'ן רעכטען שולטער מיט אַ זילבערנעם שנאַל.

ניט ווייט פון איהם האָבען דריי בירגער וועגען עפּעס־וואָס זיך געאַמפּערט. צוויי פון זיי זיינען אונז שוין באַקאַנט : דער אַטלעט טאַוורינווי און דער אַקטיאָר עמילי. דער דריטער האָט באַלאַנגט צו יענעם צאָהלרייכען קלאַס פון די רוימישע בירגער, וואָס האָבען זיך גערופען קליענטען. זיי האָבען מיט קיין זאַך זיך ניט באַשעפטיגט, האָבען געלעבט אויף די נדבות, וואָס די פּאַטריציער

פלעגען זיי געבען, דערפאר פלעגען זיי באגלייטען די פאטריציער אויף די פארזאמלונגען, פלעגען שטימען פאר זיי, אדער פאר וועמען זיי פלעגען הייסען און אלע מאל פלעגען די פאטריציער זיי צוּוואַרפען דערפאר עפעס־וואָס.

טאווריווי און עמילי ווארין האבען קריטיקירט דעם באוואוסטען רוימישען גביר, מארק קראס, און דער דריטער, וועלכער איז געווען מארק קראס'ס קליענט, האט איהם זעהר היציג פארטיידיגט.

ספארטאק'ן האט ניט אינטערעסירט זייער אמפעריי, ער איז געווען פארטיפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען.

ער האט געטראכט וועגען זיין שוועסטער, וואס איהם האט זיך ניט איינגעגעבען זי צו באפרייען.

די סומע, וואס ער האט באקומען פון קאטילינא'ן, איז ווייניג געווען אויף אויסצוקויפען די שוועסטער פון שקלאפעריי. מירדזעס בעל הבית האט אויסגעבעטען פיעל מעהר, ווי ספארטאק האט געהאט, און אזוי פיעל געלד האט ער ניט געקאנט באקומען.

אמת, איצט איז מירדזא געווען אונטער פיעל בעסערע באדינגונגען : א דאנק טרעבאניעס באמיהונגען, וועלכער איז געווען גוט באקאנט מיט'ן אראטאר הארטענזי, האט ער אויסגעווירקט, אז הארטענזיעס שוועסטער, וואלעריא מעסאלא, וועלכע איז געווען סוללא'ס פרוי, זאל זי אפקויפען. אבער ניט דאס האט ספארטאק געוואלט. ווער האט געקאנט קאווירען, אז מירדזא וועט אויף אלעמאל בלייבען ביי דער גוטער הארענטע, וואלעריא מעסאלא ? אויסער דעם, ספארטאק האט געוואלט אינגאנצען זי באפרייען פון שקלאפעריי.

ספארטאק האט אויך געטראכט וועגען קאטילינא'ן, וואס ער האט איהם זעהר אפט באזוכט און פלעגט מיט איהם אויג אויף אויג פיעל רעדען וועגען דעם ענין, וואס איז איהם אזוי טייער געווען און וואס ער האט געוואלט ווידמען זיין גאנצען לעבען.

ער האט ניט באמערקט, ווי צו איהם איז צוגעגאנגען א מענש פון מיטעלען וואוקס, אבער אויסערגעוועהנליך שטארק געבויט, מיט שווארצע אויגען און מיט א שווארצער בארד, און מיט א געזיכט, וואס האט אויסגעדריקט א שטארקען כאראקטער.

— דו האָסט זיך אזוי פארטראכט, אז דו קוקסט און זעהסט קיין זאך ניט פאר דיינע אויגען, — האָט ער געזאָגט און אוועקגע־לייגט זיין האנט אויף ספארטאק׳ם שולטער.

— א, דאָס ביזטו, קריקס ! איך האָב דיר גאָר ניט דערקאָנט.

— האָט ספארטאק געענטפערט, אזוי ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף.

קריקס האָט געשטאמט פון גאליען, ער איז געווען איינער פון ספארטאק׳ס איבערגעגעבענע פריינד. ער איז דאָס געווען יענער גלאַדיאטאָר, וועלכען ספארטאק האָט זיך באמיהט צו רעטען אין צירק.

— איך האָב געזעהן ארטאָריקס׳ן, — האָט קריקס געזאָגט, — ער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקעהרט פון קאפּואי.

— האָט ער זיך מיט וועמען עס איז אויפגערעדט ? — האָט ספּארטאָק געפרעגט.

— יא, מיט א גערמאניער, זיין נאמען איז ענאָמאי — האָט קריקס געענטפערט, — ער איז פאררעכענט פאר׳ן שטארקסטען און געוואנדסטען אין דער גאנצער שול.

— נו, און ווי האלט עס מיט איהם ?

— דער דאָזיגער ענאָמאי האָט פארטראכט כמעט דאָסזעלבע וואָס דו. ער האָט באלד איינגעשטימט צוצושטעהן צו אונזער פאראיין און האָט צוגעזאָגט פלייסיג צו זאמלען פאר אונז אנהענגער צווי־שען די גלאַדיאטאָרען פון דער קאפּואנישער גלאַדיאטאָר־שול.

— אָה ! — האָט ספּארטאק שטיל אויסגערופען — ווען די געטער וועלען אונז העלפען, וועט אין עטליכע יאָהר ארום שקלאַפעריי פארשווינדען פון דער וועלט.

— צום באדויערן, — האָט קריקס פאַרטגעזעצט, — איז אָבער דער דאָזיגער גערמאניער, ווי מען זאָגט, א צו היציגער און איז ניט פאָרזיכטיג.

— דאָס איז שלעכט.

— געוויס איז דאָס שלעכט.נו, און וואָס איז מיט קאטילינא׳ן ?

— כ׳האָב מורא, אַז אויף זיין הילף איז ניטאָ וואָס צו רע־בענען.

— פאר וואס ? איז ער דען אזא שרעקעדיגער ?

— ניין, ער איז א געוואגטער און א ריזיקאנט, דערצו איז ער זעהר קלוג. אבער ער איז א רוימער ! איך פארדעכטיג, אז ער וויל זיך באנוצען מיט אונזערע שווערדען. כדי ע ר זאל גרוים ווערען, אז ער שטרעבט נאר צו שטירצען די איצטיגע ארדנונג, אבער ניט אפצושאפען די בארבארישע געזעצען, לויט וועלכע די גאנצע איבעריגע וועלט איז פארשקלאפט צו רוים... היינט פון אווענד וועלען זיך ביי איהם פארזאמלען זיינע פריינד. איך וועל דארט אויך קומען און איך וועל זיך באמיהען זיך צונויפצורייידען מיט זיי אויף א באשטימטען אופן.

— ווייסען דען זיינע פריינד אויף אונזער סוד ? !

— האב קיין מורא ניט ! ווען אפילו זיי וועלען אונז ארויס־געבען, וועט קיינער ניט גלויבען, אז מיר האבען פארטראכט צו מא־כען אן אויפשטאנד. די רוימער האסען אונז אזוי שטארק, אז זיי האלטען אונז אפילו ניט פאר פעהיג אויף אזא זאך. זיינען מיר דען מענשען נאך זייערע באגריפען ?

— דאס איז אמת, — האט קריקס מיט ביטערקייט געענט־פערט, — זיי רופען דאך אונז בהמות . . . אך, ספארטאק, אויב דו וועסט אונז ארויספיהרען קעגען די דאזיגע זעלעגלאזע בעלי גאות, קעגען די דאזיגע פארהאסטע אונטערדריקער אונזערע, אויב דו וועסט אונז גיבען א מעגליכקייט זיך אויסצומעסטען מיט זיי אין קרעפטען אויף אן אפענעם פעלד, באווייזען זיי, אז מיר זיינען אויך אזעלכע מענשען, ווי זיי זיינען, — וועל איך דיר דאנקבאר זיין נאך מעהר, ווי פאר דעם, וואס דו האסט געראטעוועט מיין לעבען !

— מיר וועלען זיי דאס באווייזען, קריקס ! יא, מיר ווע־לען דאס באווייזען, — האט ספארטאק איהם געענטפערט מיט א טאן פון איבערצייגונג, דריקענדיג איהם די האנט.

— לאמיר געהן ! — האט קריקס שטיל געזאגט, — מיר דאכט זיך, אז אציאן האט בדעה צו צוגעהן צו אונז. נאר וואס האט ער מיר געבעטען איך זאל דיר איינריידען, אז דו זאלסט זיך איהם פארקויפען פאר א גלאדיאטאר, ער וויל געבען פערציג טויזענד סעסטערציעס.

— ער האָט מיר שוין וועגען דעם געזאָגט, האָב איך איהם געהייסען געהן צום טייוועל מיט זיין געלד צוזאמען.

ספארטאק און קריקס זיינען האסטיג אוועק פון דער וועראנדע און דורכ'ן פאָרום האָבען זיי זיך פארנומען צום פאלאטין צו. דאָרט לעבען קאטולא'ס פאָרטיק, האָט קאטילינא געדארפט זיך טרעפען מיט ספארטאק'ן, ווי זיי האָבען אָפּגעמאכט.

קאטולא'ס הויז האָט באלאנגט צו די פראכטפולסטע געביי־דען אין רוים. דער פאָרטיק ארום הויז, וואָס איז געווען וואונדער־ליך שעהן באצירט, איז געווען דער באליבטער פארזאמלונגס־פּלאַץ פון די רוימישע פרויען, וואו זיי פלעגען זיך באשעפטיגען מיט גימ־נאסטישע שפּיעלען.

דער דאָזיגער פאָרטיק פלעגט זיין ארומגערינגעלט פון א מחנה נייגעריגע, וואָס זיינען שטענדיג גרייט אָנצוקוקען יעדע אומזיסטע פאָרשטעלונג. אפילו די סאַמע אנגעזעהענסטע פאטריציער פלע־גען זיך ניט שעהמען אָפּצושטעלען זיך ביי אָט דעם פאָרטיק און קוקען, ווי די פרויען מאַכען גימנאסטיקע.

קאטילינא איז געשטאַנען אָנגעשפּארט אָן א זייל און האָט געשמועסט מיט קווינט קורי, וועלכער האָט שפּעטער ארויסגעגעבען קאטילינא'ן אַלס דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער פארשווערונג, און מיט'ן יונגען לוצי בעסטי, וועלכער איז געווען קאָנסול פון דער פּלעבייער פּארטיי, אין דעם יאָהר פון דער פארשווערונג.

גערעדט האָבען זיי וועגען קראַס'ן.

— איהר ווייסט ניט, וויפיעל געלד ער האָט ? — האָט לוצי בעסטי געזאָגט מיט אויפרעגונג, — איבער זיבען טויזענט טאַ־לאַנטעם ! ווי געפעלט אייך דאָס ?

— אין אונזער גוט איינגעאָרדענטער רעפּובליק איז דאָס גאָר קיין וואונדער ניט, — האָט קאטילינא איהם אָפּגעענטפערט. — פּאָר א מענשען מיט א באגרענצטען שכל און מיט א קליינער נשמה'קע זיינען אָפען אַלע וועגען צו כבוד און צו מאכט. איך, צום ביישפּיעל, וואָס פיהלט אין זיך די קראַפט און די פעהיגקייט צו זיין א פיהרער פון אַן אַרמיי, קאָן זיך ניט דערשלאָגען צו קיין אנגעזעהענער שטעלע, ווייל איך בין אָרים און פארפלאָנטערט אין

חובות. און ווען קראַס'ן וואָלט זיך מאַרגען פּאַרוועלט צו ווערען א פיהרער פון אַן ארמיי אָדער א פּאַרוואַלטער פון א פּראָווינץ, וואָלט ער עס באַלד געוואָרען, ווייל ער קאָן אונטערקויפען ניט נאָר דעם הונגעריגען המון, נאָר אפילו אויך דעם זשערנעם סענאַט.

— און ווי אומעהרליך ער האָט ערוואָרבען זיין רייכקייט! — האָט קווינט קורי באַמערקט.

— דאָס איז גוט באַוואוסט! — האָט לוצי בעסטי געזאָגט.

— ער האָט אָפּגעקויפט האַלב אומזיסט די גיטער וואָס סוללא האָט קאָנפיסקירט ביי זיינע קרבנות, ער האָט געקראָגען כמעט אומזיסט שטיקער ערד אין די קווארטאַלען פון די פּלעבייער, וואָס זיינען פאַרוויסט געוואָרען פון די שרפות, און מיט דער הילף פון זיינע קנעכט האָט ער זיי אינגאַנצען פאַרבויט מיט הייזער.

— די הייזער פאַרדינגט ער, און דאָס געלד גיט ער אַוועק אויף פּראָצענט — האָט קאַטילינא צוגעגעבען. דאָס איז ניט עהרליך און ניט שעהן, דערפאַר אָבער ווערט דערפון ווארים אין די קעשענעס.

— ווען עס אייביג אַזוי זיין?! — האָט קווינט קורי אויסגעשריען.

— מיר דאַרפען נאָר וועלען! מיר דאַרפען נאָר צווינגען אונזערע מאַסען צו פאַרשטעהן, וואָס פאַר א קראַפט זיי שטעלען מיט זיך פאָר און אַז זיי זאָלען זיך אויסקלייבען אַן ערפאַהרענעם, דרייסטען פיהרער!... — האָט לוצי בעסטי אָנגעהויבען.

— שווייג שטיל! — האָט קאַטילינא איהם אָפּגעשטעלט. ניט אויף דער גאַס און ניט מיט פּוסטע ווערטער דאַרפען מיר אונזער כעס אויסגיסען, נאָר ביי זיך אין דער היים דאַרפען מיר ערנסט באַאורטהיילען אונזער אבזיכט, כדי צו דערגרייכען דעם ציעל אין דער רעכטער צייט. ס'קאָן זיין, אַז עס איז שוין ניט ווייט יענער טאָג, בעת מיר וועלען מיט איין שטויס איינוואַרפען דעם אַלטען בנין, וואו אונז איז נאָר באַשערט צו פאַרנעמען די קעלער־וואָהנונגען.

— גיט נאָר א קוק, ווי היימלאָך האַרטענזי איז היינט! — האָט קווינט קורי איהם איבערגעשלאָגען. — ער קאָן זיך נאָך אַלץ

ניט אָנפּרעהען, וואָס זיין קאָנקורענט ציצעראָן איז אָוועקגעפּאָרען.

— וואָס פאַר אַ פּייגלינג דער דאָזיגער ציצעראָן איז ! — האָט קאַטילינאַ געזאָגט מיט פאַראַכטונג. — ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז סוללאַ קוקט אויף איהם קרום פאַר וואָס ער פאַרעהרט מאַריוס'ן, האָט ער זיך שוין אָפּגעטראָגען קיין גריכענלאַנד... ווען איך וואָלט געווען אַזאַ גרויסער רעדנער, ווי ער איז, וואָלט איך אין צוויי יאָהר צייט געוואָרען דער הערשער פון רוים !... דאָך, — האָט ער צו־געגעבען נאָך אַ קליינער פּויזע, — אויב אונז וועט זיך ניט איינגע־בען איהם צוצוציהען אויף אונזער זייט, קאָן ער זיין זעהר גע־פעהרליך פאַר אונז.

אין דער אייגענער מינוט האָט די געשלאָסענע מחנה צושויער, וואָס איז געשטאַנען פאַר'ן פּאָרטיק, זיך אַביסעל פאַנאַנדערגע־רוקט און צווישען די זיילען האָט זיך באַוויזען די מאַיעסטעטישע פיגור פון וואַלעריאַ מעסאַלאַ, איינגעהילט אין אַ לאַנגער פעלערינע פון טייערען אָריענטאַלישען בלויען שטאָף. האָרטענזי און עטליכע אַנדערע פּאַטריציער האָבען זי באַגלייט, ביז וואַנען זי האָט זיך ניט אריינגעזעצט אין אַ טראָג־שטול באַצירט מיט גאָלד און מיט פּורפּור, וואָס פיער שטאַרקע שקלאַפען האָבען איהם געבראַכט.

— דאָס איז וואַלעריאַ, סוללאַ'ס פרוי, — האָט ספּאַרטאַק צוגעפּליסטערט קריקס'ן.

ספּאַרטאַק האָט דערקאָנט די האָרענטע וואָס ביי איהר האָט זיין שוועסטער געדינט אַלס שקלאַפין.

וואַלעריאַ האָט אויך דערקאָנט ספּאַרטאַק'ן און, בעת דער טראָג־שטול, אויף וועלכען די פיער שקלאַפען האָבען זי געטראָגען, איז אויסגעקומען קעגען איהם, האָט וואַלעריאַ אויף איהם אַ רעכטע ווײַלע אויפמערקזאַם געקוקט.

איצט האָט קאַטילינאַ אויך באַמערקט ספּאַרטאַק'ן. ער האָט איהם צו זיך צוגערופען און איהם געזאָגט :

— קום היינט פון אָווענד, וואָס שפּעטער.

— איך וועל קומען, — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט און, זיך פאַרנויגענדיג, איז ער אַוועק.

בעת ער און קריקס זיינען געגאַנגען איבער דער הייליגער גאַס,

איז זיי געקומען אנטקעגען א יונגע, זעהר שעהנע און רייך געקליי־
דעטע מיידעל, באגלייט פון א שקלאף און א שקלאפין.

זי איז צוגעגאנגען צו ספארטאק׳ן, האט זיך אפגעשטעלט פאר
איהם און געזאגט אויף גריכיש:

— זאל גאט זיין דיין היטער, ספארטאק.

— איך דאנק דיר, שענהייט, — האט ער געענטפערט מיט
פארוואונדערונג.

די אומבאקאנטע איז נאך נעהנטער צו איהם צוגעגאנגען און
האט גאנץ שטיל געזאגט:

— ליכט און פרייהייט!

ספארטאק האט אויפגעציטערט, אביסעל זיך אנגעכמורעט
און געזאגט מיט א טאן פון אומצופרידענהייט.

— איך פארשטעה ניט אט דעם מאדנעם שפאס.

— איך שפאס ניט און דו מאך ניט דעם אנשטעל, אז דו
פארשטעהסט מיר ניט — האט די אומבאקאנטע איהם אפגעענט־
פערט. דאס איז דער געשריי פון אלע אונטערדריקטע וואס דור־
שטען אראפצוואארפען פון זיך די קייטען פון רוימישען יאך. צו
זיי באלאנג איך אויך, איך, די געוועזענע שקלאפין.

און, אנכאפענדיג ספארטאק׳ס האנד, האט זי שטארק זי גע־
דריקט מיט איהר קליינער הענטעל, וועלענדיג איהם ווייזען, אז
זי ווייס אפילו דעם צייכען, וואס איז אנגענומען צווישען די גלא־
דיאטארען.

— איצט זעהסטו שוין, — האט זי פארטגעזעצט מיט א שמיי־
כעל, — אז איך ווייס אלץ און דו דארפסט פאר מיר קיין מורא ניט
האבען. קום אריין צו מיר! איך וואהן אט אויף דער גאס, אט
אין יענעם הויז, קום אריין! איך קאן דיר א סך העלפען אין דער
אונטערנעמונג, וואס דו האסט פארטראכט... מיין נאמען איז
עווטיבידא . . . איך וועל אויף דירווארטען. קום אריין!

דאס שעהנע מיידעל האט זיך פארנייגט און איז אוועק.

זיי האבען נאך ניט באוויזען צו קומען צו זיך פון אט דער
אומערווארטעטער באגעגניס, ווי צו זיי איז צוגעלאפען א גיך־געהער

וואָס איהם האָבען זיי מיט עטליכע מינוט צוריק געזעהן לויפענדיג פאר וואלעריא׳ס טראָג־שטול און מאַכענדיג א ווארע פאר איהר.

— ווער פון אייך איז ספארטאק ? — האָט ער געפרעגט.

— איך, — האָט ספארטאק זיך אָפּגערופען.

— דיין שוועסטער מירדזא וועט היינט ארום האלבע נאכט אויף דיר ווארטען אין הויז פון איהר הארענטע. זי מוז מיט דיר ריידען וועגען א זעהר וויכטיגער זאַך.

— איך וועל אומבאדינגט קומען, — האָט ספארטאק גע־ענטפערט.

דער גיך־געהער איז אוועקגעגאנגען, און ביידע פריינד האָבען זיך פארנומען לינקס, צו א זייט־געסעל. זיי האָבען בשום אופן ניט געקאָנט טרעפען, וועגען וואָסער וויכטיגער זאַך וויל מירדזא מיט איהם ריידען.

פינפטער קאפיטעל.

קאטילינא׳ס עס־צימער און וואלעריא׳ס גאסט־צימער

קאטילינא׳ס הויז וואס איז געשטאנען אויף דעם דרום שרעג פון פאלאטינער בערגעל איז געווען ניט קיין גרויסע און ניט קיין פרעכטיגע פאר יענער צייט, אבער אינעווייניג איז דאס הויז געווען אזוי רייך צוגעקליבען אז עס האט זיך געקאנט פארגלייכען מיט די פראכטפולסטע וואהנונגען פון די פאטריציער.

דער לאנגליכער עס־צימער וואו קאטילינא איז געזעסען מיט זיינע געסט איז געווען איבערגעטיילט דורך זעקס מארמאר זיילען, וואס ארום זיי האבען זיך געשלענגעלט גירלאנדעס פון לארבער, האפען און ראזען. לענג אוים די ווענט זיינען געשטאנען מארמאר סטאטועו פון באוואוסטע קינסטלער ; צווישען זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט צוועלף בראנזענע עפיאפען, אין גאלדענע בראסלע־טען און האלז־בענדער, וואס האבען געהאלטען זילבערנע קאנדע־ליאברען מיט אנגעצונדענע לאמפען. אויך פון סופיט האבען זיך אראפגעלאזט גאלדענע און זילבערנע לאמפען קינסטלעריש אויס־געארבייטע, וואס האבען העל באלויכטען דעם זאל און אין דער איינענער צייט איהם פול געמאכט מיט אן אראמאט פון דופטיגע גראזען, וואס האבען זיך אינוועניג געריכערט.

ארום דעם טיש, פאנאנדערגעלייגט אין ווייכע לאזשען, מיט די עלענבויגענס אנגעשפארט אויף פורפור קיסעלאך, זיינען גע־זעסען יונגע רוימישע פאטריציער, קאטילינא׳ס געסט.

אלע זיינען זיי געווען אנגעטאן אין ווייסע באקוועמע קאסטיו־מען פון א וואלענעם דין אויסגעארבייטען שטאף און האבען געטרא־גען אויף די קעפ קראנצען פון לארבער, האפען און ראזען.

דער אווענט מאַלצייט האָט שוין געהאַלטען ביים סוף, בעת דער שקלאַף האָט געמאָלדען קאַטילינאַ'ן, אַז ספּאַרטאַק מיט זיין חבר זיינען געקומען.

— אַה, ענדליך ! — האָט קאַטילינאַ אויסגעשריען, — זאָלען זיי זיך איבערטאָן און פיהר זיי אריין.

דער שקלאַף האָט זיך פארנייגט און איז ארויסגעגאנגען, און קאַטילינאַ האָט געהייסען איינעם פון זיינע באַדינטע, ער זאָל אַלע שקלאַפען, וואָס האָבען באַדינט אַרום טיש, אריינגעמען אין אן אנדער צימער, אויך אַלע אַקטיאָרען און מוזיקאנטען, וואָס האָבען אַמוזירט די געסט.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען אין זאַל אריינגעקומען ספּאַרטאַק און זיין חבר קריקס אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער און מיט קראַנצען אויף די קעפּ.

— באַהיטען זאָלען די געטער דעם ווירט פון הויז און די געסט ! — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט.

— זייט אַלע געגריסט ! — האָט קריקס צוגעגעבען.

ענטפערענדיג אויף די באַגריסונגען האָט זיך קאַטילינאַ אויפגעהויבען און איז געגאַנגען מקבל פּנים זיין די אריינגעקומענע.

— וואָס אַזוי שפּעט ? — האָט ער געפרעגט מיט פּאַרוואורף.

— מ'האָט מיך פארהאַלטען אין שיינק וואו עס קלייבען זיך צונויף די גלאַדיאַטאָרען, — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט. — מיר האָבען דאָרט געהאַט אַ וויכטיגע באַראַטונג.

— איז דאָס טאַקי אמת, אַז די גלאַדיאַטאָרען ריידען וועגען זייערע רעכטען און ווילען זיך אונטערנעמען צו פאַרטיידיגען זיי מיט וואַפען אין די הענד ? — האָט לוצי בעסטי געפרעגט ניט אָהן איראָניע.

ספּאַרטאַק איז געוואָרען אַן אָנגעצונדענער און ער האָט זיך מיט מיה איינגעהאַלטען ניט צו ענטפערן איהם שאַרף.

באַמערקענדיג דאָס, האָט קאַטילינאַ זיך אריינגעמישט.

— אַדעלמוטיגע פּאַטריציער ! — האָט ער זיך געווענדעט צו די געסט. איהר זעהט פאַר זיך דעם העלדישען, מעכטיגען ספּאַרטאַק'ן, וועלכער האָט באַדאַרפט געבוירען ווערען ניט אַ פראַקיער,

נאָר א רוימישער פּאטריציע. אייך איז באוואוסט, ווי העלדיש ער האָט געקעמפּט אין די רייהען פון אונזערע לעגיאָנען.

— און דאָס האָט איהם פונדעסטוועגען ניט געשטערט צו אנט־לויפען צום שונא ביי דער ערשטער באקוועמער געלעגענהייט, — האָט לוצי בעסטי איהם איבערגעשלאָגען.

— ווי ! — האָט קאטילינא אויסגעשריען, — און דו באשול־דיגסט איהם דערפאר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט קעמפען קעגען זיין פאטערלאנד ? ווער פון אונז וואָלט אויף זיין אָרט ניט געטאָן דאָסזעלביגע ? איך האָב אייך שוין געזאָגט, ווענען וואָס ער טראכט איצט, ער, דער אומדערשראָקענער העלד. שטערבען מיר דען ניט צו פרייהייט, פונקט אזוי ווי די גלאדיאטאָרען ? ווערען מיר דען ניט געדריקט פון די זעלביגע אָליגארכען ? דאָס גאנצע גאָלד, וואָס די אונטערטעניגע פעלקער צאָהלען אונז שווימט אריין אין זייערע הענד, און מיר, פאטריציער, די אמת'ע גרינדער פון דער רוימישער מאכט, מיר דארפען שטארבען אין אָרימקייט, מיר דארפען פארלירען אונזער יוגענד און אונזערע קרעפטען אין קאמף מיט דער נויט ! איבער די אויערן זיינען מיר אָפּגעטונקט אין חובות און מיר צאַפּלען זיך אין זיי, ווי פליגלען אין די נעצען פון א שפין. אונזער געגענווארט איז האָפנונגסלאָז, אונזער צו־קונפט איז נאָך ערגער. ביז וואנען וועלען מיר דולדען ? שוין צייט צו ערוואכען !

קאטילינא'ס רעדע האָט אויפגערירט די איינגעדרעמעלטע גע־פיהלען פון די פאטריציער, וואָס זיינען געווען אביסעל בארוישט פון וויין. זייערע פנים'ער זיינען באלעבט געוואָרען, זייערע אויגען האָבען גענומען גלאנצען. א זופּ טאָענדיג פון בעכער, האָט קא־טילינא פאָרטגעזעצט :

— אלזאָ, מיינע פריינד, איך האָב אייך היינט פאררופען, אום געמיינשאפטליך צו באאורטיילען, צו דארפען מיר אפשר זיך פאר־איינינען מיט ספארטאק'ן און מיט זיינע גלאדיאטאָרען, וואָס וועט זיכערער מאכען אונזער ערפאָלג ? מיר דאכט זיך, אז עס איז א סך זיכערער צונויפצוקלייבען אלעמען, צו האָבען אויף אונזער

זייט איטליכען, ווער עס וויל זיך ערווערבען רעכט, אָדער זיך נוקם זיין פאר אַן אומרעכט, איידער די קרעפטען זאָלען זיין צוואוארפען.

די איינווענדונגען פון די פּאטריציער האָבען באוויזען, אַז ווייט ניט אַלע זיינען געווען פאר קאטילינא'ס פארשלאג. די רוימישע שטאָלץ האט זיי ניט דערלאָזט זיך צו פארבינדען מיט באַרבאַרען און מיט שקלאַפען.

ספּארטאק האָט פארשטאנען, אַז די שפּיעל איז אַ פארלאָרענע און אַז וויטערדיגע געשפּרעכען אויף דער דאָזיגער טעמע זיינען איבריג. איצט אָבער האָט ער נאָר געוואָלט זיי אביסעל פארבלענדען די אויגען.

— אדעלמוטיגער קאטילינא! — האָט ער געזאָגט זיך אויפהויבענדיג, — איך זעה, אַז אַ פאראייניגונג צווישען אונז איז אומעגליך. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב דאָס געוואוסט פון אָנהויב אָן און בין געקומען אהער, נאָר כדי צו ערפילען דיין באַגעהר. איצט האָב איך מיר ענדגילטיג איבערצייגט, אַז מיר פארפאָלגען גאַנץ פארשידענע ציעלען. פאר אייך איז נאָר נויטיג דערלייזט צו ווערען פון די רוימישע הערשער, בכדי איהר זאָלט קאָנען פארנעמען זייערע ערטער. וועגען די שקלאַפען, וואָס זיינען פול אין זייערע הייזער, וועגען די גלאַדיאטאָרען, וואָס זיינען פול אין אייערע צירקען, דאגה'ט איהר גאָר ניט. פאר אונז אָבער איז די פראַגע אַ גאַנץ אנדערע. מיר זיינען דערנידעריגט און פארהאסט ביי אייך, מיר זיינען אָפּגעריסען פון אונזער היים, פון אונזער פאַטערלאנד, מיר זיינען געצוואונגען צו הרג'ענען איינער דעם אַנדערן, כדי אייך צו אמוזירען, מיר ווילען פריהער פון אַלץ פרייהייט! הייסט דאָס, אַז אונז וואָלט אויסגעקומען צו מאכען אַן אויפשטאנד און צו רעוואָלטירען ניט קעגען די איצטיגע הערשער פון רוים, נאָר קעגען דעם סאמע געזעץ, וואָס ערלויבט זיי צו דריקען און שטיקען, געגען דעם געזעץ, וואָס ערלויבט איין מענשען הערשען איבער אַ צווייטען, ריכטיגער געזעגט — קעגען שקלאַפעריי! זיינען מיר דען אימשטאנד אזא זאך צו אונטערנעמען? האָבען מיר דען כוחות דערצו? וואָס קאָן אויפטאָן אַ הויפען גלאַדיאטאָרען קעגען די צאָהלרייכע לעגיאָנען, וואָס זיינען אזוי

פארהארטעוועט געוואָרען אין קאמף? אָט פאר וואָס איך האָב געטרוימט צו געפינען אין דיר אַ מיטהעלפער. אָבער אַזוי ווי די פּאטריציער קאָנען ניט ווערען די פיהרער פון די גלאַדיאטאָרען, און די גלאַדיאטאָרען אַליין זיינען מאכטלאָז, מוזען מיר זיך אָפּזאָגען פון אונזער זינלאָזען חלום און בלייבען אונטערטעניג אונטער אונזער שיקזאַל. ניטאָ קיין אנדער אויסוועג.

ספּארטאקס ווערטער האָבען ניט אויף אַלעמען געמאכט דעם זעלביגען איינדרוק. מאנכע האָבען געמיינט, אַז ער האָט גערעדט קלוג און בארעכענט, אַנדערע ווידער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז צו דרייסט. נאָר אין איין זאַך זיינען אַלע איינשטימיג געווען: אַלע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז ער האָט זיך אין גאנצען אָפּגעוואָרפען פון זיין פּלאַן צו מאַכען אַן אויפשטאנד.

און נאָר דאָס האָט ספּארטאק געדארפט.

ארויסגעהענדיג פון קאטילינא'ן, האָט ער געזאָגט צו קריקס'ן:

— געה אריבער אין אציאנ'ס שול און זאָג די גלאַדיאטאָרען, אַז אונזער אָפּגעמאכטער צייכען און די ווערטער זיינען איצט אַנדערע: ניט „ליכט און פרייהייט”, נאָר „פאָרזיכטיגקייט און זיעג”, און דער צייכען איז אַזאַ (ער האָט איהם געוויזען דעם צייכען). געה, פארליר ניט קיין צייט, און זאָג זיי, אַז אונזער פארשווערונג איז אין געפאהר ענטדעקט צו ווערען. און אַלעמען, ווער נאָר עס וועט זאָגען די פריהערדיגע ווערטער און וועט מאכען דעם פריהערדיגען צייכען, דארף מען זאָגען, אַז מיר האָבען פארלאָרען יעדע האָפנונג אויף ערפאָלג און מיר האָבען אינגאנצען זיך אָפּגעזאָגט פון אונזער פּלאַן.

ספּארטאק האָט אבשיד גענומען פון קריקס'ן און ער איז געשווינד אוועק צו סוללא'ס הויז.

מירדזא האָט אויף איהם געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. ווי נאָר ער איז אריינגעקומען אין הויז איז זי איהם געלאָפען אנטקעגען, האָט איהם ארומגענומען און אַ קוש געטאָן, זאָגענדיג:

— איך האָב דיר אהער גערופען אויף דעם באפעהל פון מיין ווירטין, זי דארף דיר האָבען. אויף וואָס זי דארף דיר, וועט זי

אליין דיר זאָגען. איך וועל איהר נאָר מעלדען, אז דו ביזט גע־קומען.

ספּאַרטאַק איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. בעת ער איז גע־גאַנגען צו דער שוועסטער האָט ער ניט געטראַכט וועגען דעם, אז איהם קאָן אויסקומען צו ריידען מיט אזא הויך־געשטעלטער דאַמע, מיט סוללאַ׳ס פרוי.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זי געזעהן מיט אַ מאָנאַט צוריק, בעת ער איז צום ערשטען מאָל געקומען באַזוכען די שוועסטער. ער האָט זי באַגעגענט אין טיר. אָט אַזוי ווי היינט, האָט זי אויך דעמאָלט אויף איהם געקוקט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

איהם האָט זיך געדאַכט, אז ער זעהט אַ געטין, וואָס האָט אַראָפּ־געניִדערט אויף דער ערד.

און אָט באַלד וועט ער מיט איהר ריידען... איז דאָס ניט קיין חלום?

— ניין! — אָט איז מירדזאַ ווידער לעבען איהם און זי זאָגט צו איהם מיט אַ שמייכעל:

— קום! זי וואַרט אויף דיר.

— צו וואָס? — האָט ספּאַרטאַק אַרויסגעפּליסטערט, קוים וואָס מ׳האָט געקאָנט הערען.

— באַלד וועסטו וויסען. אָבער האָב קיין מורא ניט! — האָט מירדזאַ צוגעגעבען, באַמערקענדיג זיין בלאַסקייט. — אָט אַזוי שעהן ווי זי איז, אַזוי גוט איז זי.

„הייסט עס, אז זי איז גוט אָהן אַ שיעור", האָט ספּאַרטאַק זיך געטראַכט.

מירדזאַ האָט איהם אַריינגעפיהרט אין וואַלעריאַ׳ס אויפ־נאַמס־צימער, וואו זי פלעגט לעזען און אויפנעהמען נאָהענטע פריינד.

דאָס איז געווען אַ געמיטהליך צימער, ניט גרויס, די ווענט זיינען געווען באַשלאָגען מיט אַ בלויען אָריענטאַלישען שטאָף, וואָס אונטער זיינע פאַלבען זיינען געווען באַהאַלטען אייזערנע רעהרען, וואָס האָבען דאָס צימער געוואַרעמט. אַ מאַסיווע גאָלדענע לאָמפּ, אין דער פאָרם פון אַ ראָזע, איז געהאַנגען אין מיטען סופיט און

האָט פול געמאכט דאָס צימער מיט אַ מילדען טונקעלען שיין און מיט אַ דופט פון פּארפיומירטען אויל.

אַ דיוואַן, אַ פאַטעל און עטליכע טאַבורעטען, באשלאָגען מיט אַ ווייסען זיידענעם שטאָף, — דאָס איז געווען די גאנצע מעבעל פון דעם דאָזיגען פּראכטפולען צימער.

וואַלעריא איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסען טוניק, באַפּוצט מיט זילבערנע פרענז. ווען זי האָט דערזעהן, אַז ספּארטאַק איז אריינגעקומען אין צימער און איז געבליבען שטעהן ביים טיר, אַ פּארגליווערטער פון פּארלאָרענהייט, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון דיוואַן און זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ באַגריסונג:

— זאָלען די גיטער דיר באַהיטען, העלדישער ספּארטאַק!

— די געטער באשיצען מיר מעהר, וויפיעל איך פארדין דאָס, — האָט ספּארטאַק געענטפערט מיט אַ ציטערדיגער שטים, — זיי האָבען מיר צוגעשיקט דאָס גליק צו ריידען מיט דיר.

— ווי איך זעה, ביזטו ניט נאָר העלדיש, נאָר אויך ליבענס־ווירדיג, — האָט זי פריינדליך געזאָגט. — איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געקראָגען אַ גריכישע בילדונג... דו ביזט געווען איינער פון די פיהרער פון דיין פאָלק איידער דו ביזט אריינגעפאַלען אין גע־פאַנגענשאַפט?

— איך בין געווען דער פירסט פון איינעם פון די מעכטיגסטע שבטים אין פּראקיען. דאָרט, אין די ראָדאָפּישע בערג, האָב איך געהאַט מיין אייגען הויז, לאָנקעס און בהמות. איך בין געווען רייך, מעכטיג און גליקליך, און... און... — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ ציטערדיגער שטים. — איך האָב ניט געטראַכט, אַז מיין סוף וועט זיין... אַז איך וועל ווערען אַ גלאַדיאַטאָר און אַ שקלאַף.

אויף וואַלעריא'ס פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיעלט מיטלייד.

— זאָרג ניט, ספּארטאַק! — האָט זי פריינדליך געזאָגט, — איצט ביזטו ווידער פריי, און, ס'קאָן זיין, אַז די געטער וועלען דיר דיין גליק צושיקען.

ספּארטאַק האָט אויף איהר אַ קוק געטאָן. זיין בליק האָט אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט אָהן אַ שיעור.

— איצט לאָמיר ריידען וועגען דער זאַך, — האָט זי פאָרט־

געזעצט, — סוללא ווײל האָבען אײגענע גלאַדיאַטאָרען בײ זיך אויף דער ווילא אין קומי. ער ווײל מאַכען פאַר גלאַדיאַטאָרען זעכציג פון זײנע שטאַרקסטע שקלאַפען. וועסטו זיך אפשר אָננעמען זײ צו לערנען?

— יא, איך וועל דאָס אָננעמען, איך וועל טאָן אַלעס, וואָס דו וועסט מיר בעטען, — האָט ספּאַרטאַק היציג אויסגעשריען.

— וועל איך זאָגען סוללא'ן, אַז דו נעמסט זיך אָן.

זעקסטער קאפּיטעל.

סוללאַ׳ס טויט.

קומי איז געווען אַ רייכע, שענע און באַפּעלקערטע שטאָדט, וואָס איז געלעגען ביים ים. ניט ווייט פון אָט דער שטאָדט האָט דער דיקטאַטאָר סוללאַ געהאט זיין ווילע. כדי צו פאַרגעסען די שרעקליכע קראַנקהייט, וואָס האָט איהם געמאַטערט און איהם ניט געלאָזט שלאָפען גאַנצע נעכט, האָט ער איצט געזוכט נייע פאַר־ווייליגונגען. די ענדלאָזע הוליאַנקעס, וואָס האָבען אָנגעהאַלטען גאַנצע נעכט, די אונטערהאַלטונגען מיט די געסט, די מוזיק און טענץ, דאָס אַלעס האָט איהם געהאָלפען נאָר אויף אַ ווײַלע צו פאַר־געסען זיין שווערע קראַנקהייט און צו באַהאַלטען זיינע יסורים פון די ארומיגע מענשען. ער, וואָס איהם האָט מען גערופען סוללאַ „דער גליקליכער“, און „ווענעראַ׳ס ליבלינג“, דער שטאַרקער און אומבאַזיגבאַרער, איז געווען צו שטאָלץ זיך מודה צו זיין, אַז די קראַנקהייט האָט איהם באַזיגט און צובראָכען. אפילו אין דער נאַכט פאַר זיין טויט, איז ער געווען אַזוי פרעהלאַך און באַלעבט, אַז קיינעם איז אויפ׳ן געדאַנק ניט געקומען, אַז זיין סוף איז נאָהענט. און סוללאַ אַליין האָט קענטיג ניט געטראַכט, אַז דאָס איז זיין לעצטע סועדה.

אין דעם גרויסען זאַל „אַפּאָלאָן פון דעלפי“, אין דעם גע־ראַמסטען און פּראַכטפולסטען פון די פיער עס־צימערן, וואָס זיי־נען געווען אין קומי׳ער פּאַלאַץ, זיינען געווען געדעקט דריי טי־שען, ארום וועלכע עס זיינען געשטאַנען ניין לאָזשעס. אין די לאָ־זשעס זיינען געזעסען פאַנאַנדערגעלייגט זעקס און צוואַנציג מענ־שען, שוין אריינגערעכענט דעם ווירט.

נאָר איין אָרט איז געווען ליידיג: סוללאַ׳ס ליבלינג, דער אַקטיאָר מעטראָבי, איז נאָך ניט געווען.

סוללא האָט געטראָגען אַ ווייסען אַנצוג, אויפ׳ן קאָפּ אַ קראַנץ פון ראָזען. ער איז געזעסען פאַנאַנדערגעלייגט ביים מיטעלסטען טיש לעבען אָרט פון קאָנסול, אין רייהע מיט זיין צווייטען ליבלינג, מיט׳ן באַריהמטען טראַגיקער קווינט ראָסצי.

— נו, דערצעהל, פּאָנציאָן, וואָס גראַני האָט געזאָגט, — האָט סוללא זיך געווענדעט צו אַ פּאַטריציער פון קומי, וואָס איז געזעסען צושפּרייט ביים צווייטען טיש.

— איך ווייס ניט, — האָט יענער געענטפערט, און איז געוואָרען בלאָס און פאַרווירט.

— איך האָב אַ גוטען געהער, פּאָנציאָן, — האָט סוללא באַמערקט מיט אַ רוהיגען טאָן, אָבער זיין פּנים איז אָנגעכמורעט געוואָרען. — איך האָב געהערט, וואָס דו האָסט געזאָגט צו עלי לור־פּערק׳ן. דו האָסט געזאָגט: „לויט סוללאַ׳ס אורטייל האָט מען גראַניע׳ן געצוואונגען צו באַצאָהלען שטראָף, ער האָט אָבער ניט געפאָלגט, זאָגענדיג“... דאָ האָסטו אָבער אַ קוק געטאָן אויף מיר, און, באַמערקענדיג, אז איך הער זיך איין, ביזטו אַנשווייגען געוואָרען. איך וואָלט וועלען, אז דו זאָלסט מיר איבערזאָגען וואָרט אין וואָרט, וואָס גראַני האָט געזאָגט.

פּאָנציאָן האָט זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען.

— ערלויב... גלויב מיר... גליקליכער דיקטאַטאָר, דו, דער גרעסטער פון די רוימישע פעלדמאַרשאַלען! — האָט גראַני געגור־מען מורמלען, ציטערנדיג פון שרעק.

— איך נויטיג זיך ניט אין דיינע שבחים! — האָט סוללא דראָהענד געגומען שרייען, זיך אויפהויבענדיג פון אָרט און אַ קלאַפּ טוענדיג מיט׳ן פויסט אין טיש. — מיט מיינע זיעגען און מיט מיינע טאַטען האָב איך זיך ערוואָרבען אַן אָרט אין די אַנאַלען פון די קאָנסולען, דאָרט וועט מען געפינען די שבחים און איך נויטיג זיך ניט, אז דו זאָלסט זיי איבער׳חזר׳ן, פאַרהאַסטער שמייכלער דו! . . . איך וויל וויסען, וואָס האָט גראַני געזאָגט! און אויב דו וועסט מיר באַלד ניט זאָגען, שווער איך ביי אַפּאָלאָן׳ס ליבע,

אז פון דאנען וועט מען דיר אוועקטראָגען און אריינוואַרפען אין טייך אריין, פון דיין גוף וועלען מיינע פיש הנאה האָבען.

אַלע געסט זיינען בלאַס געוואָרען. זיי האָבען איהם גוט געקאָנט און זיי האָבען געוואוסט, וואָס די דאָזיגע שבועה באדייט. די מוזיק האָט אויפגעהערט שפּילען און מ'האָט אויפגעהערט טאַנ־צען. אין זאַל איז שטיל געוואָרען, ווי אין א קבר. די שמחה איז געווען פארשטערט.

דער אומגליקליכער פאַנציאַן האָט פון שרעק גענומען שטאַמ־לען און ער האָט קוים ארויסגערעדט:

— גראַני האָט געזאָגט: איך וועל וואַרטען מיט דער אייג־צאַהלונג פון דער שטראָף: סוללא וועט באלד... שטאַרבען, און איך וועל ניט דארפען צאָהלען.

סוללא'ס טונקעל־רויטער פּנים איז בלאַס געוואָרען פון צאָרן.

— אהאַ! — האָט ער אויסגעשריען, ציטערנדיג פון ווילד־קייט. — דאָס הייסט, אז גראַני וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיין טויט!... וועלען מיר זעהן, צו זיין ביטערער חשבון וועט אויס־האַלטען!... קריזאַגאַן!

אויף זיין רוף איז אריינגעקומען קריזאַגאַן, סוללא'ס פאַר־טרויאונגס־מענש, א באַפרייעטער שקלאַף.

סוללא האָט איהם עפּעס־וואָס געזאָגט אויפ'ן אויער, קריזאַגאַן האָט דארויף צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז אוועק אזוי גע־שווינד, ווי ער איז געקומען.

אַלע האָבען פארשטאַנען, אז גראַני'ס שיקזאַל איז שוין באַ־שטימט.

— נו, וואָס זייט איהר אזוי שטיל געוואָרען, שרעקעדיגע שעפּסען? — האָט סוללא פרעהלאַך זיך געווענדעט צו זיינע געסט. אָדער אייך דאכט זיך, אז איהר זייט היינט אויף מיין טויטען יום - טוב?

— זאָלען די געטער דיר באהיטען!

— זאָל יופּיטער דיר צושיקען גליק!

— לאַנגע יאָהרען דעם אַלמעכטיגסטען סוללא! — האָבען אַלע געסט אויסגעשריען אין איין קול.

— לאָמיר אַלע טרינקען פאַר דעם געזונט און עהרע פון לוצי קאַרנעלי סוללאַ, דעם גליקליכען! — האָט אויסגעשריען קווינט ראָסצי מיט זיין אַנגענעמער, קלינגעדיגער שטים, הויך אויפהוי־בענדיג זיין בעכער.

אַלע האָבען איהם אונטערגעהאַלטען. און ווידער האָט די מוזיק גענומען שפּילען, ווידער האָבען די טענצערינס זיך גענומען דרעהען איבער'ן זאַל.

נאָכ'ן טאַנצען האָט מען אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, ביי וועלכען סוללאַ איז געזעסען, אַן אָנגעשטאָפּטען אָדלער, אַזוי גוט געמאַכט, אַז דער אָדלער האָט אויסגעזעהען ווי אַ לעבעדיגער. ער האָט געהאַלטען אין שנאָבעל אַ לאָרבער קראַנץ מיט אַ פּורפּור־באַנד, וואָס אויף איהם איז געווען אָנגעשריבען מיט גאָלדענע אותיות: „סוללאַ דעם גליקליכען, וועגערעם ליבלינג".

אונטער אַפּלאָדיסמענטען פון די געסט איז דער דאָזיגער קראַנץ אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף סוללאַ'ס קאָפּ, און קווינט ראָסצי, זיך אויפהויבענדיג פון אָרט, האָט פאָרגעלייענט אַ געדיכט לכבוד דעם געוועזענעם דיקטאַטאָר.

נאָך דעם האָט סוללאַ גענומען אַ מעסער און אויפגעשניטען דעם אָדלער, פון וואַנען ס'האָבען זיך גענומען שיטען אייער, און אין יעדען איי איז געווען אַ געבראָטען פויגעלע, צוגעריכט מיט סאָוס.

דער צווייטער געריכט איז געווען ניט ווייניגער אָריגינעל.

דאָס איז געווען אַ גרויסער טאָרט פון טייג מיט האָניג, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ קיילעכדיגער טעמפּעל מיט זיילען. בעת מ'האָט דעם טאָרט אויפגעשניטען, זיינען פון איהם אַרויסגעפלויגען אַזוי פיעל לעבעדיגע פויגלען, וויפיעל געסט עס זיינען געווען.

אויף דער העלזעל פון יעדען פויגעל איז געווען צוגעבונדען אויף אַ בענדעלע אַ מתנה פאַר יעדען גאַסט מיט אַן אויפשריפט, פאַר וועלכען גאַסט די אָדער יענע מתנה איז באַשטימט.

אַט דער נייער סורפּריז האָט אַרויסגערופען שטורמדיגע אַפּ־לאָדיסמענטען און געשרייען. דער ליאַרם האָט לאַנג אָנגעהאַלטען, ווייל די געסט האָבען זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּען די אומגליקליכע

פויגלען, איבערגעשראָקענע פון די קולות, וואָס זיינען ארומגעפלויגען איבער'ן זאַל, זוכענדיג אַן ארויסגאַנג.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דער לעצטער סורפּריז. דעם סאַמע תאווה'דיגען סורפּריז, לויט די באַגריפען פון יענער גרויזאַמער צייט, האָט סוללאַ געהאַלטען גאָר אויף לעצט.

— מיינע פריינד! — האָט ער אויסגעשריען, — איך בין היינט פרעהלאך און איך וויל אייך פרעהלאך מאַכען מיט אַזאַ ספּעקטאַקל, וואָס ניט אָפט זעהט מען אויף מאָלצייטען: ווילט איהר זעהן אַ גלאַדיאַטאָר־געפעכט?

— מיר ווילען! — האָבען אַלע אויף אַמאָל געענטפערט.

— מיר ווילען! — האָבען די טענצערינס אונטערגעכאַפּט הינגעריסען פון דער אַלגעמיינער ענציקונג, פאַרגעסענדיג, אַז ניט זיי האָט סוללאַ געמאַכט דעם פאָרשלאַג.

סוללאַ האָט באַלד באַפוילען איינעם פון די שקלאַפען איבערצוגעבען ספּאַרטאַק'ן, ער זאָל ברענגען אין עס־צימער פינף פאָר גלאַדיאַטאָרען.

אין אַ ווײַלע ארום האָט קריזאָגאָן אריינגעפיהרט צעהן גלאַדיאַטאָרען. פינף זיינען געווען אָנגעטאָן ווי פראַקיער און פינף ווי סאַמניטען.

— און וואו איז ספּאַרטאַק? — האָט סוללאַ געפרעגט.

— ער האָט זיך מסתמא פאַרזעסען ביי זיין שוועסטער. מ'האָט שוין געשיקט נאָך איהם.

קריזאָגאָן האָט זיך ניט באַוויזען דאָס אויסצורײַדען — און ספּאַרטאַק איז אריין אין עס־צימער, אַ צופלאַמטער און אַ פאַרסאָפּעטער, שווייגענדיג האָט ער באַגריסט סוללאָ'ן און די געסט.

— מיר ווייסען, — האָט סוללאַ זיך געווענדט צו איהם, — וואָס פאַר אַ געשיקטער קעמפער דו ביזט. איצט וועלען מיר זעהן, אויף וויפיעל דו קאָנסט אויסלערנען אַנדערע.

— אָבער מיינע שילער האָבען נאָר צוויי חדשים זיך געאיבט אין דער פעכט־קונסט און דו ווייסט מסתמא זאָגען, אַז זיי האָבען ווייניג אויפגעטאָן, — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט.

— דאָס וועלען מיר זעהן, — האָט סוללאַ רוהיל באמערקט און האָט געגעבען דעם צייכען אָנצוהויבען די פאָרשטעלונג.

כמעט ניט וויסענדיג, וואָס ער טוט, האָט ספּאַרטאַק גענומען פאַנאַנדערשטעלען די גלאַדיאַטאָרען.

זיין גאַנצע נשמה איז געווען אויפגעבראַכט פון דער דאָזיגער אוממענשליכער גרויזאַמקייט, פון דער דאָזיגער אומגעשטילטער בלוט־דורשטיגקייט, וואָס האָט זיך אַזוי אָפען ביי זיי אַרויסגעוויזען. די מוטוויליגקייט פון איין מענשען, וואָס מיט וויין און בלוט האָט ער שוין לאַנג זיך אויסגעלאָשען גאָר דאָס מענשליכע, האָט איצט פאָראויסבאַשטימט צום טויט די צעהן געזונטע און שטאַרקע יונגע לייט, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען פרייע אין אַ פריי לאַנד!

און דאָך מוז מען זיך אונטערגעבען, אָהן טענות מוז מען טאָן וואָס אָט דער דעספּאָט הייסט!...

אַזוי ווי אימיצער וואָלט איהם אריינגעשטאָכען אַ מעסער אין האַרצען, האָט ספּאַרטאַק זיך געפּיהלט, בעת ער האָט צווישען די גלאַדיאַטאָרען דערזעהן זיין ליבלינג אַרטאָריקס, דעם יונגען מאַן פון גאַליען, מט אַן איידעלען פּנים, מיט געדיכטע בלאָנדע האָר. ער איז געווען דער געוואַגטעסטער און איבערגעבענסטער פון אַלע זיינע שילער.

— פאַרוואָס ביזטו געקומען? — האָט איהם ספּאַרטאַק שטיל געפרעגט.

— מיר האָבען געוואָרפען גורל, ווער ס'זאָל געהן, און דער גורל איז געפאַלען אויף מיר, — האָט אַרטאָריקס פונקט אַזוי שטיל געענטפערט.

דאַן האָט ספּאַרטאַק זיך געווענדט צו סוללאַ'ן.

— ערלויב מיר, סוללאַ, איבערצובייטען דעם דאָזיגען גלאַ־דיאַטאָר אויף אַן אַנדערען.

— פאַרוואָס קאָן דער זיך ניט שלאָגען? — האָט סוללאַ גע־פרעגט מיט אַ אומצופרידען טאָן.

— ווייל ער איז אַ סך געשיקטער פון די אַנדערע, און דאַרום וועט דער פראַקישער צד, צו וועלכען ער געהערט, זיין פיעל שטאַרקער פון דעם סאַמניטישען צד.

— צו וואָס אָבער זאָלען מיר וואַרטען? מיר ווילען טאַקי הנאה האָבען פון אזא קינסטלער. אויב די סאַמניטען וועלען מיט זיי ניט קאָנען פאַרטיג ווערען — וועט זיי זיין שלעכט, — האָט סוללאַ געענטפערט.

און זאָגענדיג דאָס, האָט ער געגעבען דעם צייכען אָנצוהויבען די פאָרשטעלונג.

די שלאַכט האָט לאַנג ניט געדויערט. אין פאַרלויף פון צוואַנציג מינוט זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען צוויי סאַמניטען און איין פראַקיער; צוויי אַנדערע סאַמניטען זיינען געלעגען אויף דער ערד פאַרוואונדעטע און פאַרבלוטיגטע. דער לעצטער סאַמניט, וואָס איז געבליבען איינער געגען פיער פראַקיער, האָט מיט פאַרצווייפלונג זיך געוועהרט פון זיינע געגנער, ער איז אָבער אויך געפאַלען.

דער זאַל איז שיער ניט צוליגט געוואָרען פון קולות און אפּלאָדיסמענטען.

סוללאַ׳ס שיכור׳ע און ברי‌פענדיגע שטים האָט זיי איבערגעריסען:

— עי, ספּאַרטאַק! איצט וויז אונז וואָס דו קאָנסט! נעהם א פאַנצער מיט א שווערט ביי אימיצען פון די גע׳הרג׳עטע און טרעט אַרויס איינער געגען די פיער!

סוללאַ׳ס באַפעהל האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופען גרויס ענטציקונג, בעת ספּאַרטאַק׳ן האָט ער ווי א דונער געטראָפען.

ער איז געשטאַנען ווי א פאַרטויבטער, א בלאַסער און אומבאַוועגליך, מיט ברייט צועפענטע אויגען, ער האָט א וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען.

— זיי מוטיג! — האָט אַרטאָריקס צו איהם א מורמעל געטאָן.

ספּאַרטאַק איז אַביסעל געקומען צו זיך און, מאַכענדיג איבער זיך א גרויסע אָנשטרענגונג, האָט ער זיך געווענדעט צו סוללאַ׳ן:

— ערלויב מיר דיר צו דערמאָנען, גליקליכער דיקטאַטאָר, אז איצט בין איך א רודיאַרער, הייסט עס — א פרייער מענש; איך בין נאָר א לעהרער פון דיינע גלאַדיאַטאָרען, אָבער איך אַליין בין שוין ניט קיין גלאַדיאַטאָר.

סוללאַ האָט זיך ווילד צולאַכט.

— גאָר אַזוי ? ! אָט דאָס איז אונזער העלדישער ספּאַרטאַק ? ! ער האָט זיך גאָר דערשראָקען פאַר'ן טויט ! פאַרהאַסטע ראַסע ! איך שווער אָבער ביי הערקולעס'ן, — האָט ער צוגעגעבען, אַ קלאַפּ טוענדיג מיט'ן פויסט אין טיש, — איך וועל דיר צווינגען זיך צו שלאָגען ! ווער האָט דיר באַפרייט ? סוללאַ ! מעג דיר סוללאַ אויך באַפעהלען ! און דו וועסט זיך שלאָגען ! איך שווער ביי אַלע געטער פון אָלימפּ !

ספּאַרטאַק'ס אויגען האָבען געברענט, די מוסקולען פון זיין פּנים, וואָס אין איהם האָבען זיך אַלע קאָלירען געביטען, האָבען געציטערט. מ'האָט זיך לייכט געקאָנט פאָרשטעלען, וואָסערע שרעקליכע געדאַנקען און געפיהלען ס'האָבען אין איהם געקאָכט, ווי טיף ערשיטערט ער איז געוואָרען פון דעספּאָט'ס ווילדען אויס־ברוך. איהם האָט זיך געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַ שווערט און זיך אַרויפוואַרפען אויף סוללאַ'ן. עטליכע רגע'ס האָט ער זיך גע־ראַנגעלט מיט דעם דאָזיגען נסיון. צולעצט, אויסגעמאַטערט פון אָט דעם אינערליכען קאַמף, דערשטיקענדיג אין זיך די קללות, וואָס זיינען גרייט געוועזן זיך אַרויסצורייסען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן ביי איינעם פון די הרוגים דעם שווערט און פּאַנצער און האָט מיט אַ ציטערדיגער שטים אַ געשריי געטאָן צו סוללאַ'ן :

— איך האָב קיין מורא ניט פאַר'ן טויט, לוצי סוללאַ, איך וועל זיך שלאָגען, כדי דו זאָלסט האָבען פאַרגעניגען. איך שווער אָבער ביי אַלע דיינע געטער, — אויב איך וועל פאַרוואונדען אַרטאָריקס'ן...

אַ שוואַכע פרויען שטים, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון ניט ווייט, האָט ספּאַרטאַק'ן געשטערט צו ענדיגען זיין פראַזע.

פון הינטער אַ גרינעם זיידענעם פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַר־שטעלט אַ זייט טיר אין דער וואַנט, האָט זיך באַוויזען סוללאַ'ס פרוי, וואַלעריאַ. זי איז געווען בלאַס ווי דער טויט. זי האָט געטראָגען אַ ווייסע באַל־קלייד און אַ ראָזענקראַנץ אויפ'ן קאָפּ.

געוואָהר ווערענדיג פון מירדזאַ'ן, אַז סוללאַ האָט געשיקט נאָך ספּאַרטאַק'ן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס־וואָס ניט גוטעס

ערוואַרט איהם, און דער אָרימער רודיאַר האָט ביי איהר אַרויס־געְרופען אַזויפיעל מיטלייד, אַז זי האָט באַשלאָסען אַליין צו קומען אויף סוללאַ׳ס סעודה. דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, אַז דער דאָזיגער שרעקליך־גרויזאַמער מענש האָט אויך דאָס מאָל פאַר־טראַכט עפּעס וואָס ניט גוטעס.

זי האָט זיך געשווינט אָנגעטאָן און איז געגאַנגען אין עס־צימער. נאָך שטעהענדיג ביי דער טיר, האָט זי, נאָכ׳ן בראַזג פון די שווערטען און נאָך די קרעכצען פון די פאַרוואונדעטע, פאַר־שטאַנען, וואָס דאָרט קומט פאָר. בעת זי האָט דערזעהן ספּאַרטאַק׳ס צאָרן, זיין גרייטקייט אויפגעבראַכטערהייט צו באַגעהן אַ זינגלאָזען טאַט, האָט זי ניט ווילענדיג אַ געשריי געטאָן פון שרעק און איז אַרויסגעקומען פון הינטער׳ן פאָרהאַנג.

וואַלעריאַ׳ס אַריינקומען אין אַזאַ שפּעטער שעה האָט פאַר־וואונדערט די געסט און סוללאַ׳ן. זייערע פאַר׳שיכור׳טע, צו־פלאַמטע פּנים׳ער, וואָס זיינען מיט אַ ווייל פריהער נאָך געווען צוויושעט פון ווילדען, בלוטיגען קאַמף, זיינען איצט געווען פאַר־ווירט און האָבען אויסגעדריקט אומצופרידענהייט.

פאַרוואָס האָט די דאָזיגע פרוי מיט איהר צאָרנדיגען בליק פאַרשטערט זייער רוישיגע שמחה? קיינעם איז גאָר אויפ׳ן זינען ניט אַרויף, אַז זי, די אַריסטאָקראַטישע רוימישע מאַטראָנע, די פרוי פון דעם אַלמעכטיגען סוללאַ, ציטערט פאַר׳ן שיקזאַל פון דעם אָרימען רודיאַרי, דעם געוועזענעם שקלאַף און גלאַדיאַטאָר. ווי שטרענג די געזעלשאַפטליכע מיינונג וואָלט זי פאַר׳משפט, ווען מ׳וואָלט נאָר געוואוסט, אַז אָט די מאַטראָנע נעהמט אויף ביי זיך אין גאַסט־צימער דעם דאָזיגען באַרבאַר און געוועזענעם גלאַדיאַטאָר, וואָס מיט איהם וואָלט יעדער אַדעלמוטיגער רוימער געהאַלטען פאַר אַ שאַנד זיך צו פריינדלען, און זי אונטערהאַלט זיך מיט איהם ביי איהר אין הויז, ווי מיט איינעם פון איהר גלייכען! און נאָך מעהר וואָלט די רוימישע שטאָלץ געווען אויפגעבראַכט, ווען מ׳וואָלט געוואוסט, אַז אַזאַ הויכגעשטעלטע פּאַטריציע איז איבערראַשט פון אָט דעם באַרבאַר׳ס פאַרשטאַנד און אַדעלקייט, און אַז זי האַלט אַלע רוימישע אַדעל־לייט, וואָס רינגלען אַרום סוללאַ׳ן, פאַר אַ

מחנה קאַרליקעס, נישטיגע און וויסטע, און פאַרגלייך מיט אַט דעם אָרימען רודיאַרי.

די אונטערהאַלטונגען מיט ספּאַרטאַק'ן האָבען פאַר וואַלעריאַ'ן ענטפּלעקט אַ גאַנץ נייע, רייצענדע וועלט פון גוטעס און גערעכטיג־קייט. זי האָט געפיהלט, אַז אונטער זיין איינפלוס ווערט זי אַליין בעסער, אַז זי געוועהנט זיך צו קוקען אויף אַ סך זאַכען מיט אַנדערע אויגען, ווי ביז אַהער.

אַזוי, צום ביישפּיעל, די גלאַדיאַטאָר־געפעכטען, וואָס אויף זיי האָט זי נאָך ניט לאַנג צוריק געקוקט ווי אויף גאַנץ נאַטירליכע פאַרווייליגונגען, און זי פלעגט פון זיי הנאה האָבען, האָט זי איצט געהאַלטען פאַר דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אין דער ווירקליכ־קייט, — פאַר אַ ווילדען און גאַטלאָזען צייטפאַרטרייב, וואָס איז אומווירדיג פאַר אַ מענשען.

אַנשטאָט אַריינצוקומען אין דער סעודה מיט אַ צופרידענעם היימליכען פּנים, ווי זי האָט געהאַט בדעה, איז אויף איהר פּנים געלעגען צאָרן און שרעק.

— וואַלעריאַ, — האָט סוללאַ ביינ אַרויסגערעדט, אַנשטע־לענדיג אויף איהר אַ פאַר'שיכור'טען טעמפּען בליק. — דו ביזט דאָ! אין אַזאַ צייט.

אַלע האָבען זיך האַסטיג אויפגעשטעלט, אום צו באַגריסען די ווירטין, הגם ניט אַלע האָבען זיך געקאָנט האַלטען אויף די פיס.

— זייט אַלע געגריסט! — האָט וואַלעריאַ אַרויסגערעדט זיך באַהערשענדיג, און האָט אַלעמען דורכגענומען מיט איהר בליק.

אין זאַל האָט זי באַמערקט ספּאַרטאַק'ן. ער האָט אויף איהר געקוקט מיט פאַרוואונדערונג און ענטציקונג. אין אָט דער מינוט האָט זי זיך איהם אויסגעוויזען פאַר אַ איבערנאַטירליך וועזען, וואָס די געטער אַליין האָבען געשיקט, אום צו רעטען איהם מיט זיינע חברים.

— אַמאָל האָסטו אַליין מיר גערופען אַהער כאָטש איינמאָל מיט אייך אויסצוטרינקען דעם בעכער פון פריינדשאַפט, — האָט וואַלעריאַ זיך געווענדעט צו סוללאַ'ן. — היינט האָב איך ניט געקאָנט שלאָפען, און אייער געלעכטער, אייערע פרעהליכע שטימען

האָבען אין מיר אַרויסגערופען אַ פאַרלאַנג זיך היימליך צו מאַכען מיט אייך אינאיינעם... איצט זעה איך אָבער, פאַרוואָס אייך איז אַזוי פרעהליך! — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שטרענגען טאָן: אייך איז ווייניג צירקען און אַמפיטעאַטערס, איהר ווילט פאַר־גיסען מיט בלוט אייערע אייגענע הייזער אויך!

די געסט האָבען געשוויגען, און סוללאַ, וואָס האָט עפּעס־וואָס געוואָלט איינוועגדען אויף דער דאָזיגער באַשולדיגונג, האָט קיין ווערטער ניט געפונען, עפּעס אַזוי ווי דער לשון וואָלט איהם אָפּ־גענומען.

— ספּאַרטאַק! די שלאַכט איז געענדיגט, דו קאָנסט אוועק־פיהרען די גלאַדיאַטאָרען, — האָט וואַלעריאַ פאָרטגעזעצט. און איהר, — האָט זי זיך געווענדעט צו די שקלאַפען, — טראָגט אַרויס פון דאַנען די גע׳הרג׳עטע און באַגראָבט זיי.

דאַן האָט זי געהייסען אָנגיסען סוללאַ׳ס בעכער און איהם אַרומטראָגען פאַר אַלע אָנוועזענדע. דער פריינדשאַפטס־בעכער, וואָס ניט פיעלע האָבען אין איהם אַריינגעשאָטען די ראָזענבלעט־לאַך פון זייערע קרענץ, איז צוגעטראָגען געוואָרען צו יעדען גאַסט. אין זאַל האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט. נאָך דעם האָבען די געסט פאַרלאָזט דעם זאַל איינער נאָכ׳ן אַנדערן.

סוללאַ איז געווען טויט־שיכור. ער האָט געשוויגען, זיינע אויגען זיינען געווען פאַרגאָסען, זיער בליק טעמפּ, ס׳האָט אויסגע־וויזען, אַז ער ווייס גאָר ניט וואָס אַרום איהם קומט פאָר.

וואַלעריאַ האָט געהייסען די שקלאַפען אַריינטראָגען איהם אין שלאָפצימער.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אַרום האַלבען טאָג פון דער פיינ־ליכער בייסונג, וואָס די הויט־קראַנקהייט האָט ביי איהם אַרויס־גערופען און וואָס ווייטער אַלץ מעהר איהם געמאַטערט.

נאָר אין זיין פרעכטיגער באָד האָט ער אויף אַ ווײַלע געקאָנט דערלייזט ווערען פון זיינע מאַטערניסען.

האַסטיג האָט ער אויף זיך אַרויפגעוואָרפען די טאָגע און איז אוועק אין מרחץ באַגלייט פון זיינע שקלאַפען.

דאָס מאָל האָט אָבער אפילו די באָד ניט אינגאַנצען געשטילט

זיינע יסורים. סוללא האָט געפיהלט א שוואכקייט, א ברענונג אין גאנצען קערפּער און מינוטענווייז פלעגט זיך איהם אָפּדאכטען, אז ער פארליערט דאס באוואוסטזיין, אז ער געהט פון זינען אראָפּ. ער איז אָביסעל מונטערער געוואָרען ערשט דאן, בעת מ'האָט איהם גע־מאָלדען, אז גראַני איז געקומען און ער ווארט אויף איהם. סוללא האָט געהייסען באלד איהם אריינפיהרען צו זיך אין באָד.

גראַני איז געווען ניט טויט, ניט לעבעדיג פון שרעק, בעת מ'האָט איהם אריינגעפיהרט.

— זאָלען די געטער דיר באהיטען אויף לאנגע יאָהר! — האָט גראַני קריכעריש ארויסגערעדט און טיעף זיך פארנייגט פאר סוללא'ן.

— און וואס האָסטו געזאָגט מיט דריי טעג צוריק, בעת דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָהלען די שטראָף, וואס איך האָב דיר צוגע'משפּט? דו האָסט געזאָגט, אז היינט־נאָרגען וועל איך שטאַרבען און מיין טויט וועט דיר באפרייען פון דער שטראָף.

גראַני האָט פּרובירט אָפּלייקענען, אז ער האָט עס ווען גע־זאָגט, אָבער סוללא האָט איהם צאָרנדיג איבערגעשלאָגען מיט א גאנצען שטראָם זידלעריי.

ער איז געווען שרעקליך. זיין טונקעל־רויט פּנים איז צו־קרימט געוואָרען פון ווילדען צאָרן, ס'האָט זיך געדאכט, אז זיינע אויגען, אָנגעגאָסענע מיט בלוט, האָבען געוואָלט ארויסשפּרינגען פון קאָפּ. זיין הייזעריגע שטים האָט געבראזגעט און אלע ווייל־ע זיך איבערגעריסען, ארויסשרייענדיג שרעקליכע זידלערייען.

מיט איין קלאַפּ אין פּנים האָט ער גראַני'ן אנידערגעוואָרפען אויף דער ערד און האָט געהייסען די שקלאַפען איהם שלאָגען און טרעטען מיט די פיס.

צורייצט פון זיינע ווילדע קולות, זיינען די שקלאַפען אליין אויך צוהיצט געוואָרען און מיט אומענשליכער גרויזאמקייט האָפען זיי גענומען פייניגען זייער קרבן, ביז וואנען ער איז געבליבען ליגען אָהן סימנים פון לעבען.

אָבער צוזאמען מיט גראַני'ס לעבען זיינען אויך אויסגעלאָ־שען געוואָרען זיין שונא'ס קרעפטען, וואס האָבען ניט געקאָנט

איבערטראָגען אזא איבערנאַטירליכע אנשטרענגונג. סוללא האָט דערפיהלט, אז אלץ ארום איהם איז פארצויגען געוואָרען גלייך ווי מיט א נעבעל און פארשווימט ערגעץ־וואו. מאכטלאָז אנידערפאַלענדיג אויפ'ן רוקען, האָט ער קוים ארויסגעכריפּעט:

— העלפט מיר . . . איך שטאַרב ! . . .

סוללא האָט זיך געראַנגעלט מיט דער גסיסה.

אזוי איז געשטאָרבען דער שרעקליכער סוללא, וואָס האָט אָנגעוואָרפען א שרעק אויף אלע זיינע שונאים, א גרויסער ארמיי־פיהרער און א שלעכטער בירגער, א בר מזל, זעהר א געשיקטער און דרייסטער, וואָס האָט זיך דערהויבען פונקט אזוי פיעל צוליעב זיין כיטרעקייט און דורכגעטריבענקייט, וויפיעל צוליעב זיין העלדיש־קייט און ענערגיע. ניט אומזיסט האָט איינער פון זיינע געגנער, וואָס האָט מיט איהם מלחמה געהאַלטען, געזאָגט, אז אין זיין נשמה לעבען א פוקס מיט א לייב.

און אָט דעם מענשען, וואָס זיין גרויזאמקייט איז געווען אָהן א ברעג, וואָס האָט פארגאָסען טייכען בלוט, ווי וואסער, האָבען די צייט־מענשען גערופען „דער גליקליכער!"... ווי לצנות'דיג דאָס קלינגט היינט.

זיעבעטער קאפיטעל.

די פאָלגען פון סוללאַ'ס טויט.

די נאַכריכט וועגען סוללא'ס טויט האָט זיך פארשפּרייט איבער איטאַליען מיט דער געשווינדקייט פון א בליץ.

די נאַכריכט האָט אַלעמען איבעראַשט, דער געדאַנק וועגען דעם, אז סוללא'ס טויט וועט ארויסרופען ענדערונגען אין דער רעפּובליק, האָט אַלעמען געדעגט.

די פּארטיי פון די אָליגארכען, פּאַטריציער, אַלע רייכע מענשען האָבען דעם דאָזיגען טויט באוויינט, ווי א געזעלשאַפטליכען אומגליק און האָבען אָפען געפּאָדערט, אז סוללא זאָל בּאערדיגט ווערען מיט קעניגליכער עהרע, אז מ'זאָל זיין אנדענק פאראייביגען אין טעמפּלען און סטאַטועָן, ווי דעם אנדענק פון דעם רעטער פון דער רעפּובליק און פון א האלבען גאָט. די דאָזיגע פאָדערונג איז אונטערשטיצט געוואָרען פון צעהן טויזענד שקלאַפען, וואָס סוללא האָט באפרייט אין רוים און א דאנק דעם האָבען זיי באקומען דאָס רעכט צו ווערען רוימישע בירגער. אָט די שקלאַפען, וואָס האָבען סוללא'ן געהאַלטען פאר זייער דערלייזער, זיינען איהם געווען איבערגעגעבען ניט נאָר אויס דאנקבארקייט, נאָר אויך לויט'ן געפיהל פון זעלבסט־דערהאַלטונג. זיין טויט האָט אין זיי דערוועקט די מורא צו פארלירען דאָס, וואָס ער האָט זיי געשענקט.

אויסער דעם, אין אַלע שטעדט, וואָס סוללא האָט חרוב געמאכט און וועלכע זיינען געווען אויף דער זייט פון מאַריוס'עס פּארטיי, האָבען זיך געפונען הונדערט צוואנציג טויזענד סוללא'ס טרייע לעגיאָנערען. זיי האָבען איהם פארגעטערט ניט נאָר אַלס זיגרייכען פיהרער, נאָר אויך אַלס בעל צדקה, וואָס האָט זיי פריי־

געביג באַלוינט פאַר זייער מיה מיט דעם אייגענטום פון די באַזיגטע. זיי זיינען אויך גרייט געווען מיט'ן שווערד אין האַנד צו שטעהן פאַר איהם.

אָבער אין דער צייט בעת די דאָזיגע מעכטיגע פּאַרטיי האָט געקלאָגט אויף סוללא'ס טויט, האָט מען אין אַ סך אַנדערע קרייזען אויפגענומען די בשורה וועגען זיין טויט מיט דער גרעסטער שמחה. צעהנדליגע טויזענדער פריינד און קרובים פון די רואינירטע און פאַראַרימטע, וואָס סוללא האָט ביי זיי קאָנפיסקירט דאָס אייגענטום, צעהנדליגע טויזענדער פּאַרוואָגעלטע און היימלאָזע און אַ סך פון מאַריוס'עס אנהענגער — זיי אַלע האָבען די נאַכריכט אויפגענומען מיט דער גרעסטער שמחה, זיי האָבען אויפ'ן קול געפלוכט דעם מערדער פון זייערע קרובים און פריינד, דעם צושטערער פון אַזוי פיעל פאַמיליען. צו זיי זיינען אויך צוגעשטאַנען די פּלעבייער, וואָס ביי זיי האָט סוללא אוועקגענומען פיעל רעכטען און פּריווילעגיען, און וואָס האָבען איצט געשטרעבט אָפּצוקריגען דאָס פאַרלאָרענע. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט געווען, וואָס די ידיעה וועגען סוללא'ס טויט האָט אַרויסגערופען אַן אויפרודערונג, וואָס מ'האָט שוין לאַנג אין רוים ניט געזעהן.

אויפ'ן פאָרום, אונטער די פּאַרטיקעס פון די טעמפּלען, אויף די גאַסען, אין די קלייטען, אויף די מאַרק־פּלעצער, איבעראַל האָבען זיך צונויפגעקליבען מענשען פון פאַרשידענע שטאַנדען. עס זיינען בסדר פאָרגעקומען מחלוקות און אַמפּערייען צווישען סוללא'ס אַנהענגער און זיינע שונאים. די שנאה צווישען ביידע צדדים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ בירגער קריג האָט געשיינט צו זיין אומפאַרמיידליך.

געלאַסענע בירגער, סענאַטאָרען און קאָנסולען האָבען זיך באַמיהט צו באַרוהיגען דאָס פאָלק, זיי האָבען צוגעזאָגט רעפאָרמען, דורכצופיהרען נייע געזעצען לטובה פון פאָלק און אומצוקעהרען די פּלעבייער זייערע אַלטע רעכטען. אָבער די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די צוזאָגען פון די רוהיגע, געזעצטע מענשען האָבען קיין שום ווירקונג ניט געהאַט.

אויף די געדיכט באַוואָהנטע גאַסען, וואו מען פלעגט אַרויס־

הענגען אויף מארמארנע טאוולען די אנגענומענע געזעצען און פאר־ארדנונגען, האט מען אין דריי טעג ארום נאך סוללא'ס טויט גע־זעהן אזא'ן אויפשריפט : „דער גליקליכער דיקטאטאר סוללא האט זיך געהאלטען פאר דעם הערשער פון דער וועלט און ער האט געוואלט אויפעסען רוים, אבער אנשטאט דעם האבען פאראזיטען איהם אליין אויפגעגעסען".

אין אנדערע פלעצער האבען זיך געזעהן אזעלכע אויפשריפ־טען : „נידער מיט די אויסשליסליכע געזעצען !" דערמיט האט מען געמיינט יענע געזעצען, וואס מיט זיי האט סוללא פארדעקט זיין געוויסענלאזן דעספאטיזם. אדער : „מיר פאדערען די אומ־באריהרבארקייט פון די טריבונען, וואס סוללא האט איינענוויליג ביי זיי אוועקגענומען".

דער קאנסול מארק עמילי לעפיד, וואס ער האט אפילו ביי סוללא'ס לעבען ניט באהאלטען זיין האס צו איהם, האט איצט אפען ארויסגעזאגט זיינע געפיהלען, זייענדיג איבערציינגט, אז דאס פאלק און מאריוס'עס פארטיי שטעהען אויף זיין זייט. דער צווייטער קאנסול, לוטאצי קאטול, הגם ער האט באלאנגט צו דער אליגאר־כישער פארטיי, האט ער, קיינעם ניט ארויספאדערענדיג, געגעבען צו פארשטעהן, אז ער וועט ניט אנערקענען דעם סענאט און די גע־זעצען.

קאטילינא האט ניט פארפעהלט זיך צו באנוצען מיט דער מהומה און האט זיך באמיהט נאך מעהר אויפצובלאזען דאס פייער צווישען דעם אויפגערעגטען המון.

נאר גניי פאמפיי און מארק קראס, אויסנוצענדיג זייער פאפו־לאריטעט, האבען אנגעווענדעט אלע אנשטרענגונגען שלום צו מא־כען צווישען די שטרייטענדע פארטייען.

אין אט דער מהומה איז צונויפגעקומען דער סענאט, אום צו באטראכטען די פראגע, וואסער כבוד מ'זאל צוטיילען דעם זיגער איבער מיטרידאט'ן.

דער קאנסול לוטאצי קאטול האט אין קורצע ווערטער כא־ראקטעריזירט סוללא'ס העלדענטאטען : ער האט גענומען אגור־טא'ן אין געפאנגענשאפט, ער האט באזיגט מיטרידאט'ן, די עטהע־

נער און האָט באַזייטיגט די געפאהר פון אַ בירגער קריג. דערביי האָט ער פארלאנגט, אַז סוללא'ס קערפער זאָל פייערליך אַריבערגעפיהרט ווערען אין רוים, וואו מ'זאָל איהם פארברענען אויף דעם מאַרסאָ פעלד.

זיין רעדע האָט אַרויסגערופען רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען צווישען די סענאַטאָרען און אַ שטורם פון צאָרן צווישען המון אויף די גאַלערעען.

דער צווייטער קאָנסול, לעפּיד, שילדערענדיג די שרעקליכע מעשים פון דעם געוועזענעם דיקטאַטאָר, האָט באַוויזען פונקט פאַרקעהרט, אַז באַעררדיגען אַזאַ מענשען מיט עהרע וואָלט געווען אַ חרפּה פאַר דער רעפּובליק.

זיינע ווערטער האָבען אַרויסגערופען אַ הוזשעריי פון אומצופרידענהייט צווישען די סענאַטאָרען און שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען אויף די גאַלערעען.

לאַנג האָבען די דאָזיגע דיסקוסיעס אָנגעהאַלטען, און אַ סך רעדנער האָבען זיך אויף דער טריבונע געביטען, אָבער פון אָנהויב איז קענטיג געווען, אַז דער סענאַט, וואָס איז באַשטאַנען פון פּאַטריציער און אַליגאַרכען, האָט ניט בדעה נאָכצוגעבען דעם פאָלק.

די פּאַרטיי פון סוללא'ס אַנהענגער האָט צולעצט געזיגט און דער פאָרשלאַג פון דעם קאָנסול קאַטול איז אָנגענומען געוואָרען.

אין דער צייט, בעת רוים האָט געקאָכט און גערודערט, איז אין קומי געווען רוהיג און שטיל, כאָטש דאָרט זיינען אויך אומבאַמערקט פאָרגעקומען געשעהעניסען, וואָס האָבען געבראַכט מיט זיך ערנסטע פאָלגען פאַר יענער עפּאָכע.

אין דעם טאָג פון סוללא'ס טויט איז אין זיין ווילאַ געקומען אַ מאַן פון קאַפּואַ, וואָס נאָך זיינע קליידער און נאָך זיין באַוואַפנונג האָט מען געקאָנט דערקאָנען, אַז ער איז אַ גלאַדיאַטאָר.

דאָס איז געווען אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג, קאָלאָסאַל געוואַקסען, מיט אויסערגעוועהנליך ענטוויקעלטע מוסקלען, וואָס האָבען אָנגעוויזען אויף זיין גוואַלדיגער גבורה. די שטריכען פון זיין געשטופּעלטען פּנים זיינען געווען גראָבע און ניט קיין שעהנע, זיין טונקעלע הויט האָט געהאַט אַ ערדיגע פאַרב. זיינע קליינע שוואַר־

צע אויגען, וואָס זיינען פול געווען מיט פייער און האָבען אויס־געדריקט געוואַגטקייט, זיין באָרד, שוואַרץ ווי קויל און דער גע־דיכטער צושויבערטער טשוב האָר אויפ׳ן קאָפּ, האָבען איהם צוגע־געבען נאָך אַ ווילדערען אויסזעהן.

נאָר ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער דאָזיגער גלאַדיאַטאָר האָט מיט זיין אויסערליכקייט ניט געקאָנט צוציהען, האָט ער דאָך פון ערשטען בליק אָן אָנגערעגט צו זיך אַ ניט ווילענדיגע סימפּאַטיע. יעדע באַוועגונג זיינע, יעדער בליק, זיין גאַנצע פיגור האָט גע־אָטעמט מיט דרייסטקייט, מיט איידעלמוטיגער שטאָלץ און עפּעס מיט אַ קינדישער עהרליכקייט.

אָנקומענדיג אין דער ווילאַ, האָט ער באַלד געבעטען איבער־געבען ספּאַרטאַק׳ן, אַז ער דאַרף מיט איהם ריידען וועגען אַ וויכ־טיגער זאַך.

ספּאַרטאַק איז צו איהם אַרויסגעקומען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און מיט אַ פריידיגען שמייכעל.

— עפּעס־וואָס נייעס, ענאָמאַי ? — האָט ספּאַרטאַק געפרעגט אַרומנעהמענדיג זיין חבר.

— אַלץ ווי געווען : מיר זיצען ליידיג, אָבער ס׳וואָלט שוין צייט געווען זיך צו נעהמען פאַר די שווערדען, — האָט ענאָמאַי געענטפערט.

— שטילער ! דו ווילסט באַגראָבען אונזער גאַנצען ענין !

— פאַרקעהרט, איך וויל וואָס גיכער איהם קרוינען מיט ערפאָלג.

— אָבער שריי ניט, משוגענער ! מיר מוזען דאָך זיין פאַר־זיכטיג, אויב מיר ווילען דערגרייכען אונזער ציעל.

— איז ווען וועלען מיר עס דערגרייכען, אויב מיר וועלען ניט מעהר ווי נאָר וואַרטען און וואַרטען ?

— אָבער די צייט איז נאָך ניט געקומען ! די זאַך איז נאָך ניט צייטיג !

— עט, עס זיינען דאָ פּלאַנצען, וואָס ווערען צייטיג נאָך׳ן אָפּשניידען, בעת זיי ליגען אויף שטרוי, — האָט ענאָמאַי איהם אָפּגעענטפערט, — אַזעלכע פרוכטען, ווי אונזער רעוואָלט איז, —

איז פון יענע, וואָס ווערען גיך צייטיג. מ׳דאַרף נאָר אָנהויבען, דאַן וועט שוין געהן פון זיך אַליין.

— וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן ? ווי איבערצייגט מען דיר?..
וויפיעל מענשען האָסטו באַוויזען צוצוציהען צו אונזער פאַראיין אין די דריי חדשים, וואָס דו געפינסט זיך אין לענטול באַסטיאַ׳ס שול ?

— הונדערט מיט דרייסיג.

— הונדערט מיט דרייסיג פון צעהן טויזענד ! און דיר דאַכט זיך, אַז מיט אַזעלכע קרעפטען קאָן מען אָנהויבען דעם אייפשטאַנד ?

— מען דאַרף נאָר אָנהויבען, וועלען שוין אַנדערע אויך צושטעהן.

— ווי אַזוי וועלען זיי צו אונז צושטעהן, ניט וויסענדיג, וואָס דאָס באַדייט, ניט וויסענדיג, וואָס פאַר אַ מענשען מיר זיינען, צו וואָס מיר שטרעבען און וועלכע מיטלען מיר באַזיצען אום די זאַך דורכצופיהרען ? דו קאָנסט אורטיילען פון דיין אייגענער ער־פאַהרונג, ווי ניט גרינג עס איז צו קריגען אַנהענגער פאַר אונזער פאַראיין. אַ סך מענשען האָסטו צוגעצויגען ?

— דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין ניט געבילדעט, איך קאָן ניט גוט ריידען און איבערצייגען. אָבער דו ! דו קאָנסט עס יאָ ! אָט דערפאַר האָב איך זיך מיט גאָר מיינע קרעפטען באַ־מיהט איינצורעדען אונזער ווירט באַטיאַט׳ן, ער זאָל דיר נעהמען פאַר אַ לעהרער אין אונזער שול. אָט לייען איבער אַליין, וואָס ער שרייבט דיר.

זאָגענדיג דאָס האָט ענאָמאַי אַרויסגענומען פון אונטער׳ן גאַר־טעל אַ צונויפגעראָלט שטיקעל פאַפּירוס און האָט עס דערלאַנגט ספּאַרטאַק׳ן.

— אָט דערפון האָט מען באַדאַרפט אָנהויבען, אַנשטאַט צו פאַרברייננגען די צייט אויף פּוסטע געשפּרעכען, — האָט ספּאַרטאַק מיט פאַרוואורף באַמערקט און, דורכלויפענדיג דעם בריעף, האָט ער פייערליך צוגעגעבען : — אָט וואו מיין אמת׳ער אָרט איז ! שוין לאַנג האָט איך געטרוימט וועגען איהם, ניט וואַגענדיג צו האָפען, אַז מיין חלום וועט פאַרווירקליכט ווערען ! גאַנצע צעהן

טויזענד דרייסטע און קרעפטיגע יונגען וועלען זיין מיינע ! איי־
נעם נאָך'ן אנדערען וועל איך זיי צוציהען צו אונזער פאראיין,
איך וועל זיי באזעעלען מיט מיין ענערגיע, איך וועל אין זיי אי־
בערגיסען יענעם גלויבען, וואָס מיט איהם איז מיין נשמה פול.
און אין א שעהנעם טאָג וועט אָט די צעהן טויזענדיגע ארמיי, ווי
איין מענש, אויפהויבען איהרע שווערדען, וועט איבער זיך פאנאנ־
דערוויקלען די פאָהן פון פרייהייט און וועט אויסשרייען, אז אלע,
וואָס זיינען באשווערט און באדריקט פון דעם רוימישען יאָך, זאָ־
לען זיך שטעלען אונטער איהר שוץ. אָך, ענדליך וועל איך ארייג־
דרינגען אין דעם נעסט פון די שלאנגען, וואָס מוזען זייער גיפט
ארייגלאָזען אין דעם לאטיינישען אָדלער און איהם אונטערשלאָ־
גען די פליגלען !

אויסער זיך פאר פרייד, האָט ספארטאק ווידער אמאָל אי־
בערגעלייענט דעם בריעף, האָט ארומגענומען ענאָמאי'ען און א
צורודערטער האָט ער גענומען הין און צוריק שפּאנען, מורמלענדיג
עפּעס אָפּגעריסענע ווערטער.

אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און זיין גאנצער
פּנים האָט זיך געביטען. די פריידיגע שטימונג איז פארשוואונ־
דען, זיינע באקען זיינען בלאס געוואָרען, זיין בליק איז געוואָרען
אומבאוועגליך און טרויעריג.

ער האָט זיך דערמאָנט וועגען וואלעריא'ן, וועגען איהר צו־
געבונדענקייט צו איהם, ער האָט גענומען טראכטען וועגען דעם,
ווי גרויס איהר צער וועט זיין, בעת זיי וועלען זיך מוזען צושיי־
דען, באזונדערס איצט, בעת זי בלייבט אליין אין איהר גרויסען
פּאלאץ, וואָס איז איצט פול מיט אומעט און טרויער. און איהם
אליין איז שווער געווען זיך צו שיידען מיט איהר, זי צו זעהן, זיך
צו טיילען מיט איהר זיינע אינערליכע איבערלעבעניסען.

ענאָמאי האָט באמערקט די פּלוצלינגע ענדערונג, וואָס אין
איהם איז נאָר־וואָס פארגעקומען און ער האָט געפרעגט מיט אומ־
רוהיגקייט :

— וואָס איז מיט דיר, ספארטאק ? האָסטו אפשר חרטה
געקראָגען ? אפשר ווילסטו זיך אָפּזאָגען פון דעם ענין ?

— ניין, ניין ! — האָט ספּאַרטאַק אויסגעשריען אויפשוי־דערענדיג : — פון אַלץ אין דער וועלט וועל איך זיך אָפּזאָגען, נאָר ניט פון מיין שבועה ! איך האָב אייך געשוואָרען ביז'ן טויט טריי צו בלייבען דעם פאַראיין פון די אונטערדריקטע און איך וועל די שבועה ניט פאַרשוועכען !

אין צוועלף טעג אַרום נאָכדעם ווי דער סענאַט האָט באַ־שטימט צו מאַכען דעם געשטאָרבענעם דיקטאַטאָר אַ קייזערליכע לויה אויפ'ן חשבון פון דער געזעלשאַפט, האָט אַ גרויסע לויה־פּראָ־צעסיע זיך גענומען ציהען פון סוללאַ'ס קומי'ער ווילא איבער דעם אַפּישען וועג קיין רוים.

זעקס שווארצע פערד האָבען געפיהרט דעם פּראַכטפולען טרויער־וואָגען, וואָס איז געווען באַדעקט מיט'ן קייזערליכען פּור־פּור־גאָלדענעם מאַנטעל. אויפ'ן וועג זיינען צו דער פּראָצעסיע צוגעשטאַנען נייע מענשען־מאַסען, דערהויפּט פון די אַרומיגע שטעדט און דערפער.

די רוימישע בירגער האָבען באַגעגענט די פּראָצעסיע צעהן מייל פון שטאָדט, און ביים אַריינקומען אין שטאָדט איז די פּראָ־צעסיע באַגעגענט געוואָרען פון אַ ספּעציעלען צערעמאָני־מייסטער, וואָס דער סענאַט האָט באַשטימט פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

עטליכע שעה האָט געדויערט, איידער די פּראָצעסיע איז איינגעריכט געוואָרען לויט דעם באַשטימטען פּלאַן און איז פייער־ליך אַריין אין שטאָדט. פאָראויס איז געגאַנגען דער צערעמאָני־מייסטער און צוועלף פאַר ליקטאָרן, אָנגעטאָן אין טרויער. הינ־טער זיי זיינען געגאַנגען מוזיקאַנטען, וואָס האָבען געשפּילט אויף לאַנגע לויה־פליימען ; דאַן זיינען געגאַנגען פינף הונדערט וויינער, וואָס האָבען הויך געכליפּעט, געקלאָגט און געריסען די האָר אויף זיך, ריהמענדיג די העלדענטאַטען און די וואָהלטאַטען פון דעם געשטאָרבענעם.

אַזוי ווי מ'האָט זיי צוגעזאָגט, אַז די מלוכה־קאַסע וועט זיי גוט באַלוינען פאַר זייער פליסיגקייט, האָבען די וויינער קיין טרע־רען ניט געשפּאָרט.

הינטער די וויינער איז געגאַנגען אַ נייער כאָר פון מוזיקאַנטען,

און נאָך זיי זיינען געגאנגען מיליטער און בירגער, וואָס האָבען געטראָגען גאָלדענע קרענץ און רייכע מתנות פון די לעגיאָנען וואָס האָבען געקעמפט אונטער סוללא'ס קאָמאנדע, און פון זיינע פער־זענליכע פריינד. נאָך זיי איז געגאנגען א גייסטליכער, וואָס האָט באַדאַרפט דערשטעכען די באַליעבטע חיות פון דעם געשטאָרבע־נעם — ארום דעם פייער אויף וועלכען מ'האָט פאַרברענט זיין קערפּער. הינטער איהם האָט מען געטראָגען די פּאָרטרעטען פון סוללא'ס עלטערן, דאן זיינען ווידער געגאנגען מוזיקאנטען, און נאָך זיי דער אַקטיאָר מעטראבי, אָנגעטאָן אין סוללא'ס בגדים און גרי־מירט אזוי, אז ער זאָל וואָס מעהר ענליך זיין צו סוללא'ן.

נאָך מעטראבי'ן, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי סוללא, האָבען די אינגסטע און שטאַרקסטע סענאַטאָרען געטראָגען דעם נפטר, וואָס מ'האָט אראָפּגענומען פון טרויער־וואָגען און אוועקגעלייגט אויף א גאָלדענער מיטה, באַצירט מיט טייערע שטיינער. הינטער דער מיטה זיינען געגאנגען סוללא'ס קינדער, זיינע קרובים און זיין פרוי וואַלעריא, אַלע אָנגעטאָן אין טיפען טרויער. נאָך זיי זיינען געגאנגען די וועסטאַלקעס אין זייערע ווייסע שלייערס מיט א פּור־פּור ראנד און אין ווייסע שטערענבענדער, און די פּריסטער.

נאָך די פּריסטער זיינען געגאנגען די סענאַטאָרען, די ריי־טער, די דינער און די שקלאַפען פון געשטאָרבענעם. די שקלאַ־פען האָבען געפיהרט סוללא'ס שלאַכט־פערד, זיינע הינט און אַלע חיות, וואָס ער האָט ליעב געהאַט ביים לעבען און דערפאַר האָבען זיי געמוזט שטאַרבען מיט איהם צוזאַמען... גאַר צום לעצטען זיינען געגאנגען די לעגיאָנען, וואָס האָבען געקעמפט אונטער סוללא'ס קאָמאנדע.

אויף'ן פאָרום האָט די באַערדיגונגס־פּראָצעסיע זיך אָפּגע־שטעלט, די מיטה האָט מען אַוועקגעשטעלט גראַד קעגען דער טרי־בונע. דאָ איבער'ן נפטר האָבען אויסגעדריקט זייער טרויער פריהער דער סענאַט, נאַכדעם די רייטער, די לעגיאָנען, און, צו־לעצט, דאָס גאַנצע פאָלק. דער קאָנסול קאַטול און פּאָמפּיי דער גרויסער האָבען געהאַלטען רעדעס. זיי האָבען געזאָגט שבחים נאָכ'ן נפטר, זיי האָבען גערעדט וועגען זיינע העלדענטאַטען און

וואַהלטאַטען. דאַ האָבען זיך צעווײנט אַלע, וועמען סוללאַ האָט געטאָן טובות און ווער עס האָט איצטער געציטערט פאַר זײן אײ־גענעם שיקזאַל.

נאָך דעם האָט די פּראָצעסיע זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג צום מארסאַ־פעלד, וואו אַלץ איז שוין געווען צוגעגרײט צו דער באערדיגונגס צערעמאָני.

בעת מ'האָט די מיטה אַוועקגעשטעלט בײם שײטערהויף, איז וואַלעריאַ צוגעגאַנגען אַבשיעד נעהמען פון נפטר, דערבײ האָט זי איהם אַרײנגעלײגט אין מויל אַ קלײנע מטבע אויף צו באַצאָהלען כאַראָנען פאַר'ן איבערפיהרען די נשמה דורך אַכעראָן.

דאַן האָט מען דעם קערפּער אַוועקגעלײגט אויפ'ן שײטער־הויף. די מוזיקאַנטען האָבען גענומען שפּיעלען דעם טרויער הימן און די פּריסטער האָבען גענומען דערשטעכען די חיות. זײער בלוט, צומישט מיט וויין, האָניג און מילך, איז אויסגעגאָסען גע־וואָרען אַרום שײטערהויף. אויפ'ן שײטערהויף האָט מען געגאָ־סען דופּטיגע אוילען. פון אַלע זײטען האָט מען גענומען וואַרפען אַזוי פיעל בלומען און קרענץ, אַז דער גאַנצער שײטערהויף און אַ גרויסער שטח אַרום איהם איז מיט זײ פאַרשאָטען געוואָרען.

אין דער אײגענער צײט האָבען סוללאַ'ס גלאַדיאַטאָרען, אוי־סער אַרטאָריקס'ן, וועלכער איז נאָך פריהער באַפרײט געוואָרען, זיך גענומען פעכטען, און גאָר אין גיכען זײנען זײ אַלע געפאַלען אַרום שײטערהויף, ווייל פון די גלאַדיאַטאָר־שלאַכטען, וואָס פלע־גען פאָרקומען בײ באערדיגונגען, האָט קײנער ניט געטאָרט אַרויס־געהן אַ לעבעדיגער.

בעת דער לעצטער גלאַדיאַטאָר איז געפאַלען, האָט פּאָמפּײ גענומען אַן אָנגעצונדענעם פאַקעל און אונטערגעצונדען דעם שײ־טערהויף.

אין אײן אויגענבליק האָט דאָס פײער אַרומגעכאַפּט די האָלץ, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט סמאָלע און אויל און דער גאַנ־צער שײטערהויף איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אײן שטיק פײער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז פון דעם מענשען, וואָס פאַר איהם האָט געציטערט גאַנץ רוים און איטאַליען, געוואָרען אַ

הויפען אש, וואָס מ'האָט פאַרזיכטיג צונויפגענומען און אריינגע־
שאָטען אין אַ בראָנזענער וואַזע מיט גאָלדענע און זילבערנע באַ־
צירונגען.

ספארטאק, אָנגעטאָן אין טרויער, אַלס לעהרער פון סוללא'ס
גלאַדיאַטאָרען, האָט אויך געמוזט געהן אויף דער לויה און זיין
אנוועזענד ביי דער שלאַכט פון זיינע שילער און מיטגלידער פון
„דעם פאראיין פון די אונטערדריקטע".

אַ טיעף רחמנות־געפיהל צו די אומגעקומענע חברים, אַ ענד־
לאָזער צאָרן קעגען די דעספאָטען, וואָס צווינגען מענשען אומצו־
ברייננען איינער דעם צווייטען קעגען זייער ווילען, דאָס באַ־
וואוסטזיין פון זיין אייגענער מאכטלאָזיגקייט האָבען פול געמאכט
זיין נשמה מיט שרעקליכע יסורים. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט
געפיהלט אזא דראַנג זיך נוקם צו זיין פאַר אַלע אומגערעכטיגקיי־
טען פון די מאכטהאבענדע, נאָך קיינמאָל איז ער ניט געווען אזוי
גרייט צו פאַרגיסען זיין אייגען בלוט פאַר אַלע באַליידיגטע און
ערנידריגטע, ווי אין דעם מאָמענט.

נאָר איבערמענשליכע אנשטרענגונגען האָבען איהם געהאָל־
פען איינצוהאַלטען זיינע געפיהלען און ניט אַרויסצואווייזען פאַר
די אַרומיגע, וואָס פאַר אַ שטורם עס האָט געווילדעוועט אין זיין
נשמה.

ווען די רוימער וואָלטען דעמאָלט געקענט אריינבליקען אין
דער נשמה פון אָט דעם מעכטיגען מענשען, וואָס האָט אזוי גע־
דורשט נאָך גערעכטיגקייט, וואָלטען זיי פארשטאַנען, וואָס פאַר
אַ שרעקליכען שונא זיי האָבען, און קוים וואָלטען זיי איהם גע־
לאָזט רוהיג אוועקגעהן פון מאַרסאָ־פעלד צוריק אין דער גלאַדיאַ־
טאָר־שוהל פון יוליוס ראַבעצי, וואו ער האָט זיך געדארפט טרע־
פען מיט קריקס'ן און זיך מיט איהם ווענגען עפעס־וואָס באראטען,
איידער ער פארלאָזט רוים.

בעת ספארטאק איז געקומען אהיים, האָט מירדזא איהם גע־
זאָגט, אז איהר ווירטין, וואַלעריא, וויל איהם זעהן.

וואַלעריא איז צו איהם אַרויסגעקומען. זי איז געווען מיד
און בלאַס. די טרויער קליידער, וואָס זי האָט געטראָגען, האָבען

צונגעגבען איהר פּנים אַ שרעקליכען אומעט.

זי האָט קוים באַוויזען זיך צו באַגריסען מיט ספּאַרטאַק׳ן, איז מירדזא אַריינגעגאַנגען און האָט געמאָלדען, אַז האָרטענזי איז געקומען.

ספּאַרטאַק האָט געוועלט אַוועקגעהן, אָבער וואַלעריאַ האָט איהם געבעטען אַריינגעהן אין אַ דערבייאיגען צימער, פון וואַנען ער זאָל קענען אונטערהערען זייער געשפּרעך.

— איך ווייס, וועגען וואָס מיין ברודער האָרטענזי וויל מיט מיר ריידען, — האָט וואַלעריאַ געזאָגט, — און איך וויל, אַז דו זאָלסט הערען, וואָס איך וועל איהם ענטפערען.

ווי נאָר ספּאַרטאַק האָט זיך באַהאַלטען אין דערבייאיגען צימער, איז אַריינגעקומען האָרטענזי.

נאָך זיין פאַראומערטען פּנים האָט מען געקענט זעהן, אַז עפּעס־וואָס דריקט איהם.

ער האָט זיך קאַלט באַגריסט מיט דער שוועסטער און באַלד איהר געזאָגט, אַז ער איז אומצופרידען מיט איהר אויפפיהרונג, וואָס פּאַסט ניט פאַר אַזאַ הויכגעשטעלטע מאַטראָנע, ווי זי איז.

— אין וואָס באַשטעהט מיין חטא ? — האָט וואַלעריאַ שטאָלץ געפרעגט, — מיט וואָס האָב איך זיך ערנידעריגט ?

— מיט דיין ניט שעהנער באַקאַנטשאַפט.

— ווער איז דאָס ?

— דיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם געוועזענעם שקלאַף און גלאַדיאַטאָר, וואָס דו ערלויבסט זיך איהם אויפצונעהמען ביי זיך אין הויז און דערמיט שטעלסטו זיך אויף איין שטאַפּעל מיט איהם. וואָס פאַר אַ פריינדשאַפט איז דאָס צווישען אַן אָנגע־זעהענער רוימישער מאַטראָנע און אַ פּאַרהאַסטען באַרבאַר ?

— און אויב איך האַלט איהם ניט פאַר אַ פּאַרהאַסטען ? אויב איך שטאָלציר מיט אונזער פריינדשאַפט ? און אויב איך האַלט, אַז לויט זיין פאַרשטאַנד און איידעלקייט איז צו איהם קיין גלייכען ניטאַ צווישען די אַריסטאָקראַטישע רוימישע פּאַט־ריציער ? וואָס וועסטו דערויף זאָגען ?

— דו בינסט פון זינען אַראָפּ, וואַלעריאַ ! — האָט האָר־

טענזי געזאָגט מיט שרעק. — און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם דאָזיגען לײדאַק, וועל איך שוין איהם אָנווײזען, וואו זײן אמת'ער אָרט איז.

— דו זאָלסט ניט װאַגען װעגען איהם אַזוי צו רײדען אין מײן געגענוואַרט!

— פאַר וואָס ניט?

— װײל, באַלײדיגענדיג איהם, באַלײדיגסטו מיר, זײן צו־קינפטיגע פרוי.

— און ער האָט געוואָגט צו מאַכען אַזאַ פאָרשלאַג דיר, די טאָכטער פון וואַלעריא מעסאַלא און די אלמנה פון געשטאָרבע־נעם דיקטאַטאָר?!

— איך אַלײן וויל איהם מאַכען אַ פאָרשלאַג, וויל איך האַלט פאַר'ן גרעסטען גליק צו ווערען זײן פרוי.

— וואַלעריא! משוגענע!... וואָס רעדסטו! — האָט האָר־טענזי מיט שרעק אויסגעשריען. — וואָס פאַר אַ שאַנד דאָס איז פאַר אונזער יחוס, פאַר אונזער גאַנצען באַשאַף!

— האָרטענזי! — האָט וואַלעריא פעסט און רוהיג איהם אָפּגעענטפערט. — באמיה זיך אוועקצושטעלען העכער פון די זינלאָזע פאָראורטײלען, וואָס מיט זײ פאַרדאַרבען מיר זיך דאָס לעבען. אַ שאַנד פאַר אונזער יחוס, פאַר אונזער גאַנצען באַשאַף און פאַר מיר אַלײן איז געווען מײן הײראַט מיט סוללאַ'ן, וועלכען איך האָב ניט ליעב געהאַט און ניט געאַכטעט. מײן הײראַט איז געווען אַן אויסגערעכענטע, כ'האָב מיט איהם חתונה געהאַט דער־פאַר, ווײל איך האָב געזוכט כבוד. אַלע האָבען געוואוסט, וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז געווען און אויף וואָסער אופן ער האָט צונויפגעקליבען זײן רײכקײט; אַלע האָבען געוואוסט, אַז מיט טײכען בלוט האָט ער פאַרפלײצט זײן פאָטערלאַנד, און דאָך האָט מיר דעמאָלט קײנער ניט פאַראורטײלט, פאַרקעהרט, אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז מײן אויסוואַהל איז אַ גוטער. איצט, בעת איך וויל מײן שיקזאַל פאַרבינדען מיט'ן שיקזאַל פון אַן עהרליכען מענ־שען, וואָס האָט אַ האַרץ און אַ פאַרשטאַנד, ועמען איך ליעב און פאַרעהר און גלויב אָהן אַ שיעור — איצט פאַראורטײלט מיר אַ לײבליכער ברודער.

— אָה, שווייג שטיל! מאטער מיר ניט! — האָט האָר־טענזי ארויסגעזיפצט. — ווילען דען די געטער דערלאָזען, אז איך זאָל פארוואנדט ווערען מיט דעם דאָזיגען קאָמעדיאַנט פון צירק!

— האָרטענזי! ער איז ניט געבאָרען געוואָרען א גלאַדיאַ־טאָר! — האָט וואלעריא געלאַסען געענטפערט. וואָס איז ער שולדיג, אז דער רוימישער דעספּאָטיזם האָט ביי איהם אוועק־גערויבט זיין פאָטערלאַנד, זיין פירסטליכע און מענשליכע ווערדע און איהם אריינגעשטויסען אין בלאָטע?

— גענוג! גענוג! — האָט האָרטענזי געקרעכצט, זיך כאַ־פּענדיג ביים קאָפּ. וואָס פאר א בזיון דאָס איז! ס'אַרא ער־נידערונג!

— טאָ זאָג זיך אָפּ פון מיר! פארגעס, אז איך בין דיין שוועסטער! איך אליין וועל זיך אויך אָפּזאָגען פון רוימישער בירגערשאַפט און פון רוים און פון מיין גאַנצען יחוס'דיגען באַ־שאַף, אויב איך בין פאר איהם א שאַנד, אויב איך בין א פלעק אויף דער משפחה. איך וועל פון דאַנען אוועקפאָהרען מיט ספּאַרטאַק'ן און וועל זיך באַזעצען מיט איהם ערגיץ־וואו ווייט. איהר וועט פון מיר ניט הערען.

— לאָמיר אויפהערען דעם געשפּרעך. מיר וועלען שפּעטער ריידען, בעת דו וועסט זיך באַזינען.

— קיינמאָל ניט! — האָט וואלעריא היציג אויסגעשריען. — שפּעטער וועל איך זאָגען דאָס אייגענע, וואָס איצט.

— איז דאָס דיין לעצט וואָרט?

— דאָס לעצט וואָרט, האָרטענזי!

— איז ניטאָ מעהר וועגען דעם צו ריידען?

— דאָס איז מיין לעצט וואָרט!

— זיי געזונט! עס טוט מיר זעהר לייד אויף דיר!

— אָה, רחמנות איז דאָ גאַנץ איבעריג!

— זיי געזונט, וואלעריא!

— געה געזונט, האָרטענזי!

בעת האָרטענזי איז אַרוים פון הויז, א צובראָכענער, נידער־שלאָגענער, האָט וואלעריא אַרויסגערופען פון צימער ספּאַרטאַק'ן.

ער איז אריינגעקומען א פארצאגטער, אן אויפגערעגטער, אין דער אייגענער צייט איז ער געווען איבערפולט מיט דאנק־בארקייט און מיט מיטלייד צו דער דאזיגער איידעלמוטיגער פרוי, וואס איז גרייט געווען אלץ מקריב צו זיין פאר איהם און וועלכע ער האט איצט געמוזט פארלאזען אויף לאנג — ס'קאן זיין, אויף אייביג! ווי אזוי זאל ער איהר דאס זאגען? און וואס זאל ער איהר זאגען? ער האט דאך געשווארען קיינעם ניט אויסצוזאגען, פאר וואס ער פאהרט אין קאפויא.

— ספארטאק! — האט וואלעריא געזאגט, — איצט זעהסטו, וואס דו ביסט פאר מיר! איך וועל געהן וואוהין דו וועסט געהן, כאטש אין עק וועלט! לאמיר אוועקפאהרען קיין פראקיען, צווישען די ראדאפישע בערג, וואו די ביסט געבארען געווארען! דיין פאטערלאנד וועט פאר מיר ווערען א ניי פאטערלאנד, דיין פאלק וועט ווערען מיין פאלק. מיין רייכקייט האט מיר קיין גליק ניט געגע־בען, און איך וויל ניט קיין לוקסוס! איך וועל גליקליך זיין מיט א קליינעם חלק, איך וועל ארבייטען צוזאמען מיט דיר, איך וועל דיר אין אלץ העלפען! אה, דו וועסט זעהן, אז איך בין ניט די זעלבינע, וואס אמאל געווען!

ספארטאק האט איהר אויסגעהערט און זיין הארץ איז שיער ניט צושפרונגען געווארען פון יסורים. ער האט ניט געוואגט צו צושלאגען איהרע שעהנע טרוימערייען וועגען דער צוקונפט, וואס האבען ניט געקאנט פארווירקליכט ווערען איבער זיין ענטשלאסענ־הייט זיך מקריב צו זיין פאר דער גרויסער און הייליגער זאך.

א ציטער האט איהם פלוצלונג דורכגענומען און ער האט אנ־געהויבען עפעס וואס זיך איינהערען. ערגיץ־וואו ווייט, אויף דער גאס, האט זיך געהערט א שטילער געזאנג, וואס איז ביסלעכווייז געווארען אלץ שטארקער און דייטליכער. ס'איז קענטיג געווען, אז די זינגענדע האבען זיך דערנעהנטערט.

ספארטאק האט באלד דערקאנט דאס ליעד פון די גלאדיא־טארן. יונגע און קרעפטיגע שטימען האבען געזונגען:

פרייהייט, הייליגע פרייהייט!
פארשפרייט אויף אונז דיין שיין.

אין שוואכע, מידע הערצער
גים מוט און קראפט אריין!
שפרייט אויס אויף אונז דיין פליגעל
און הויב אין אונז די מאכט,
גערעכטיגקייט זאל זיעגען,
פארלאז אונז ניט אין שלאכט.
נידער מיט די קייטען!
נידער מיט דער שאנד!
פרייהייטס ליעד זאל קלינגען
איבער ים און לאנד.
פרייהייט, היילינע פרייהייט!
פארשפרייט אויף אונז דיין שיין
אין שוואכע, מידע הערצער
גים מוט און קראפט אריין!

שווער אטעמענדיג און מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, האט ספארטאק זיך איינגעהערט דאס דאזיגע ליעד, וואס האט איהם דערמאנט וועגען דער שווערער פליכט, וואס ער האט אויף זיך פרייוויליג גענומען. ער האט ניט געקאנט איינהאלטען די טרערען, וואס האבען ניט ווילענדיג זיך געקייקעלט פון זיינע אויגען.

— ספארטאק! וואס איז מיט דיר? — האט וואלעריא גע־פרעגט מיט אנגסט.

— פארגיב מיר! זיי מיר מוחל! — האט ער ארויסגערעדט כליפענדיג, מיט א געבויגענעם קאפ. — איך מוז פארשווינדען, איך מוז דיר פארלאזען! איך קאן דיר ניט זאגען פאר וואס, איך האב געשווארען ניט אויסצוזאגען... איך וועל דיר זאגען שפעטער, בעת דו וועסט געוואהר ווערען, פאר וואס איך האב דיר אוועקגע־ווארפען, פאר וואס איך מוז אפפערן אי מיט דיין גליק אי מיט מיין גליק!

און איידער די דערשראקענע וואלעריא האט נאך באוויזען צו קומען צו זיך, האט ספארטאק געשווינד זיך א הויב געטאן, זיך אפגעזעגענט מיט איהר און איז האסטיג אוועק, מורא האבענדיג זיך אומצוקוקען.

8טער קאפיטעל.

א שיכור אלס רעטער פון דער רעפובליק.

כמעט פיער יאהר זיינען פארגאנגען.

רוים האט געפייערט די פרעהליכע יום־טובים לכבוד דעם גאט פאן, וואס זיינען אלע יאהר אויסגעפאלען דעם 15טען פעברואר.

ביי איינעם פון די זיילען פון דעם פאוועז טעמפעל איז גע־שטאנען א יונגער מאן פון א יאהר פינף און צוואנציג. ער איז געווען אויסערגעוועהנליך שעהן. א הויכער און א שלאנקער, מיט א וואונדערליך שעהנעם קאפ באדעקט מיט שווארצע האר, מיט א גרויסען שטערן, מיט שעהנע אויסדרוקספולע אויגען, וואס האבען אפגעשפיגעלט ענערגיע און שכל. זיין פנים איז געווען ווי אפגע־טאקט. אין דער גאנצער פיגור פון דעם דאזיגען יונגען מאן איז געווען עפעס־וואס הערשערישעס, עפעס־וואס, וואס מאכט צו זיך אונטערטעניג. ער איז געשטאנען אנגעשפארט אן זייל און האט גלייכגילטיג געקוקט אויפ'ן המון, וואס האט ארום איהם געשווי־בעלט און געגריבעלט.

דאס איז געווען יוליוס צעזאר.

אנגעטאן איז ער געווען נאך דער גריכישער מאדע. איבער דעם ווייסען טוניק, וואס איז געווען באנייהט מיט פורפור טאסמעס און איינגעצויגען ביים סטאן מיט א פורפורנעם שנור, איז געווען אריבערגעווארפען א טאגע פון א זעהר דינעם ווייסען שטאף, די ראנדען געזוימט מיט א בלויען באנד.

אין יענער צייט איז ער שוין געווען באוואוסט און פאפולער. מ'האט איהם געהאלטען פאר א קלוגען, געבילדעטען און מוטיגען מענשען, ער האט זיך שוין דעמאלט אויסגעצייכענט מיט זיין רעד־

נער־טאלאנט, מיט זיינע שעהנע מאניערען און מיט זיין פריינדליכ־קייט צו מענשען.

אלס קרוב און אנהענגער פון מאריוס'ן, איז ער געווען גע־צוואונגען זיך צו באהאלטען פון סוללא'ן און ערשט נאך סוללא'ס טויט האט ער זיך אומגעקעהרט אין רוים. ערב די דאזיגע יום־טובים האט מען איהם באשטימט פאר איינעם פון די אויבער־פריסטער.

— זיי געגריסט, געטליכער יוליוס! — האט מעטראבי מיט חניפה געזאגט, ארויסגעהענדיג פון טעמפעל מיט א קאמפאניע קאמעדיאנטען און פאיאצען.

זיך דערמאנענדיג עפעס־וואס, האט צעזאר איהם א וואונק געטאן ער זאל צוגעהן.

— איך דארף דיר האבען, — האט צעזאר שטיל געזאגט. — קום צו מיר היינט פון אווענד. און איצט קאנסטו געהן מיט דיינע חברים זיך לוסטיג מאכען.

מיט גרויס פרייד האט מעטראבי באלד דערצעהלט זיינע חברים, אז יוליוס צעזאר האט איהם איינגעלאדען צו זיך אהיים. דערווייל איז ער אוועק מיט זיין קאמפאניע אין א שיינק און האט זיך אנגעשיכור'ט.

— שעהן וועסטו אויסזעהן ביי צעזאר'ן אין אזא צושטאנד! — האט איינער פון דער קאמפאניע איהם אויפמערקזאם געמאכט, בעת ער האט שיכור'ערהייד גענומען פלאפלען.

די דאזיגע באמערקונג האט מעטראבי'ן א ביסעל אויפגע־מונטערט.

„מען מוז זעהן זיך אויסצוניכטערן", האט ער א טראכט גע־טאן, „און דערפאר וואלט בעסער געווען זיך דורכצודרעמלען אויף דער פרייער לופט".

קוים דערשלעפענדיג די פיס, האט ער פארלאזט דעם שיינק און איז אוועק זוכען אן ארט זיך דורכצודרעמלען אויף דער פרייער לופט.

צי דאס איז געווען א פשוט'ער צופאל, אדער דער בייזער שיק־זאל, וואס באנוצט זיך מוטווילינ מיט מענשען, האט איהם געפיהרט,

אָבער מעטראַבי, אַליין ניט וויסענדיג וואוהין די פּיס טראָגען איהם, איז פֿאַרקראָכען אין דעם וועלדעל פון פורינא, די געטין פון שטורמס. ער האָט זיך דאָרט אװעקגעלייגט אונטער אַ געדיכטען בוים און האָט שטאַרק איינגעשלאָפען.

איהם האָט זיך געחלום'ט עפּעס־וואָס שרעקליכעס און דאָרום האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ערשט אַרום האַלבע נאַכט. די לבנה האָט העל געשיינט דורך די בוימער, וואַרפענדיג אויף דער ערד דורכ־זיכטיגע שטראַהלען און דונקעלע סילועטען פון די צווייגען, וואָס אַ לינדער ווינטעל האָט גשאָקעלט. ערגיץ־וואו ווייט האָבען זיך געהערט שטימען.

מעטראַבי האָט זיך אויפגעהויבען און געגומען זיך איינהערען.

— אויב אונז איז שוין יא באַשערט צו שטאַרבען, טאָ לאָמיר בעסער שטאַרבען פאַר פרייהייט, פאַרטיידיגענדיג אונזערע רעכטען, איידער אין די צירקען, וואו אונזערע שונאים מאַכען פון אונזער טויט פאַרשטעלונגען און פאַרוויילונגען! — האָט אימיצער היציג געזאָגט. — אויב די דאָזיגע חיות אין אַ מענשליכער געשטאַלט דורשטען נאָך אונזער בלוט, זאָלען זיי אַליין קומען מיט אַ שווערד אין האַנט און עס פאַרגיסען און זאָלען זיי דערפאַר באַצאָהלען מיט זייער אייגען בלוט. בעת זיי וועלען דערזעהן, אַז אין זייערע אָדערן פליסט דאָסזעלבע בלוט, וואָס אין אונזערע אָדערן, דעמאָלט וועלען זיי זיך גיבער איבערצייגען, אַז אַלע מענשען זיינען באַשאַפען גע־וואָרען גלייך און דאָרום האָבען זיי גלייכע מענשליכע רעכטען!

אויסגעשרייען פון צופרידענהייט האָבען אָפּגעהילכט אין דער נאַכט־שטילקייט. עס איז קלאָר געווען, אַז די פאַרזאַמעלטע האָ־בען מסכים געווען מיט'ן רעדנער.

מעטראַבי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ קומט פאָר אַ פאַר־שווערונג. ער האָט זיך צוגעדריקט צום בוים און געגומען זיך איינהערען מיט גרויס אנשטרענגונג. ער איז פּלוצלינג ניכטער געוואָרען און האָט זיך געגומען דערמאָנען וואו און ווען ער האָט געהערט יענע שטים, וואָס איז איהם פאַרגעקומען באַקאַנט.

— יאָ, דאָס איז ספּאַרטאַק! — האָט ער צו זיך אַליין גע־זאָגט. — זיין פּלאַן איז מיר קלאָר. גאָר אַ קלייניגקייט!

דער גאנצער פּלאַן פון דעם געוועזענעם גלאַדיאַטאָר, וואָס ער האָט איהם אַזוי לאַנג און מיט אַזוי פיעל אויסדויער אַרומגעטראָגען אין די באַהעלטעניסען פון זיין נשמה און מיט אַזוי פיעל מיה איהם דערפיהרט כמעט צום ציעל, איז אין אַ וועלכע צעהן מינוט צופעליג אויפגעדעקט געוואָרען פאַר אַ זייטיגען מענשען, וואָס האָט געברענט מיט אומגעדולד צו ווערען אַ פאַרעטער.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט מעטראַבי זיך איינגעהערט צו זייערע ווייטערדיגע געשפּרעכען. לויט ווי זיי האָבען צווישען זיך אָפּגעמאַכט, האָט אַרטאָריקס מאָרגען געדאַרפט געהן צו ראַוועננ׳ען, כדי דאָרט צו טרעפען גראַניק׳ן און איהם אָנזאָגען, ער זאָל האָבען אָנגעגרייט זיינע 5200 גלאַדיאַטאָרען, וואָס געפינען זיך אין דער ראַוועננער גלאַדיאַטאָר־שוהל. דאָס וועט זיין דער ערשטער לעגיאָן. דער צווייטער לעגיאָן, פון 7750 מאַן, וואָס איז געוועזען צוזאַמענגעשטעלט פון רוימישע גלאַדיאַטאָרען, וועט אַרויסטרעטען אונטער קריקס קאָמאַנדע. 7000 קאַפּואַנישע גלאַדיאַטאָרען פון באַטיאַ׳ס שוהל, וועלען צוזאַמענשטעלען דעם דריטען און דעם פערטען לעגיאָן און זיי וועלען זיין אונטער דער קאָמאַנדאָ פון ספּאַרטאַק׳ן און ענאָמאַי׳ען.

— צוואַנציג טויזענד באַוואָפּאַנטע גלאַדיאַטאָרען! — האָט ענאָמאַי אויסגעשריען מיט אַ ווילדער פרייד. — איך שווער ביי די געטער פון גהינום, מיר וועלען זעהען, ווי די לאַטען פאַרשפּילענען זיך אויף די רוקענס פון סוללאַ׳ס און מאַראַוס׳עס לעגיאָנערען.

— איצט, אַז מיר האָבען זיך שוין אויף אַזוי פיעל צונויפגערעדט, — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט, — פאַרשווער איך אייך מיט אונזער היילינגער זאַך, וואָס האָט אונז אַלעמען פאַראייניגט, זייט פאַרזיכטיג און קלוג! געדענקט, אַז איין ניט פאַרזיכטיגער שריט קאָן צושטערען דעם גאַנצען ענין, וואָס גאַנצע פיער יאָהר האָבען מיר אויף איהם אונזערע קרעפטען אָוועקגעלייגט! יעדער פעהלער וואָלט געווען אַ פאַרברעכען פון אונזער זייט, אַ אומפאַרצייהליכעס פאַרברעכען אין אָט דעם ענטשיידענעם מאָמענט. איך מיט ענאָמאַי׳ען וועלען די ערשטע אויפהויבען די פאָהן פון דעם אויפשטאַנד און מיר וועלען אָנווענדען אַלעם מעגליכעס דורך אַ פּלוצלינגען אי־

בערפאל צו פארכאפען די הויפט־שטאָדט פון קאמפאניען. דאַן זאָלט איהר אויך זיך א הויב טאָן אין רוים און אין ראווענע און דורך דאָרט וועט איהר געהן צו אונז.

נאָך עפעס־וואס זיי אָנזאָגענדיג, האָט ספארטאק איינגעלאדען קריקס'ן אין שיינק פון „וועגוס די באשיצערין פון קברים", וואו ער האָט זיך געדארפט מיט אימיצען זעהן, און די איבריגע האָט ער געהייסען זיך אומקעהרען אין רוים — אין קליינע גרופען און אין פארשידענע ריכטונגען, כדי ניט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער נאכט־וואך.

בעת דער וועלדעל איז פוסט געוואָרען, האָט מעטראבי, א פאר־גליווערטער פון שרעק, ווי א גנב, זיך ארומקוקענדיג פון אלע זייטען, פארלאָזט דעם וועלדעל.

"אזוי איז דאס! — האָט ער צו זיך געמורמעלט. — א שטורם קלייבט זיך איבער רוים! . . . דאס האָבען די געטער אליין מיר געשיקט אהער! ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי האָבען מיר אויס־געקליבען פאר זייער געצייג, אום צו רעטען די רעפובליק".

ניט קוקענדיג דערויף, וואס ס'איז שוין געווען גאנץ שפעט, האָט ער דאָך באשלאָסען צו געהן צו צעזאר'ן און איהם דערצעהלען די גאנצע געשיכטע.

אנפאנגס האָט צעזאר איהם ניט געגלויבט, ער האָט איהם געהאלטען פאר א שיכור און פאר א נאר, אבער צולעצט האָט ער זיך גענומען באציהען ערנסטער צו זיינע ווערטער. צעזאר'ן איז ארויף אויפ'ן געדאנק, אז מעטראבי האָט ניט אזוי פיעל שכל אויס־צוטראכטען אזא מעשה און דארום איז נויטיג איהם אויסצוהערען מיט מעהר אויפמערקזאמקייט.

— נו, וואס זאָגסטו דערצו? — האָט מעטראבי אומגעדולדיג געפרעגט, באמערקענדיג, אז צעזאר האָט זיך פארטראכט און ענט־פערט איהם ניט.

— איך וועל דיר בעטען, — האָט צעזאר געענטפערט, — דו זאָלסט דערווייל וועגען דעם שווייגען און ניט פארלאָזען דאס צי־מער, ביז וואנען איך וועל זיך אומקעהרען.

זיך איבערטאָענדיג אין פראָסטע קליידער און ארויפווארפענדיג

אויף זיך א טונקעלען פלאשין, איז ער האסטיג אוועק אין שיינק פון „וועגנוס די קברים באשיצערין“, אין דער באגלייטונג פון איינעם פון זיינע קנעכט.

אריינקומענדיג אין שיינק האט ער באלד באמערקט ספאר־טאק'ן, וואס איז געזעסען אין א זייט־צימער מיט א קאמפאניע גלא־דיאטארען.

צעזאר איז אריין אין יענעם צימער, האט זיך געזעצט ביי א באזונדערען טישעל און געהייסען דערלאנגען צוויי פארציעס ווייז פאר זיך און פאר זיין באגלייטער.

ספארטאק, וואס איז געזעסען צווישען קריקס'ען און אנא־מאי'ען, איז געווען פארטראכט און טרויעריג. נאך דעם טיפען קנייטש, וואס איז געלעגען צווישען זיינע צונויפגעדריקטע ברעמען, איז קענטיג געווען, אז שווערע מחשבות עגבערן זיין מוח.

פון ערשטען בליק אן האט צעזאר געטראפען ווער פון זיי איז ספארטאק, הגם ביז יענער צייט האט ער איהם קיינמאל ניט גע־זעהן. און וואס מעהר ער האט געקוקט אויף ספארטאק'ס שעהנעם איידעלמוטיגען פנים, אלץ מעהר סימפאטיע האט ער געפיהלט צו איהם.

— זיי געגריסט, העלדישער ספארטאק ! — האט צעזאר ענד־ליך געזאגט, אויפהויבענדיג זיך פון ארט און צוגעהענדיג צו ספאר־טאק'ן. — קאן איך דיר זעהן אויף עטליכע מינוט ?

— יוליוס צעזאר ! — האבען מיט פארוואונדערונג אויסגע־שריען די גלאדיאטארען, וואס האבען צעזאר'ן געקאנט.

— יוליוס צעזאר ? — האט אויך ספארטאק זיך געוואונדערט, דערהערענדיג זיין נאמען.

— שטילער, שטילער ! — האט צעזאר געזאגט מיט א גנעדי־גען שמייכעל, — אניט וועט מארגען גאנץ רוים אנהויבען רעדען, אז איינער פון איהרע אויבער־פריסטער געהט ביינאכט ארום איבער די שיינקען.

— מיט וואס קאן איך דיר נוצליך זיין, קאיום יוליוס צעזאר ?

— האט ספארטאק געפרעגט.

— איך וואלט מיט דיר געוואלט ריידען אויג אויף אויג, —

האַט יוליוס צעזאַר געענטפערט. — איך האָף, אַז דיינע חברים וועלען ניט האָבען וואָס אויסצוזעצען געגען דעם, וואָס דו וועסט זיי אויף א ווײַלע פאַרלאָזען און וועסט זיך דורכגעהן מיט מיר.

די גלאַדיאַטאָרען האָבען זיך איבערגעקוקט מיט פאַרוואונ־דערונג. און ספּאַרטאַק, מיט ניט ווייניגער פאַרוואונדערונג, האָט אָנגענומען צעזאַר'ס פאָרשלאַג.

שווייגענדיג זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און שווייגענדיג זיינען זיי געגאַנגען אין רייהע, ביז וואַנען זיי זיינען אַרויסגעקומען הינטער'ן תחום פון דער שטאָדט. דאָ, אויף א פוס־טען פעלד, וואָס האָט זיך געשפּרייט גאַנץ ווייט, בלאַסע ביים שיין פון דער לבנה, עהנליכע אין זייערע לאַנגע פלאַשצען גיכער אויף גייסטער, ווי אויף לעבעדיגע מענשען, האָבען זיך אָפּגעשטעלט איי־נער קעגען אַנדערן צוויי מערקווירדיגע מענשען. ס'האָט אויסגע־וויזען, אַז זיי האָבען געוואָלט אָפּשאַצען איינער דעם אַנדערן און אויסמעסטען דעם אַבגרונד, וואָס האָט זיי פאַרנאַנדערגעטיילט, ווי פאָרשטעהער פון צוויי פיינדליכע פּרינציפּען : פון דעספּאָטיזם און פרייהייט.

אָנגעהויבען רײדען האָט צעזאַר.

— איך בין געקומען דיר זאָגען, אַז דיין פאַרטראַכטע אונטער־נעהמונג שטעהט אין דער גרעסטער געפאַהר, — האָט צעזאַר שטיל געזאָגט. — א רוימער האָט אייך אונטערגעהערט, בעת איהר האָט זיך בעראַטען אין דעם פורינא וועלדעל. דערווײַלע האָט ער נאָר מיר דערצעהלט וועגען דעם, איך קאָן איר אָבער ניט, אַז אין דער פריה וועט ער ניט מעלדען וועגען דעם די קאָנסולען.

ספּאַרטאַק האָט זיך א ציה געטאָן אויף צוריק, ווי פון א דונער געטראָפען. א פלוך האָט זיך ביי איהם פון מויל אַרויסגעריסען קעגען זיין ווילען. ער האָט גענומען קרעכצען, ווי פון א וועהטאָג, זיין פאַרצווייפלונג איז געוועזן אָהן א ברעג.

— פינף יאָהר שווערע אַרבייט, קאַמף, אָנשטרענגונג, האָפנע־נונג... און אין איין אויגענבליק איז אַלץ פאַרשוואונדען ! — האָט ער אַרויסגעבליפּעט מיט א צונויפגעדריקטער שטים. — זיינען דען

די שקלאפען אויף אייביג פאר'משפט צו שלעפען אויף זיך די קייטען ? !

מיט א טיעף מיטליידם געפיהל, כמעט מיט עהרפורכט האט צעזאר געקוקט אויפ'ן אויסוועגלאזען צער פון דעם דאזיגען מענשען, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון זיין איידעלער נשמה מיט אזא קראפט. זיין שטאלצע נשמה, וואס האט זיך שוין לאנג אבגעוואהנט צו וואונדערן אויף וואס ניט איז, איז איצט פול געווען מיט פארוואונדערונג אויף דעם ארימען גלאדיאטאר, וואס איהם האט זיין פייערדיגע ליעבע צו פרייהייט געהאלפען אויפטאן אזא העלדישקייט, וואס וואלט געפאסט פאר די העלדען פון גריכענלאנד און רוים. די עלענדע און פאראכטעטע שקלאפען, וואס זיינען באראויבט פון א פאטערלאנד און פון מענשליכע רעכטען, וואס ריידען אויף פארשיידענע לשונות און דיענען צו פארשיידענע געטער, האט ער געקאנט צונויפנעמען אין איין מעכטיגער ארמיי, וואס איז גרייט אויפ'ן ערשטען רוף ארויסצוטרעטען מיט וואפען אין די הענד.

צעזאר'ס שווארצע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט קנאה. אה, ווען די דאזיגע פיער לעגיאנען וואלטען געווען אין זיינע הענד, וואלט ער אין עטליכע יאהר ערא‍ברט די גאנצע וועלט, ער וואלט געווארען דער הערשער פון רוים, ער וואלט אבער ניט געווען אזא ברוטאלער און גרויזאמער, ווי סוללא, ער וואלט געווען א פריינד פון פאלק, געאכטעט און געליעבט פון פאלק.

עטליכע מינוט האבען ביידע געשוויגען, — איינער פארזונקען אין זיין טרויער, דער צווייטער אין זיינע עהרגייציגע חלומות.

— צעזאר ! — האט ספארטאק היציג אויסגעשריען, — וואס ביזטו אונז : א שונא אדער א פריינד ?

— איך וואלט געוואלט זיין אייער פריינד, און קיינמאל וועל איך ניט זיין אייער שונא.

— אויב אזוי, העלף אונז !

— אויף וואסער אופן ?

— גיב אונז ארויס דעם מענשען, וואס האט ארויסגעקראגען אונזער סוד !

— דו בעטסט, איך זאָל העלפען די באַרבאַרען באַהער־שען רוים?

— איך האָב פאַרגעסען: דו ביזט אַ רוימער! — האָט ספּאַרטאַק מיט ביטערקייט אַרויסגערעדט.

— יאָ, איך בין אַ רוימער, — האָט צעזאַר געענטפערט, — און דערפאַר וויל איך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל געהערען צו רוים.

— און רוים זאָל געהערען צו דיר? רוים וואָלט דאַן גע־הערשט איבער דער גאַנצער וועלט און דו וואָלסט געהערשט איבער רוים?! איז דאָס ניט אַזוי?

— וואָס איך וויל, דאָס ווייס קיינער ניט און, ס'קאָן זיין, אפילו איך אַליין ווייס ניט. און אַ סך מיה וועט מיר נאָך קאָסטען איידער איך וועל קאָנען אויסציהען מיינע פליגלען. און דו האָסט שוין אַן אַרמיי!... זאָג מיר, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן?

— וואָס איך האָב בדעה צו טאָן? — האָט ספּאַרטאַק איבער־געזאָגט, — און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ העלישען פייער. — איך האָב בדעה צו צערייסען די קייטען פון רוימישען דעספּאָטיזם און אויף די רואינען פון דער רוימישער מאַכט אוועק־שטעלען די פרייהייטס פאָהן פון אַלע לענדער און פון אַלע פעלקער! איך וויל אויסקאַסירען די מיאוסע געזעצען, וואָס גיבען איבער איין מענשען אין דער מאַכט פון אַ צווייטען מענשען! איך וויל פאַר־ברענען אַלע צירקען און אַמפיטעאַטערס, וואו דער ווילדער המון פאַרוויילט זיך מיט אונזערע געפּעכטען און מיט אונזערע יסורים!

— אַרימער טרוימער! — האָט צעזאַר באַמערקט מיט אַ טאָן פון שפּאָטלוסטיגער רחמנות. — און דו מיינסט, אַז דיר וועט זיך איינגעבען צו דערגרייכען דאָס אַלעס? דו וועסט אַליין אומקומען, און צוזאַמען מיט דיר וועלען אומקומען אַלע אַנטיילנעהמער.

— זאָל זיין אַזוי! דערפאַר אָבער וועלען מיר מיט עהרע אונזערע ביינער אוועקלייגען פאַר אַ גרויסער זאַך, און פון אונזער בלוט וועט אויסוואַקסען אַ נייער דור פון נקמה געהמער, וואָס ווע־לען פאַרענדיגען דאָס, וואָס מיר האָבען אָנגעהויבען! ווען עס איז וועט דאָך נעהמען אַ סוף פון הערען און שקלאַפען, און אַלע ווע־לען זיין גלייך!

— שעהנע חלומות, זיי וועלען אָבער קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט ווערען ! צווישען מענשען וועט קיינמאָל קיין גלייכהייט ניט זיין, און זיי וועלען אַלע מאָל זיך טיילען אויף וועלף און שעפּסען — אויף אונטערדריקער און אונטערדריקטע. אַלע מאָל וועט דער שטאַרקער הערשען איבער דעם שוואַכען, און דער קלוגער איבער דעם נאַרישען. דערפאַר וואַרף אַוועק דיין זינלאָזען חלום און גיב האַנד אין האַנד מיט מיר.

— דו האָסט דאָך אָבער מיר ניט געזאָגט צו וואָס דו שטרעבסט, צעזאַר.

— איך, פּונקט אַזוי ווי דו, בין ניט צופרידען מיט דער איצטיגער אָרדנונג פון זאַכען, און איך וואָלט אויך געוואָלט די היינטיגע אָרדנונג איבערמאַכען אַזוי ווי איך פאַרשטעה, נאָר אַביסעל אַנדערש, ווי דו ווילסט, אויף אַן אַנדער אופן. איך האָב די אָליגאַרכען און האָב זעהר פיעל מיטלייד מיט'ן פאָלק, וואָס זיי האָבען אַזוי צוגעדריקט. איך וואָלט געוואָלט איבערבייטען די אָרדנונג, דאָס הייסט, דערנידעריגען די אָליגאַרכיע און דערהויבען דאָס פאָלק. ווי דו זעהסט, זיינען אונזערע ציעלען ביז אַ געוויסען גראַד גלייך. און אַזוי ווי פּאַר אַ טייך איז נוצליך ארייננצוגעהמען אין זיך די שטראָמען, וואָס פאַלען איהם צו אויפ'ן וועג, שלאָג איך דיר פאָר דארום זיך צו פאַרבינדען מיט מיר.

— איך קאָן ניט ! ניט פּאַר דאָס האָב איך געשוואָרען אַוועקצולייגען מיין לעבען ! איך האָב אַ באַשטימטע פליכט, און איהר גיב איך אָב גאָר מיינע קרעפטען ! איהר וועל איך דינען ביז דער לעצטען רגע פון מיין לעבען !... אויב אויפ'ן הימעל איז דאָ גערעכטיגקייט, דאָס, וואָס איז ניטאָ אויף דער ערד, וועט אונזער זאַך ניט פאַרלאָרען געהן ! ווען אָבער די געטער, אַזוי ווי די מענשען, וועלען זיין געגען מיר, וועל איך פאַלען, ווי אַן אקס, רוהיג און אָהן אַ ציטער !

צעזאַר איז ווידער געווען פאַרוואונדערט און איבעראַשט פון דעם דאָזיגען מוטיגען מענשען, וואָס איז באַר איהם געשטאַנען און, איהם דריקענדיג די האַנד, האָט ער געזאָגט :

— זאָל זיין, ווי דו זאָגסט. דו ביזט אַזוי באַזעסען ביי זיך.

אז, ס׳קאָן אפשר זיין, דיין מוט און דיין העלדישקייט וועלען באַזי־גען דעם בייזען שיקזאַל. געה וואָס גיכער קיין קאַפּוּא. איך קאָן איצט מעהר ניט אָפּהאַלטען יענעם מענשען, וואָס האָט אייך אונ־טערגעהערט, צו געהן מעלדען די קאָנסולען וועגען דער פאַרשווע־רונג. אויב דאָס גליק איז אויף אייער זייט, וועט איהר איבער־יאָגען די סענאַט־עסטאַפּעטען. זיי געזונד!

— זיי געזונד, איידעלמוטיגער יוליוס! זאָלען די געטער דיר באַשיצען!

דער אויבער־פּריסטער יוליוס צעזאַר און דער געוועזענער גלאַ־דיאַטאָר ספּאַרטאַק האָבען נאָך אַמאָל זיך געדריקט די הענד און שווייגענדיג זיינען זיי צוריק אַוועק אין שיינק. צעזאַר האָט באַ־צאָהלט דערווירטין פאַר דעם וויין און, נעהמענדיג מיט זיך דעם קנעכט, איז ער אַוועק אַהיים. ספּאַרטאַק האָט אַרום זיך פאַרזאַ־מעלט זיינע חברים און האָסטיג גענומען אַרויסגעבען באַפעהלען.

קריקס האָט באַדאַרפט אויסראַטען אין רוים אַלע שפּורען פון דער פאַרשווערונג, אַרטאָריקס האָט באַדאַרפט וואָס שנעלער לויפען קיין ראַווענאַ און עפּעס וואָס אַנזאָגען גראַניק׳ן, און ספּאַרטאַק, צו־זאַמען מיט ענאָמאַי׳ען, מיטנעהמענדיג גאָר דאָס געלד, וואָס איז געווען אין דער קאַסע פון דעם „פאַראיין פון די אונטערדריקטע“, זיינען געשווינד געלאָפען קיין קאַפּוּא.

קומענדיג אַהיים, איז צעזאַר געוואָהר געוואָרען, אַז מעטראַבי איז אַוועק, ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף איהם.

„הייסט עס, אַז דער גורל איז שוין געוואָרפען, האָט צעזאַר גע־טראַכט געטאָן. „ביידע צדדים יאָגען זיך, די סענאַט־עסטאַפּעטען און די גלאַדיאַטאָרען... ווער וועמען וועט איבעריאָגען?... ווי אָפט וויכטיגע געשעהעניסען הענגען אָב פון קליינינגקייטען. אין דעם דאָזיגען פאַל וועט אַלעס זיין אָפּהענגיג פון פערד“.

ניינטער קאפיטעל.

דער אויפשטאַנד.

דעם 20טען פעברואר, בעת דער טאָג האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן, זיינען איבער די קאפּוער גאַסען ווילד דורכגעפלויגען צעהן רייטער מיט אַ דעקוריאַן פאָראויס און זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם הויז פון פּאָליציי־פּרעפעקט. נאָך זייערע פּאַרסאָפּעטע און אויסגעמאַטערטע פערד האָט מען געקאָנט זעהן, ווי זיי האָבען זיך געאיילט — קענטיג, מיט אַ וויכטיגער ידיעה.

אַרום פּרעפעקט׳ס הויז האָבען זיך באַלד פאַרזאַמעלט די ליי־דיג־געהער און מ׳האָט גענומען קלערען צוליעב וואָס די רייטער האָבען זיך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזט אין קאַפּוּא. דער המון איז גע־ווען זעהר נייגעריג און איטליכער האָט פּרובירט טרעפען די אורזאַך פון זייער אָנקומען. די נייגערינקייט האָט נאָך מעהר געשטייגט, בעת די שקלאַפען פון פּאָליציי־פּרעפעקט, וואָס ער האָט זיי ערגעץ־וואו געשיקט, האָבען גענומען לויפען אין פאַרשידענע זייטען, און אין אַ ווײַלע אַרום איז אין פּרעפעקט׳ס הויז האַסטיג אָנגעקומען אַ מיליטערישער טריבון.

אין דער זעלביגער צייט זיינען צו די שטאָדט טויערען צוגע־גאַנגען צוויי מענשען, מידע און מיט שטויב באַדעקט פון קאָפּ ביז די פיס.

דאָס איז געווען ספּאַרטאַק און ענאָמאַי.

אָבוואָהל זיי האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצופאָהרען פון רוים פריהער פון די סענאַט־עסטאַפּעטען, דאָך האָבען די לעצטע זיי אָנגעיאָגט אַרום סעסאַ. זיי האָבען זיך דאַרום פאַרקירעוועט אין אַ זייט פון דעם פּאָסט־וועג.

זיי האָט אפילו אויך אָפּגעגאָלטען צו קויפען אין א דאָרף נייע פערד און זיי האָבען ווידער איבערגיאָגט די עסטאפעטען, דאס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפען. א מייל זיבען פון קאפוא איז ספּאר־טאק'ס פערד, ניט אויסהאלטענדיג דעם ווילדען גלויף, געפאלען מיט'ן רייטער אונטער זיך און ספּארטאק האָט אויסגעלונקען א האנד.

ענאָמאי'ס פערד איז געווען אזוי אויסגעמאטערט, אז מ'האָט אויף זיינע קרעפטען ניט געקאָנט אויסרעכענען. אויף אזא'ן אופן האָבען זיי געמוזט געהן צו פוס א טייל וועג.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די האנד האָט איהם שרעקליך וועה געטאָן, איז ספּארטאק ניט אָפּגעשטאנען פון זיין חבר און ער האָט מיט קיין זאך ניט ארויסגעוויזען זיינע יסורים. נאָר לויט דעם, ווי די מוסקלען פון זיין געזיכט פלעגען אלע ווײלע א ציטער טאָן, האָט מען געקאָנט זעהן, ווי גרויס זיינע יסורים זיינען.

לענטולא באַטיאַט'ס גלאַדיאַטאָר־שוהל איז באשטאנען פון עט־ליכע געביידען, אלע אויף איין פאסאָן און פון איין גרויס און זיי זיינען געווען אזוי אויסגעשטעלט, אז דער גרויסער הויף איז געווען פון זיי ארומגערינגעלט רונד ארום. אין א שעהן וועטער פלעגען די גלאַדיאַטאָרען אויפ'ן הויף זיך איבען אין געפעכט. אין א שלעכט וועטער פלעגען זיי מאכען די איבונגען אין זאלען, וואָס זיינען דערפאר געווען באשטימט. די פארשידענע וואפען, וואָס פלעגען דערביי באנוצט ווערען, זיינען געלעגען אין באזונדערע גע־ביידען מיט דיקע און פעסטע טירען, וואָס די שליסלען פון זיי פלעגען ליגען ביים ווירט פון דער שוהל.

די קליינע קאמערלאך, וואו די גלאַדיאַטאָרען פלעגען שלאָפען אונטערגעבעט אויף שטרוי און טרוקענע בלעטער, זיינען געווען אזעלכע ענגע, אז אין זיי האָט קוים איין מענש זיך געקאָנט אהינ־טאָן. ענגע און פינסטערע, זייבען זיי גיכער עהנליך געווען צו קער־מערלאך אין א געפענגניס. און די גאנצע שוהל, וואָס איז געווען ארומגעצאמט מיט א הויכער וואנט, האָט פארטראָגען צו א גע־פענגניס.

ניט באוואוסט איז נאָר געווען, פאר וואָסערע פארברעכענס

דארפען זיך אין איהר גרייטען צום טויט, געזונטע און שטארקע מענשען, מעהרסטען טייל יונגע און שעהנע, וואס האבען פול גע־מאכט די דאזיגע שוהל. זייער איינציגע שולד איז באשטאנען דע־רין, וואס זיי האבען ניט געקאנטביישטעהן קעגען דער רוימישער מאכט און, אלס קריגס געפאנגענע, זיינען זיי געווארען די רויב פון די רוימער.

אין יענעם אבענד זיינען כמעט אלע גלאדיאטארען פון דער קאפואישער שוהל געבליבען אין שוהל, א זאך, וואס ביז אהער איז קיינמאל ניט פארגעקומען. מאנכע האבען געמאכט איבונגען מיט הילצערנע שווערדען, אנדערע האבען אויפ'ן הויף געמאכט גימ־נאסטיק אדער געזונגען אויף זייער שפראך געהיימניספולע ליעדער, וואס דער אויפזעהער האט ניט פארשטאנען. אנדערע ווידער הא־בען זיך ארומגעדרעהט אין קארידאר אדער זיינען געלעגען אין זייערע קעמערלאך.

אויף וויפיעל זיי האבען זיך ניט באמיהט צו מאכען דעם אנ־שטעל, אז זיי זיינען גלייכגילטיג און באזעסען, האבען דאך זייערע פנים'ער אויסגעדריקט אומרוהיגקייט און ערוואַרטונג.

לעטולא באטיאט האט עס באמערקט און זיין בייז געזיכט איז געווארען באזארגט.

— וויים אפשר אימיצער פון אייך, — האט ער זיך געווענדעט צו די אויפזעהער, — פאר וואס אלע גלאדיאטארן זיינען היינטיגען אווענד אין שוהל? אלע מאל אין דער צייט געהען זיי דאך אוועק אין די שיינקען, פאר וואס זיינען זיי היינט געבליבען אין שוהל?

די אויפזעהער האבען נאך ניט באוויזען א טראכט צו טאן יועגען זיין פראגע — און איינער פון דעם פאליציי־פרעפעקט'ס קנעכט איז אריינגעלאפען א פארסאפעטער און האט באסטיאט'ן דערלאנגט א בריעף, וואס האט איהם פארענטפערט זיין פראגע. דער פרעפעקט האט איהם געווארענט וועגען דער געפאהר, וואס דראהט זיין שוהל און דער גאנצער שטאדט, דערביי האט ער איהם געבעטען ער זאל וואס מעהר באוואכען די סקלאדען, וואו עס ליגען די וואפע און פארשליסען אלע טויערען פון דער שוהל, צוזאגענדיג

איהם אין א האלבער שעה ארום צוצושיקען א מיליטערישען טריבון מיט א שטארקער מחנה סאלדאטען.

א דערשראקענער פון דער דאזיגער נאכריכט האט באסטיאט באלד געהייסען אומבאמערקט פאר די גלאדיאטארען באוואפענען 250 סאלדאטען און 250 קנעכט, וואס האבען זיך אין זיין שוהל געפונען, און האט זיי געהייסען זיך פארזאמלען ביי די טויערן פון פארטונא, דורך וועלכע די שוהל האט געקאנט קומען אין פאר־קעהר מיט דער שטאדט. דארט האט ער זיי איינגעטיילט אין גרו־פען און זיי אוועקגעשיקט באוואכען די סקלאדען מיט געוועהר און די טויערן פון דער שוהל.

אין גיכען איז אנגעקומען דער מיליטערישער טריבון מיט זיין מחנה סאלדאטען.

דאס אלעס האט ארויסגערופען די שטארקסטע אויפרעגונג צווישען די גלאדיאטארען. זיי האבען פארשטאנען, אז זייער פאר־שווערונג איז אויפגעדעקט געווארען.

בעת ספארטאק און ענאמאי זיינען צוגעגאנגען צו דער שוהל, האבען זיי מיט שרעק דערזעהן, אז די שוהל איז ארומגערינגעלט פון סאלדאטען.

אויסקלייבענדיג אן ארט, וואס איז נאך ניט געווען פארנומען פון די סאלדאטען, האבען די דאזיגע צוויי העלדען זיך א ווארף געטאן מיט'ן גרעסטען אימפעט, האבען זיך גענומען איינדראפען מיט די הענד אין די געזימסען פון דעם געמויערטען צוים און קלע־טערען אין דער הויך.

ביי יעדער באוועגונג האט ספארטאק'ס אויסגעלונקענע האנד איהם פארשאפט אזעלכע יסורים, אז נאר מיט פארקריצטע צייהן האט ער זיך געקאנט איינהאלטען ניט צו קרעכצען.

— ספארטאק! ספארטאק! — האט זיך דורכגעטראגען א פרייידיגער פליסטער צווישען די גלאדיאטארען, וואס האבען געווי־מעלט אין הויף, בעת נאך ענאמאי'ען האט ספארטאק זיך ארונ־טערגעלאזט.

ספארטאק'ס אנוועזנהייט אין אזא קריטישער מינוט האט באלד אלעמען אויפגעמונטערט און אויפגעהויבען זייער אראפגעפא־

לענע מוט. אלעמען האט זיך אפגעראכט, אז צוזאמען מיט דעם דאזיגען מוטיגען מענשען איז אויך גקומען די האפנונג אויף א ישועה.

— שטילער! — האט ספארטאק געזאגט. — וואו זיינען אייערע טריבונען און קאמאנדירען?

— זיי באראטען זיך וואס מיר זאלען טאן.

— פיהרט מיר דורך צו זיי. און איך פארשווער אייך מיט אלע געטער פון הימעל און העל, האלט זיך אין ארדנונג און זייט שטיל.

אין איינעם פון די גרויסע געפעכט־זאלען, ביים שיין פון עטליכע פאקלען, האבען אפגעהאלטען א באראטונג צוויי הונדערט פון די סאמע אנגעזעהענסטע גלאדיאטארען — טריבונען, צענטוריאנען און מיטגלידער פון העכסטען ראט פון „דעם פאראיין פון די אונטערדריקטע“.

— ספארטאק מיר זיינען פארלארען! — האט דער פארזיצענדער פון ראט אויסגעשריען.

— דערוויילע נאך ניט, — האט ספארטאק געענטפערט, — אויב אייך וועט זיך איינגעבען צו פארכאפען איין סקלאד מיט געוועהר.

— אבער ווי אזוי קאנען מיר דאס, וויבאלד מיר זיינען ניט באוואפענט?

— וויפיעל פאקלען זיינען דא ביי אייך?

— ארום פיער הונדערט.

— דאס וועט זיין אונזער געוועהר, ביז וואנען מיר וועלען קיין אנדער געוועהר ניט קריגען. איהר מוזט היינט באווייזען, אז אייערע חברים האבען ניט פארזעהען דערמיט, וואס זיי האבען אייך געמאכט פאר זייערע קאמאנדירען. זייט איהר גרייט אויף אלץ?

— מיר זיינען גרייט! — האבען אין קול אלע צוויי הונדערט גלאדיאטארען געענטפערט.

— טא גיט אהער די פאקלען! לאמיר זיי אנצינדען און מיט זיי זיך א ווארף טאן אויף דער וואך, וואס היט דעם נעהנטסטען

סקלאַד מיט געוועהר. מיר וועלען די וואָך פאַרטרייבען און אונ־
טערצינדען די טיר, — דאַן וועלען מיר האָבען גענוג געוועהר.

מ׳האָט גענומען לויפען נאָך די פאַקלען, וואָס זיינען שוין פון
פריהער געווען אָנגעגרייט לויט ספּאַרטאַק׳ס פּלאַן און באַהאַלטען
אין פאַרשידענע ערטער. דערווייל איז אַ נייע מחנה סאָלדאַטען
אָנגעקומען צו די פאָרטונאַ־טויערן, די מחנה איז געפיהרט געוואָרען
פון פּאָליציי־פּרעפעקט אַליין.

אין דער זעלביגער מינוט, בעת ספּאַרטאַק און ענאָמאַי מיט
זייערע חברים זיינען גרייט געווען זיך אַריינצורייסען אין קאָרידאָר,
וואו ס׳איז געווען אַ טיר, וואָס האָט געפיהרט אין סקלאַד מיט גע־
וועהר, האָט מען גענומען שאַלען אין טרובעס און דערנאָך האָט דער
אָנזאָגער אויסגערופען, אַז אין נאָמען פון סענאַט בעט ער די רע־
בעלען זיך פאַנאַנדערצוגעהן אין די קאַמערן, אויב זיי ווילען ניט
מ׳זאָל זיי פאַנאַנדערטרייבען איבער געוואַלד.

ספּאַרטאַק האָט אַ ווייַלע זיך באַטראַכט און דערנאָך האָט ער
זיך געווענדעט צו די חברים :

— זאָלען די עלטערע צענטוריאָנען פוןביידע לעגיאָנען געהן
צו אונזערע חברים און זיי מעלדען, אַז אין אַ פערטעל שעה אַרום זאָ־
לען זיי זיך רוהיג פאַנאַנדערגעהן אין זייערע קאַמערן, אויב זיי
וועלען ניט הערען דעם פרייהייטס הימן. דאָס וועט באַדייטען, אַז
אונז האָט זיך ניט איינגעגעבען צו פאַרכאַפּען דעם סקלאַד מיט גע־
וועהר. דאַן וועלען מיר אויסברעכען די פאָרטקע, וואָס געפינט
זיך ניט ווייט פון הערקולעס טויערן, זיך אַריינכאַפּען אין האַנימעד׳ס
שיינק, זיך באַוואָפענען מיט אַלץ, וואָס וועט קומען צו דער האַנד און
וועלען אַנטלויפען אויף׳ן וועזוּוויוס. דאָרט וועלען מיר פאַנאַנדער־
וויקלען די פאָהן פון אויפשטאַנד. זאָלען אַהין קומען אַלע, וואָס
ווילען זיך שלאָגען פאַר פרייהייט. און איצט, פאָרווערטס !

און, הויך אויפהויבענדיג דעם פאַקעל, האָט ספּאַרטאַק דער ער־
שטער זיך אַ וואָרף געטאָן אין קאָרידאָר. די וואָך, וואָס האָט גע־
היט די טיר פון דעם סקלאַד מיט געוועהר, איז פאַרטריבען גע־
וואָרען.

אונטערדעסען האָבען די אַנטלאָפענע וועכטער געמאָלדען דעם

טריבון וזעגן ספּאַרטאַק׳ס אומגעריכטען אָנפאַל און ער האָט באַלד אונטערגעשיקט אַ נייע מחנה.

די גלאַדיאַטאָרען האָבען ניט געקאָנט אויסהאַלטען דעם דרוק פון דער ניי־אָנגעקומענער מחנה און זיי זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטען.

אין דער זעלביגער צייט האָבען זיך אין שוהל אריינגעריסען סאָלדאַטען און גענומען שלאָגען די אומבאַוואָפענטע גלאַדיאַטאָרען. און נאָך דעם ווי מ׳האָט דריי מאָל זיי געוואָרענט זיך פאַנאַנדערצוגעהן און זיי האָבען ניט געפאָלגט, האָבען די סאָלדאַטען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי מיט די בלאַנקע שווערדען. די גלאַדיאַטאָרען האָבען גענומען לויפען אין אומאָרדנונג, אומוואָרפענדיג און טרעטענדיג איינער דעם צווייטען.

דערזעהענדיג דאָס, האָט ספּאַרטאַק פאַרשטאַנען, אַז דער איינציגער אויסוועג פאַר איהם איז צו אַנטלויפען. דערווייל האָט ער געהייסען די עטליכע גלאַדיאַטאָרען, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבען צו פאַרכאַפּען די וואָפען פון די עטליכע סאָלדאַטען, אויף וויפיעל עס איז נאָר מעגליך אָפּצוהאַלטען דעם אָנדראַנג פון דער ניי־אָנגעקומענער מחנה; און ער אַליין מיט עטליכע דרייסטע חברים, וואָס האָבען די גאַנצע צייט זיך געהאַלטען אַרום איהם, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער פאָרטקע, וואָס זיי האָבען צוזאַמען אויסגעבראָכען און זיך ארויסגעריסען פון דער שוהל.

אויסלעשענדיג די פאַקלען, האָבען די גלאַדיאַטאָרען זיך אַ וואָרף געטאָן אין האַנימעד׳ס שיינק. דער אייגענטימער פון שיינק, אַ באַפרייטער קנעכט, איז געווען ספּאַרטאַק׳ס אַ גוטער פריינד. ער האָט געהייסען ספּאַרטאַק׳ן נעהמען פון הויז אַלץ, וואָס קאָן נאָר דיענען פאַר וואָפען: מעסערס, העק, קאָסעס, זאַסטופּעס — און דאָס אַלעס האָט ספּאַרטאַק אויסגענוצט.

באַוואָפענענדיג אויף אַזאַ׳ן אופן זיין מחנה, האָט ספּאַרטאַק זי צוטיילט אויף צוויי גרופּען. איינע, מיט איהם אַלס פיהרער, האָט באַדאַרפט געהן אויף וועזואַוויוס, די צווייטע, אונטער ענאָמאַי׳ס קאָמאַנדע, האָט באַדאַרפט בלייבען, כדי צו פאַרהאַלטען די פאַרפאָלגונג פון די רוימער.

צעהנטער קאַפּיטעל.

פון קאַפּוא ביז וועזואוויוס.

ארום האַלבע נאַכט איז א מחנה גלאַדיאַטאָרען, וואָס זיינען אנטלאָפען פון באַטיאַט'ס שוהל, צוגעגאַנגען צו דאָלאַבעלאַ'ס ווילאַ און געפאָדערט מ'זאָל עפענען דעם טויער, אַניט וועט מען איהם אויפברעכען.

דער אַלטער וועכטער, פון גריכישער אָפּשטאַמונג, האָט לאַנג געקווייגקעלט, ביז וואַנען ספּאַרטאַק, וואָס האָט גוט גערעדט גריכיש, האָט איהם ניט דערקלערט, וואָס דאָ קומט פאָר.

אריינקומענדיג אין הויף, האָט ספּאַרטאַק געהייסען אוועקשטעלען א וואַך ביי יעדען ארויסגאַנג און, צורופענדיג דעם פּאַרוואַלטער פון דער ווילאַ, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל באַזאָרגען זיין מחנה מיט דער נויטיגער פּראָוויאַנט און איהם ארויסגעבען גאָר די געוועהר, וואָס געפינט זיך ביי איהם. דערביי האָט ער איהם צוגעזאָגט ניט אָנצואווענדען קיינע גוואַלד־מיטלען, אויב ער וועט ערפילען זיין בקשה. דער פּאַרוואַלטער איז דערויף איינגעגאַנגען.

איינשטילענדיג דעם הונגער, האָט יעדער גלאַדיאַטאָר, אויף ספּאַרטאַק'ס באַפעהל, זיך אָנגעגרייט פּראָוויאַנט אויף דריי טעג. ספּאַרטאַק אַליין האָט כמעט גאָרניט געגעסען, כאָטש איבער א מעת־לעת, אז ער האָט ניט געגעסען און ניט גערוהט.

צווישען דאָלאַבעלאַ'ס קנעכט איז געווען אָן ארצט, א גריך, וואָס האָט קורירט דאָלאַבעלאַ'ס קנעכט און דאָלאַבעלאַ'ן אַליין, בעת ער פלעגט קומען אין דער ווילאַ.

ער האָט אויפמערקזאַם באַקוקט ספּאַרטאַק'ס האַנד, האָט אריינגעשטעלט אין אָרט דעם אויסגעלונקענעם ביין און פאַרבאַנ־

דאַזשירט די האַנד. דערביי האָט ער איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער מוז זיך גוט אויסשלאָפען, כדי צו קומען צו זיינע קרעפטען, ווען ניט קאָן ער קריגען פיבער.

ספּאַרטאַק האָט זיך צוגעלייגט און האָט געשלאָפען ביז אין דער פריה. בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערפרישטער און געקרעפטיגטער, האָט שוין די זון געגאָסען איהרע בלענדענדע שטראַהלען אויף דער פּרעכטיגער ווילאַ, אויף די אַרומיגע בערגלאַך און וועלדלאַך.

ספּאַרטאַק האָט געהייסען פאַרזאַמלען אַלע שקלאַפען אויף דער ווערענדע, וואָס האָט אַרומגערינגעלט די הויז, און ער, אין דער באַגלייטונג פון פאַרוואַלטער און פון טורמע אויפזעהער, איז אַוועק אין טורמע, וואָס איז אומבאַדינגט געווען ביי יעדער רוימישער ווילאַ.

דאָרט האָט מען געהאַלטען די פאַרזינדיגטע שקלאַפען, וואָס האָבען געמוזט אַרבייטען מיט קייטען אויף די הענט און אויף די פיס.

ספּאַרטאַק האָט באַפרייט איבער צוואַנציג אַזעלכע אומגליק־ליכע און האָט זיך מיט זיי אומגעקעהרט צו די איבריגע שקלאַפען אויף דער ווערענדע.

אין אַ וואַרימער און שטאַרקער רעדע האָט ער זיי דערקלערט די אורזאַך און דאָס ציעל פון דעם גלאַדיאַטאָר־אויפשטאַנד, וואָס האָט נאָר וואָס זיך גענומען פאַרשפּרייטען, ער האָט דערצעהלט, ווי ער און זיינע חברים זיינען אַנטלאָפען פון דער קאַפּואַינער שוהל און ווי נויטיג עס איז איצט פאַר זיי שטיצע פון יענע, וואָס זיינען צוגעדריקט פון רוימישען יאָך.

ער האָט זעהר בולט פאַר זיי געשילדערט אַלע צרות פון די אומגליקליכע גלאַדיאַטאָרען און שקלאַפען און די ליכטיגע צוקונפט, וואָס די פרייהייט באָט אָן.

— ווער פון אייך עס וויל זיין פריי, — האָט ער פאַרענדיגט זיין רעדע, — ווער פון אייך עס וויל בעסער שטאַרבען מיט אַ ערליכען טויט אויף׳ן שלאַכטפעלד איידער לעבען ווי אַ קנעכט, ווער עס פיהלט זיך אויף אַזוי פיעל דרייסט, אַז יעדע מינוט איז

ער גרייט צו ריזיקירען מיט'ן לעבען און אויף אזוי פיעל פעסט, אום צו קאָנען איבערטראָגען אַלע געפאהרען און שווערקייטען פון מלחמה קעגען די וועלט עראָבערער; ווער עס פיהלט די גאנצע חרפה פון א פארשקלאפט לעבען און די לאסט פון קייטען, זאָל יענער נעהמען יעדע וואפע, וואָס וועט איהם קומען צו דער האנד און געהן מיט אונז!

זיין גלענצענדע, געפיהלפולע רעדע, האָט געמאכט א טיעפען און ערשיטערענדען איינדרוק אויף אָט די אומגליקליכע, דערשלאָגענע און ערנידעריגטע מענשען, וואָס אין זייערע הערצער האָט אויפגעגליהט א פונק פון האָפנונג אויף א בעסערער צוקונפט. אונטער יובעל געשרייען און פריידיגע טרערען האָבען איבער אכציג מענשען געכאפט העק, קאָסעס, רידלען און האָבען געזאָגט די שבועה, וואָס האָט זיי געמאכט פאר מיטגלידער פון „פאראיין פון אונטערדריקטע“.

איצט איז ספארטאק'ס מחנה באשטאַנען פון 150 מענשען. פון אוועגד איז ער שוין געווען אין די אומגעגענדען פון נעאפעל, וואו ער האָט זיך ווידער אָפגעשטעלט אין דער ווילא פון א פאַטריציע. דאָ איז פאָרגעקומען דאָס אייגענע, וואָס אין דאלאבעלא'ס ווילא. פינף הונדערט קנעכט און גלאדיאטאָרען פון יענעם פאטריציע, צעברעכענדיג די קייטען, זיינען זיי צוגעשטאַנען צו ספארטאק'ן.

ער איז געגאנגען די גאנצע נאכט, אויסמיידענדיג די גרויסע וועגען. דורך אומוועגען האָט ער געפיהרט זיין מוטיגע מחנה און אין יעדע ווילא פלעגט ער זיך אָפשטעלען און פארנעהמען די קנעכט און די וואפען.

אזוי זיינען זיי צוגעגאנגען ביז דעם וועזואוויוס. ביים צופוסן פון דעם בארג וועזואוויוס זיינען געווען צעוואָרפען פאטריציעשע ווילאס, און זיין שפיץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט משופע'דיגע אָפריסען, וואָס זיינען געווען באדעקט מיט וואלד און מיט קליינע קוסטען.

אין יענע צייטען האָט וועזואוויוס געהאט א גאנץ אנדער אויסזעהן, ווי איצט, און ער האָט ניט געדראָהט מיט זיינע שרעקליכע

פייערדיגע אויסברוכען, וואָס מיט זיי האָט ער צולעצט אַנגעוואָרפען אַן אימה אויף גאַנץ איטאַליען. כאָטש אין די גאָר אַלטע צייטען פּלעגט דער וועזוואוויוס יאַ שפּייען מיט פייער, ווי מען קאָן זעהן פון די ערד־שיכטען אונטער די חורבות פון הערקולאַן און פּאָמפּייא, אָבער אין דער עפּאָכע, וואָס מיר באַשרייבען דאָ, האָט מען וועגען דעם אינגאַנצען פאַרגעסען, און קיין זאַך האָט ניט באַאומרוהיגט די איינוואָהנער פון אָט דעם פּראַכטפולען ווינקעל אויף דער ערד, וואָס פּאָעטען האָבען איהם אַזוי באַזונגען. דאָס איינציגע, וואָס האָט געקאָנט אַביסעל באַאומרוהיגען די איינוואָהנער פון אָט דער גליקליכער געגענד, איז געווען דאָס, וואָס די ערד־ציטערנישען, האָבען דאָרט צייטענווייז אויפגעטרייסעלט דעם באָדען. זיי זיינען אָבער געווען אַזוי אָפּט און אַזוי אומשעדליך, אַז מ'האָט זיך צו זיי צוגעוואָהנט און קיינער פלעגט זיך וועגען דעם ניט קימערן. אָט דערפאַר איז דער גאַנצער אונטערשטער טייל פון דעם באַרג וועזוואוויוס געווען באַדעקט מיט ווילאָס, מיט פּאַלאַצען, מיט וויין־גערטנער, מיט אָליווען און אָראַנזשען וועלדלאַך, וואָס האָבען די גאַנצע געגענד פאַרוואַנדעלט אין איין גרויסען גאָרטען.

די פּאַנאָראַמע, וואָס אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דער וועזוואוויוס און די גאַנצע נעאַפּאָליטאַנישע בוכט, איז געווען אַזוי וואונדערליך שעהן, אַז ס'איז אומעגליך געווען די אויגען אָפּצורייסען פון זיי. פון וויטען האָט זיך געזעהן די רייכע און פּראַכטפולע פּאָמפּייא, גלייך ווי אַ פאַרוואָרפענע צווישען די ים־כוואַליעס.

אָבער די אַלע נאַטור־שעהנקייטען זיינען ניט געווען די גלאַדיאַטאָרען צום מוט.

דער שמאָלער וועג, איבער וועלכען די גלאַדיאַטאָרען זיינען געגאַנגען באַרג אַרויף, איז געוואָרען אַלץ שמאָלער און אומזיכערבאַרער און צולעצט איז ער אינגאַנצען פאַרשוואונדען.

דער אויבערשטער טייל פון באַרג איז באַשטאַנען פון נאַקעטע אַראָפּגעהאַנגענע פעלזען און ס'איז זעהר שווער געווען זיך אַרויפצוהויבען איבער זיי. דאָס, וואָס דער אַרויפגאַנג איז געווען אַזאַ שווערער, האָט ספּאַרטאַק'ן געפרעהט. ער האָט געזאָגט:

— ענדליך זיינען מיר דערקראכען! נאך אזוי פיעל מיס־ערפאלגען, הויבען אן די געטער אונז העלפען! דא, אויף די ניט־צוגענגליכע הויכקייטען, וואו די אדלערס פלעכטען זייערע נעס־טען און די חיות געפינען א באהעלטעניש פון דעם מענשענס פאר־פאלגונגען, ווע‍לען מיר פאנאנדערוויקלען די פרייהייטס־פאהן! דא וועלען מיר זיך דערווארטען, ביז וואנען אונזערע חברים וועלען אונטערקומען אונז צו הילף! קיין בעסערן ארט האט דער שיקזאל אונז ניט געקאנט צושיקען!

די פינף הונדערט מאן, וואס ער האט איצט געהאט אונטער זיין קאמאנדע, האט ער איינגעטיילט אין פינף גרופען. יעדע גרופע, וואס איז באשטאנען פון הונדערט מאן, האט געהאט א באזונדערן נאמען לויט די געוועהר, וואס זי האט געטראגען. די ערשטע גרופע, וואס איז באשטאנען פון די אינגסטע און געזינד־סטע גלאדיאטארן, איז געווען באוואפענט מיט שפיזען און שווער־דען. איהר קאמאנדיר איז געווען א יונגער מאן פון גאליען, באר־טאריקס. די איבריגע פיער גרופען זיינען געווען באוואפענט: איינע מיט קאסעס, די צווייטע מיט דריי ציינערדיגע שטיקער אייזען, און די לעצטע צוויי מיט העק, מיט מעסערס און מיט אנדערע קורצע וואפען.

יעדע גרופע האט געהאט איהר קאמאנדיר — א צענטוריאן, און איז ווידער איינגעטיילט געווארען אין גרופען פון צעהן, וואס האבען אויך געהאט זייערע קאמאנדירען. דער קאמאנדיר פון א צעהנדליג האט זיך גערופען — דעקוריאן.

די צענטוריאנען און דעקוריאנען האט ספארטאק אויסגע־קליבען פון די גלאדיאטארן, וואס זיינען מיט איהם אנטלאפען פון דער קאפוער שוהל. זיי האט ער געקאנט פון לאנג אן און ער האט זיך אויף זיי געקאנט מעהר פארלאזען.

די איבריגע גלאדיאטארען פון באטיאט׳ס שוהל האט ער אוועקגעשיקט אין רוים, אין ראווענא און קאפוא אנזאגען די חברים, אז ספארטאק מיט פינף הונדערט פון זיינע סאלדאטען האט זיך פארקליבען אויפ׳ן בארג וועזאוויוס און ער ווארט דארט אויף הילף.

איצט, אז ספּארטאַק מיט זיין מחנה האָט שוין דערגרייכט דעם זיכערסטען אָרט אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון בארג, האָט ער זיי געהייסען זיך אָפּשטעלען. און אין דער צייט וואָס זיי האָבען זיך אָפּגערוהט, איז ער ארומגעגאַנגען באקוקען דעם אָרט, אום זיך צו איבערצייגען, אויף וויפיעל דער אָרט איז צוגעפּאַסט פאר א לאַגער. און איבערצייגענדיג זיך, אז דער אָרט איז פון אַלע זייטען נאַטירליך באפעסטיגט און ס'איז כמעט אוממעגליך צוצו־קומען צו איהם, האָט ער באשלאָסען דאָרט צו לאַגערן, ביז וואַנען מ'וועט איהם אונטערשיקען הילף.

אפריהער האָט ער אין עטליכע פּונקטען אויסגעשטעלט א וואַך, דאן האָט ער געהייסען ברענגען האָלץ און פאנאנדערלעגען א פייער. ביינאַכט אויף אַזאַ הויכען אָרט, און דערצו נאָך אין מאָנאַט פעברואר, האָט מען געקאָנט ערווארטען א שטארקע קעלט.

בעת די גאַנצע מחנה, אויסגעמאַטערט פון וועג, האָט שוין געהאַט איינגעשלאָפען, איז ספּארטאַק נאָך געזעסען אויף א פעלז פארטיפט אין געדאַנקען, אומבאוועגליך, ווי פון שטיין אויסגע־האַקט. ניט ווייט פון איהם האָט געפלאַקערט דער קאָסטיאָר און דער פאַנטאַסטישער פלאַם האָט באלויכטען זיין ריזיגע פיגור, וואָס פון ווייטען וואָלט מען געקאָנט אָננעהמען פאר א שאָטען פון יענע טיטאַנען, וועלכע, לויט ווי די פּאָעטען באהויפּטען, האָבען זיך געשטעלט אַנקעגען זעוועס'ן און האָבען געגרינדעט זייער לאַגער ניט ווייט פון דעם וועזוואוויוס.

א לייכטער שאָרך, וואָס האָט זיך געהערט ערגיץ־וואו אונ־טען, האָט צושלאָגען זיינע געדאַנקען און ער האָט זיך גענומען צוהאָרכען. אָבער רונד ארום איז געווען שטיל, נאָר א לינדער ווינטעל, וואָס האָט אַלע ווייל דורכגעשוועבט, האָט געטרייסעלט די בלעטער אויף די בוימער.

אָבער אָט איז דער שאָרך שטארקער געוואָרען. ער האָט זיך גענומען צוהאָרכען מיט מעהר אָנגעשטרענגטקייט. „ניין, דאָס איז ניט פון ווינט" — האָט ער א טראַכט געטאָן — „דאָס זיינען טריט, מען קלעטערט אויפ'ן בארג". ער האָט זיך אַנידערגע־שטעלט.

— דאָס זיינען רוימער! — האָט ער גאַנץ שטיל צו זיך אַליין געזאָגט. — שוין!... אַזוי גיך האָב איך זיי ניט ערוואַרט.

ער האָט נאָך ניט באַוויזען צוצוגעהן צום נאָהענטסטען פּונקט, וואו די וואַך איז געשטאַנען, ווי אין דער לופט האָט אָפּגעהילכט דעם וועכטער'ס שטים:

— ווער איז דאָרט?

און באַלד נאָכדעם:

— צו די וואַפען!

אין אַן אויגענבליק איז די גאַנצע וואַך געווען אויף די פיס.

ספּאַרטאַק איז צוגעגאַנגען צום וועכטער, האַלטענדיג דעם בלאַנקען שווערד אין דער האַנד, און האָט רוהיג געזאָגט:

— מען וויל אויף אונז מאַכען אַ פּלוצלונגען איבערפאַל. אָבער פון אָט דער זייט וועט קיינער צו אונז ניט קאָנען צוקומען. זאָל אימיצער פון אונז געהן אויפוועקען די גאַנצע מחנה.

— ווער איז דאָרט? — האָט דער וועכטער ווידער אַמאָל אויסגעשריען.

ווי גרויס איז אָבער געווען אַלעמענס פאַרוואונדערונג, בעת אויף דעם וועכטער'ס פראַגע האָט אימיצער געענטפערט:

— פאַרזיכטיגקייט און נצחון!

— ענאָמאַי! — האָט ספּאַרטאַק פריידיג אויסגעשריען, דער־הערענדיג די באַקאַנטע שטים.

דאָס איז ווירקליך געווען ענאָמאַי און מיט איהם דריי און ניינציג גלאַדיאַטאָרן פון דער קאַפּוער שוהל.

ספּאַרטאַק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיין חבר און איז איהם ארויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז מיט אַזאַ שמחה, אַזוי ווי ער וואָלט איהם ניט געזעהן יאָהרען לאַנג.

— בינסטו דאָס, פריינד מיינער! — האָט ער געזאָגט, ניט גלויבענדיג זיינע אויגען. — כ'האָב ניט געהאָפט דיר צו זעהן אַזוי גיך.

— און איך אַליין האָב עס אויך ניט ערוואַרט, — האָט ענאָמאַי געענטפערט, גלעטענדיג מיט זיין גרויסער האַנד ספּאַר־טאַק'ס בלאָנדע האָר און קושענדיג איהם אין שטערן.

און ער האָט גענומען דערצעהלען כסדר, אַלץ, וואָס איז ביז אַהער מיט איהם פאָרגעקומען.

נאָכדעם ווי ספּאַרטאַק האָט זיך ארויסגעריסען פון דער גלאַדיאַטאָר־שוהל, האָט ער פריהער פון אַלץ זיך באַמיהט צו פאַרבאַריקאַדירען די גאַס, כדי וואָס לענגער צו פאַרהאַלטען די סאָלדאַטען. כדי דאָס אויסצופיהרען, האָבען די גלאַדיאַטאָרן זיך אַריינגעריסען אין די אַרומיגע הייזער, האָבען פון דאָרט ארויסגעשלעפּט די גאַנצע מעבעל, און דערמיט פאַרשטעלט די גאַס. צוויי שעה האָבען זיי זיך אָפּגעוועהרט פון שונא, וועלכער האָט זיך צורעצט אַ לאַז געטאָן, אום זיי אַרומצורינגלען פון הינטען. ענאָמאַי האָט פאַרשטאַנען די טאַקטיק און אַזוי ווי לויט זיין אויסרעכענונג איז ספּאַרטאַק שוין געווען הינטער'ן שטאָדט, האָט מען איצט געקאָנט אָנהויבען טראַכטען וועגען זיך אַליין.

ענאָמאַי האָט געהייסען זיינע חברים זיך פאַנאַנדערשיטען אין אַלע זייטען און זיך באַהאַלטען וואו נאָר עס וועט זיין מעגליך, און אויף מאָרגען ביינאַכט זיך צונויפקומען אויפ'ן באַשטימטען אָרט.

אויף אַזאַ'ן אופן האָט זיי אָפּגעגאַלטען זיך צו רעטען, הגם ניט אַלעמען. נאָהענט פון דרייסיג גלאַדיאַטאָרן זיינען אומגעקומען אין ביינאַכטיגען קאַמף, און איבער צוואַנציג פון די וואָס זיינען לעבען געבליבען זיינען ניט געקומען אויפ'ן באַשטימטען אָרט.

לעבען פּאָמפּעא האָט די מחנה באַגעגענט איינעם פון ספּאַרטאַק'ס עסטאַפעטען און פון איהם איז מען געוואָהר געוואָרען גאַנץ גענוי, וואו ספּאַרטאַק'ס לאַגער געפינט זיך.

גרוים איז געווען ספּאַרטאַק'ס שמחה אין דער דאָזיגער נאַכט!

אין די קאַסטיארען האָט מען צוגעוואָרפען האָלץ, און אַרום די פלאַקער־פייערן האָבען די גלאַדיאַטאָרן טראַקטירט די ניי־געקומענדע חברים מיט ברויט און קעז, מיט פרוכט און ניס.

ערשט אַרום האַלבע נאַכט איז אין לאַגער ווידער געוואָרען שטיל און רוהיג.

באלד נאָך זונענאויפגאַנג האָט ספּאַרטאַק געהייסען שאַלען אין האָרנס און די גאַנצע מחנה האָט זיך אויפגעהויבען.

אויסשטעלענדיג די מחנה אין א מיליטערישער אָרדנונג, האָבען ביידע קאָמאַנדירען, ספּאַרטאַק און ענאָמאַי, זי באקוקט און געמאַכט אין איהר קליינע ענדערונגען. נאָכדעם האָט מען איין הונדערט אוועקגעשיקט נאָך פּראָוויאַנט און די צווייטע נאָך האָלץ. גאָר די איבריגע, ביידע קאָמאַנדירען ניט אויסגעשלאָסען, האָבען גענומען אויסגראָבען פון דער ערד שטיינער אויף צו וואַרפען אויף'ן שונא, בעת ס'וועט זיין נויטיג.

קופּעס שטיינער זיינען אָנגעלעגט געוואָרען ארום יעדען פּונקט פון וועלכען דער שונא האָט געקאָנט קומען, באזונדערס פון דער פּאָמפּייער זייט, פון וואַנען מ'האָט גיכער געקאָנט ערוואַרטען די אָנפאַלען.

אויפ'ן צווייטען טאָג באַלד ווי דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען זיינען די גלאַדיאַטאָרן אויפגעוועקט געוואָרען פון די וועכטער, וואָס האָבען פון אַלע זייטען גענומען שרייען: — צו די וואפען!

דאָס מאָל איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז דער שונא קומט. דער טריבון טיט סערוויליאַן האָט געפיהרט צוויי מחנות רוימישע סאָלדאַטען, יעדע מחנה איז באשטאַנען פון פינף הונדערט מאַן.

אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך יענער אומרוהיגער נאַכט, בעת איהם האָט זיך איינגעגעבען איינצוהאַלטען דעם אויפשטאַנד פון די צעהן טויזענד גלאַדיאַטאָרען פון דער קאַפּוער שוהל, האָט טיט סערוויליאַן זיך דערוואוסט, אַז ספּאַרטאַק און ענאָמאַי מיט צוויי הונדערט רעבעלען זיינען אוועק אין דער ריכטונג צום בארג וועזוואויוס, אומעטום אויפפּאַדערענדיג די שקלאַפען צוצושטעהן צו זיי און בארויבענדיג פאַראיינס די ווילאַ'ס, וואָס זיינען געלעגען ביים וועג, דאָס, וואָס אין דער ווירקליכקייט איז ניט פאָרגעקומען.

וועלענדיג זיך אויסצייכענען, איז סערוויליאַן אוועק אין סענאַט, וואָס האָט אָפּגעהאַלטען זיינע באראַטונגען אין יופּיטער'ס טעמפּעל, און האָט זיך באמיהט איבערצוייגען די סענאַטאָרען, ווי געפעהרליך עס איז צו לאָזען ספּאַרטאַק'ן און ענאָמאַי'ען ארומ־

געהן פריי אפילו נאָר עטליכע טעג, ווייל ארום זיי וועלען דער־ווייל די שקלאַפן זיך פארזאַמלען מאסענווייז. צולעצט האָט ער געזאָגט, אז ס'איז נויטיג באַלד זיי נאָכצויאָגען, צוהאַקען זיי אויף שטיקער, און די קעפּ פון ביידע פיהרער ארויפשטעכען אויף שפּיזען און זיי אויסשטעלען ביי די טויערן פון באַטיאַט'ס שוהל, כדי איינצושרעקען די איבריגע גלאַדיאַטאָרן.

סערוויליאַנס פאָרשלאַג איז דעם סענאַט געפעהלען געוואָרען און ער האָט ארויסגעגעבען א דעקרעט, וואס האָט צוגעזאָגט א באַ־לוינונג פון צוויי טאַלאַנטעס פאר ספּאַרטאַק'ס און ענאָמאַי'ס קעפּ. ביידע זיינען פאר'משפט געוואָרען צום טויט, און אַלעמען, סאַי די פרייע בירגער, סאַי די שקלאַפען, האָט מען געוואָרנט, אז ווער נאָר עס וועט די רעבעלען מיט עפּעס וואָס באהילפיג זיין, וועט זעהר שווער באַשטראָפט ווערען.

דער צווייטער דעקרעט פון קאַפּוער סענאַט האָט באַפאָלמעכ־טיגט סערוויליאַנען זיך צו שטעלען בראש פון צוויי מחנות סאָל־דאַטען: איין מחנה פון פינף הונדערט פון קאַפּוא, די צווייטע מחנה פון פינף הונדערט פון דער נעהענטסטער שטאָדט אַטעלאַ. א מחנה פון פינף הונדערט האָט באַדאַרפט בלייבען אויף צו באַ־שיצען די שטאָדט און אַכטונג צו געבען אויף באַטיאַט'ס שוהל.

אין דער נאַכט פון יענעם טאָג האָט סערוויליאַן אוועקמאַר־שירט צו אַטעלאַ, און פון דאָרט צום וועזואוויוס. פון די איינ־וואָהנער אין די ארומיגע דערפער האָט ער זיך דערוואוסט אין וועלכער זייט די גלאַדיאַטאָרן געפינען זיך. ער האָט איבערגע־נעכטיגט מיט זיין ארמיי ביים צופוסען פון בארג און ווי נאָר דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען האָבען זיי שוין געהאַט דער־גרייכט דעם שפּיץ בארג.

ווי פאָרזיכטיג די רוימישע מחנות האָבען זיך ניט באַוועגט, האָט די גלאַדיאַטאָרישע וואך זיי באַמערקט פריהער, איידער זיי האָבען באַוויזען צו צוקומען. דער רוף פון ערשטען וועכטער — צו די וואַפען! — איז באַלד ווידערהאָלט געוואָרען פון די איב־ריגע וועכטער, און אַלע גלאַדיאַטאָרן האָבען אויגענבליקליך זיך א הויב געטאָן, ווי איין מענש.

די גלאַדיאַטאָרן האָבן גענומען וואַרפן שטיינער אויף די רוימישע סאָלדאַטן מיט סערוויליאַנען בראָש, ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן זייער אָנדראַנג.

— פאָרווערטס! דרייסטער! — האָט סערוויליאַן ערמוטיגט זיינע סאָלדאַטן. — נאָך אַ רגע — און מיר וועלן זיין אין פיינד־ליכען לאַגער, וואו מיר וועלן זיי איבערשניידן די העלזער ביז׳ן לעצטן.

ניט קוקענדיג אויף דעם האָגעל פון שטיינער, וואָס האָט זיך פון אויבן געשאָטן אויף די רוימישע סאָלדאַטן און וואָס איז געוואָרן אַלץ געפעהרליכער, וואָס נעהענטער זיי זיינען צוגעקומען, האָבן די רוימער פאָרטגעזעצט זייער אָנדראַנג, ביז זיי האָבן געקאָנט זיך באַנוצן מיט זייערע וואַרף־שפּיזן.

עס איז געוואָרן אַן אומבאַשרייבליכע מהומה. די געשרייען פון ביידע צדדים האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין אַלגעמיינעם ליאַרם, דער צוזאַמענשטויס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ בלוטיגען קאַמף.

ספּאַרטאַק איז געשטאַנען אויף אַ הויכען פעלז און האָט בע־אָבאַכטעט די שלאַכט. באַטראַכטענדיג די פּאָזיציעס פון ביידע צדדים, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, ס׳אַרא גרויסען פעהלער זיין געגנער האָט געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט זיין מחנה געפיהרט אויף אַן אָנפּאַל איבער אַזאַ שמאָלען וועג. אויף דעם דאָזיגען וועג האָבן קוים צעהן מענשען זיך געקאָנט אויסשטעלען אין רייהע, בעת די גאַנצע איבריגע מאַסע האָט געמוזט בלייבען אונ־טהעטיג אונטער די טרעפענדע קלעפּ פון די שונאים.

און ער האָט זיך אונטערגעאיילט צו באַנוצען זיך מיט דעם דאָזיגען פעהלער. זיינע סאָלדאַטען האָט ער אויסגעשטעלט אין אַזאַ אָרדנונג, אַז זיי זאָלען קאָנען וואַרפען שטיינער ניט נאָר אַ יף די פאָדערשטע רוימער סאָלדאַטען, וואָס האָבען געקלעטערט באַרג אַרויף, נאָר אויך אויף די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטהעטיג פון הינטען.

ספּאַרטאַק׳ס סאָלדאַטען האָבען דערווייל געהאָגעלט מיט

שטיינער פון אַלע זייטען, עפּעס אַזוי ווי אַ וואָלקען פון שטיינער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער רוימישער מחנה.

— אין אַ פערטעל שעה אַרום, — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט, — וועלען די רוימער נעהמען לויפען און מיר וועלען זיי פאַרפאָלגען.

און אַזוי איז טאַקי געוועזן.

אין דעם שונא'ס פאָדערשטע רייהען, וואָס זיינען באַזונדערס שטאַרק געטראָפען געוואָרען, איז פאָרגעקומען אַ מהומה. די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען דריקען איינער דעם צווייטען, און ניט האָרכענדיג סערוויליאַן'ס קאָמאַנדע, האָבען זיי גענומען לויפען צוריק אין אוּנאָרדנונג. די גלאַדיאַטאָרען זיינען אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם שוץ-וואַל און האָבען זיי נאָכגעיאָגט.

דער דאָזיגער מענשענשטראָם, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ'ן אימפּעט געטראָגען באַרג אַראָפּ, האָט פון דער הויך אויסגעזעהן ווי אַ גוואַלדיג גרויסער שלאַנג, וואָס צאַפּעלט זיך און וואַרפט זיך איבער'ן באַרג-אָברים.

מערקווירדיגער פון אַלץ איז אין אָט דעם קורצען געשלעג געוועזן דאָס, וואָס אויף אַ שטרעקע פון צוויי מייל איז אַ טייל געלאָפען און אַ טייל האָט נאָכגעיאָגט, ניט האָבענדיג קיין געלעגענהייט, ניט איין צד, ניט דער צווייטער צד, זיך צו שלאָגען מיט וואַפען. און ניט די, ניט די אַנדערע האָבען זיך געקאָנט אָפּשטעלען, ווייל די הינטערשטע האָבען געדריקט די פאָדערשטע, דער וועג איז געוועזן אַ שמאָלער און דער באַרג איז געוועזן אַזוי משופּע'דיג, אַז ניט נאָר איז אוממעגליך געוועזן זיך אָפּצושטעלען, נאָר אפילו לאַנגזאַמער געהן איז אוממעגליך געוועזן.

נאָר אין יענעם אָרט, וואו דער באַרג איז שוין פלאַכער געוועזן און דער וועג האָט זיך פאַנאַנדערגעצווייגט, האָבען די אַנטלאָפענע רוימער זיך געקאָנט פאַרשפּרייטען איבער די אַרומיגע פעלדער און סעדער. און אויך דאָ האָבען די גלאַדיאַטאָרען געקאָנט געפינען אַ גוטען פונקט אויף איינצואָרדענען זייער פראָנט.

סערוויליאַן, צונויפקלייבענדיג אַרום זיך אַ קליינע צאָהל סאָלדאַטען, האָט העלדיש אָפּגעשלאָגען דעם אָנפאַל. אין אַ צווייטען אָרט האָט דער צענטוריאָן סאַלאָני מיט אַ הייפעלע העלדישע סאָל-

דאטען פרובירט די גלאדיאטאָרן פארצאהמען דעם וועג. נאָך אַנ־דערע פון די ערפאהרענע קעמפער, וואָס האָבען זיך אמאָל געשלאָגען אונטער מאריוס׳עס און סוללא׳ס קאָמאנדע, האָבען געמאכט די גרעסטע אַנשטרענגונגען צו געווינען דעם דאָזיגען קאמף.

אָבער די אַלע העלדישע אַנשטרענגונגען זיינען געוועזען פרוכט־לאָז, ווייל די הויפט מאסע פון די רוימישע לעגיאָנערען, א דער־שראָקענע פון דער אונערווארטער מפלה, האָט ניט געהאָרכט איהרע קאָמאנדירען און האָט זיך צושפרייט אין אונאָרדנונג, טראכטענדיג נאָר ווי זיך צו רעטען.

ספארטאק מיט זיין מחנה האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף סערוויליאַנען. בעת דער לעצטער איז געפאלען פון ספארטאק׳ס שווערד און דער העלדישער צענטוריאן סאַלאָני פון ענאָמאי׳ס שווערד, האָבען די רוימער אינגאנצען פארלאָרען דעם מוט. איצט איז די שלאכט פארוואנדעלט געוואָרען אין א שחיטה. איבער פיער הונדערט סאָלדאטען זיינען געפאלען, דריי הונדערט האָט מען גענומען אין געפאנגענשאפט. די לעצטע, אויף ספארטאק׳ס באפעהל, האָט מען אנטוואפענט און באפרייט. די פארלוסטען פון די זיעגער זיינען געוועזען ניט גרויס: דרייסיג גע׳הרג׳עטע און ארום פופציג פארוואונדעטע.

די גלאדיאטאָרן האָבען זיך אומגעקעהרט אין זייער לאגער, אָנגעטאָן אין רוימישע לאטען און שלעמען, באוואפענט מיט רוי־מישע שפיזען און שווערדען, אוועקטראגענדיג, מיט זיך א סך גע־וועהר פאר די צוקינפטיגע חברים.

11טער קאפיטעל.

פון ספארטאק'ס מחנה ווערט א צעהנטויזענדיגע ארמיי.

די נאכריכט וועגען דער נידערלאגע פון די רוימישע סאל־דאטען האט זיך געשווינד פארשפרייט איבער אלע ארומיגע שטעדט און האט איבעראל ארויסגערופען שרעק און אומרוהיגקייט.

נעאפאל, נאלא, נאצערא, קומיג, קאפוא און הערקולאן האבען זיך געגרייט צו פארטיידיגען און האבען טאג און נאכט באשיצט די טויערען און די ווענט ארום שטאדט.

די שטאדט פאמפעא, וואס האט קיין ווענט ניט געהאט ארום זיך, האט קיין ווידערשטאנד ניט געקאנט ארויסווייזען קעגען די גלאדיאטארען.

זיי זיינען אומגעשטערט אריין אין שטאדט נאך פראוויאנט און, צו דער גרעסטער פארוואונדערונג פון די איינוואהנער, האבען זיי זיך אויפגעפיהרט ניט ווי שונאים אדער ווי ווילדע, נאר ווי דיסציפלינירטע סאלדאטען.

די פאליציי פרעפעקטען פון די אנגערופענע שטעדט האבען כסדר געשיקט עסטאפעטען צום קאפוער פרעפעקט און פארוואל־טער פון דער פראווינץ, מעצי ליבעאן, בעטענדיג איהם אנצונעהמען מיטלען קעגען דער געפאהר, וואס וואקסט מיט יעדען טאג אלץ מעהר. און דער צוטומעלטער ליבעאן האט פון זיין זייט געשיקט איין עסטאפעט נאכ'ן צווייטען צום רוימישען סענאט.

רוים האט אבער ניט צוגעגעבען קיין באזונדערע באדייטונג דעם דאזיגען אויפשטאנד. נאר קאטילינא און יוליוס צעזאר הא־בען געקאנט פארשטעהן זיין באדייטונג; זיי אליין האבען גע־

וואוסט, ביי וועלכע אומשטענדען דער אויפשטאנד איז ענטשטאַ־נען, און ווי באַגאַבט עס איז דער מענש, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון די גלאַדיאַטאָרן.

אויסער די דאָזיגע צוויי מענשען האָט קיינער קיין גרויס גע־וויכט ניט געלעגט אויף דער מפּלה פון סערוויליאַן׳ס מחנות; דערצו נאָך האָבען די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון שלאַכט, דערקלערט די אורזאַך פון דורכפאַל נאָר דערמיט, וואָס זייער פיה־רער, סערוויליאַן, איז אַן אונערפאַהרענער און אונגעלערנטער מענש, וואָס שטעלט צופיעל אויף זיך.

אויסער דעם איז דער רוימישער סענאַט אין דער צייט געווען פארנומען מיט מלחמות, וואָס זיינען געווען, לויט זיין מיינונג, א סך וויכטיגער. אויפ׳ן מערב האָט סערטאָרי אויפגעהויבען קעגען רוים כמעט גאַנץ שפּאַניען און ער האָט ארויסגעוויזען א זיעגרייכען ווידערשטאַנד קעגען די לעגיאָנען, וואָס האָבען פּרובירט באַרוהיגען זיין פּאָמפּעא. אויפ׳ן מזרח האָט מיטרידאַט ווידער זיך געשטעלט אנטקעגען די רוימער. איינעם פון די קאָנסולן האָט ער שוין גע־האַט באַזיעגט, דער צווייטער, לוקול, האָט צונויפגעקליבען די לע־גיאָנען, אום זיי צו פיהרען קעגען דעם דאָזיגען אַלטען און מעכטיגען שונא פון רוים.

דאָס מאָל האָט מען געשיקט קעגען די גלאַדיאַטאָרן דעם העל־דישען און ערפאַהרענעם טריבון קלאַוודי גלאַבער, וואָס האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע זעקס קאָגאָרטען, ס׳הייסט איבער דריי טויזענד מאַן.

דערווייל האָט די צאָהל פון די רעבעלירענדע שקלאַפען שוין דערגרייכט איבער 1,200 מאַן.

ספּאַרטאַק, וואָס איז גוט באַקאַנט געווען מיט די מיליטער־רישע אָרדענונגען פון די גריכען, פראַקיער און רוימער, האָט פון דעסטוועגען מעהר אָנערקענט די רוימישע מיליטערישע טאַקטיק און דיסציפּלין. אַלס געוועזענער סאָלדאַט אין די רוימישע לעגיאָ־נען, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז די רוימער האָבען אַלע מאָל געזיעגט איבער די אַנדערע העלדישע און מיליטעריש ערפאַהרענע פעלקער אַ דאַנק זייער אייזערנער דיסציפּלין און שטרענגער אָרדע־

נונג. ער האָט דאַרום איינגעפיהרט אין זיין מחנה די רוימישע מיליטערישע אָרדנונג און דיסציפּלין.

ווי נאָר דער נצחון איבער טיט סערוויליאַן האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אריינצוגעהן אין פּאָמפּעא, האָט ער באַלד באַשטעלט פאַר זיין ערשטען לעגיאָן אַ פאָהן, וואָס אויף איהר איז געווען, אָנשטאָט דעם רוימישען אָדלער, אַ רויטע הויב — דער סימבאָל פון באַפרייאונג. מיט אַזעלכע הייבלאַך פלעגען די שקלאַפען באַזיצער געוועהנליך באַדעקען די קעפּ פון די שקלאַפען, וואָס זיי האָבען געוואָלט באַפרייען. אונטער דער הויב איז אויף דער פאָהן געווען אַ קליינע בראָנזענע פיגור פון אַ קאַץ — אַ חיה, וואָס צוליעב איהר פרייהייטס-ליעבענדען כאַראַקטער איז געווידמעט געוואָרען דער געטין פון פרייהייט. אויסער דעם האָט ספּאַרטאַק, אויפ'ן רוימישען שטייגער, באַשטעלט פאָהנען פאַר יעדער הונדערט סאָלדאַטען, אָדער צענטוריע. דער שטענגעל פון אַזאַ פאָהן האָט זיך פון אויבען פאַרענדיגט מיט צוויי בראָנזענע הענד, וואָס איינע דריקט די צווייטע. און אונטער זיי איז געמאַכט געוואָרען, אויך פון בראָנז, אַ קליינע פּראַקישע הייבעל מיט די נומערן פון קאָגאָרט און לעגיאָן. ספּאַרטאַק האָט ניט געצווייפעלט, אַז אונטער זיינע פאָהנען וועט זיך נאָך צונויפקלייבען ניט איין לעגיאָן פון שקלאַפען און גלאַדיאַטאָרן.

האָבענדיג אין זיין באַזיץ דעם וועזאוויוס מיט די אַרומיגע געגענדען, האָט ער יעדען טאָג עטליכע שעה מושטירט זיינע סאָלדאַטען לויט דער רוימישער מיליטערישער אָרדנונג.

אויף אַזאַ'ן אופן, ביז וואַנען די רוימער האָבען זיך אויסגעקליבען אַרויסצושטעלען נייע מחנות, האָט ספּאַרטאַק באַוויזען צוצוגרייטען זיינע סאָלדאַטען צום פאַרשטעהענדען קאַמף.

אַ דאַנק דער שטרענגער דיסציפּלין, וואָס דורך איהר האָט ער זיינע סאָלדאַטען איינגעהאַלטען פון רויב, האָט ער זיך ערוואָרבען דעם צוטרוי און די געניייגטקייט פון די אַרומיגע פּאַסטוכער און האַלצהעקער. ספּאַרטאַק האָט שוין געוואוסט, אַז די רוימער געהען אויף איהם און ווי גרויס עס איז די צאָהל פון זייערע מחנות. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט איין טויזענד סאָלדאַטען

איז פאר איהם אוממעגליך זיך צו שטעלען אויף אן אפענעם פעלד קעגען דריי טויזענד. און דארום האט ער באשלאסען בעסער צו ערוואַרטען דעם שונא אויפ'ן וועזואוויוס.

דער נייער רוימישער קאמאנדיר, קלאוודי, נעהמענדיג אין אנבעטראכט סערוויליאן'ס פעהלער, האט באשלאסען ניט צו מאכען קיין אפענעם אנפאל, נאר צו צווינגען די גלאדיאטארן ארויסצו־קריכען פון זייער לויערונגס־אָרט.

איבערציינגענדיג זיך, אז זיי האבען ניט פארלאזען זייער לא־גער, איז קלאוודי דערמיט געבליבען זעהר צופרידען און האט לוס־טיג געזאגט:

— די מויז איז אין פאסטקע! אויסגעצייכענט! אין פינף טעג ארום וועט זי זיין אין אונזערע הענד.

און ער האט געהייסען אויפשלאגען אויפ'ן בארג צוויי לא־גערן: איין לאגער פון דער פאמפייער זייט, וואס איז איהם האט ער קאנצענטרירט זיינע הויפט־קרעפטען, אין דעם צווייטען לאגער פון דער נאלאר'ס זייט, וואו ער האט אוועקגעשיקט נאר איין דריי־טעל פון זיינע סאלדאטען, ווייל פון דער דאזיגער זייט איז דער בארג געוועזען שרעקליך משופע'דיג און די גלאדיאטארן וואלטען דורך דער זייט ניט געקאנט אנטלויפען.

אויף אזא'ן אופן האט ער פאר די גלאדיאטארן אפגעשניטען אלע וועגען אויף צו אנטלויפען פון בארג.

אויפ'ן צווייטען טאג באגינען, ארומגעהענדיג ווי געווענליך די וואכט־פונקטען, האט ספארטאק באמערקט דעם שונא'ס לאגער פון דער נאלא'ר זייט, וועלכער איז געוועזען אונטער דער קאמאנדע פון וואלערי מעסאלא, א קרוב פון וואלריע'ן, די אלמנה פון דיק־טאטאר סולא. דעם הויפט־לאגער, וואס איז געוועזען אונטער דער קאמאנדע פון קלאוודיען אליין, האט ער ניט געקאנט זעהן צוליעב דעם געדיכטען וואלד. דאך האט ער זיך משער געוועזען, וואו ער דארף זיך געפינען.

נעהמענדיג מיט זיך צוויי הונדערט מאן, האט ספארטאק גע־נומען זיך ארונטערלאזען איבער'ן פוס־וועג, וואס האט געפיהרט אין פאמפעא.

נאָר אין גיכען האָט זיך פאַר איהם באַוויזען דער גרויסער רוימישער לאַגער אין זיין גאַנצער שרעקליכער הערליכקייט.

ספאַרטאַק, אַ בלאַסער און אַן ערנידעריגטער, האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט. ער איז געבליבען שטעהן אַ פאַרגליווערטער.

אויף די רוימישע אוואַנפּאָסטען האָט מען באַמערקט דעם שונא. מ'האָט באַלד גענומען שאַלען, און די וואַכט־מחנה האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די גלאַדיאַטאָרן.

— ספאַרטאַק, וואָס זאָל מען טאָן? — האָט זיך צו איהם געווענדט איינער פון די דעקוריאַנען. — געהן פאָרווערטס, אָדער אָפּטרעטען?

— אָפּטרעטען, אַלצעסט, אָפּטרעטען! — האָט ספאַרטאַק טרויעריג געענטפערט, קומענדיג אַביסעל צו זיך פון זיין פאַר־גליווערטקייט.

זיך אומקעהרענדיג אין לאַגער, האָט ער זיך גענומען באַראַטען מיט ענאָמאַי'ען און באַרטאַריקסען, וואָס מ'זאָל טאָן.

דער היציגער ענאָמאַי האָט פאָרגעשלאָגען, מ'זאָל זיך אַ וואָרף טאָן אויף איינעם פון די לאַגערן און זיך דורכרייסען.

— ווען דאָס וואָלט נאָר מעגליך געווען! — האָט ספאַרטאַק געענטפערט. — אַ ווייל‏ע האָב איך אויך געטרוימט וועגען דעם. די זאַך איז אָבער, אַז דעם שונא'ס מחנות פאַרנעהמען גראָד יענע ערטער, וואו עס ענדיגט זיך דער משופע'דיגער און שמאָלער וועג און עס הויבען זיך אָן די ברייטע און פלאַכע ערטער. הייסט עס, זיי האָבען וואו צו פאַרשפּרייטען און אויסצושטעלען זייערע מחנות, און מיר קאָנען נאָר אויסשטעלען צעהן מענשען. די איבריגע וועלען נאָר דאַרפען צוקוקען ווי די רוימער וועלען אויסשלאַכטען יענע צעהן.

ספאַרטאַק'ס אַרגומענטען זיינען געווען אַזוי קלאָר, אַז קיינער האָט ניט געהאַט וואָס איינצואווענדען קעגען זיי.

שפּייז האָבען זיי געהאַט נאָר אויף פינף טעג און דאַן — ענטוועדער זיך אונטערגעבען, אָדער שטאַרבען. דער דאָזיגער אויסוועג איז געווען אַזוי שרעקליך, אַז קיינער האָט וועגען דעם גאָרניט געוואָלט טראַכטען.

ספּאַרטאַק האָט געהייסען די חברים גוט אויספאָרשען די פּאָזיציע אַרום זייער לאַגער, אפשר איז נאָך ערגיץ־וואו דאָ אַן אָרט, דורך וועלכען מ'קאָן זיך דורכרייסען מיט מעהר אָדער ווייניגער זיכערהייט, אָדער אייגציגווייז דורכגעהן אומבאַמערקטערהייד פאַר'ן שונא.

אָבער אַזאַ אָרט איז ניט געווען.

עס זיינען געווען מעגליכקייטען זיך אויפצוהויבען נאָך העכער אויפ'ן באַרג, אָבער דאָס וואָלט די לאַגע ניט פאַרבעסערט, אויב ניט פאַרערגערט. אָבער אַן אָרט דורך וועלכען מ'זאָל קאָנען אַנטלויפען, איז אין ערגיץ ניט געווען. איבעראַל איז דער באַרג געווען אָפּגעריסען און האָט אויסגעזעהן ווי אַ הויכע וואַנט, און אונטען — אָפּגרונדען, פינסטערע, טיעפע, אַז ס'איז געווען אַן אימה אַ קוק צו טאָן, מ'האָט קיין גרונט ניט געקאָנט דערבליקען.

— נאָר אַ שטיין וואָלט זיך אַהין געקאָנט אַרונטערלאָזען, ניט קיין מענשען! — האָט טרויעריג געזאָגט ספּאַרטאַק, וואָס איז לאַנג געשטאַנען פאַרטראַכטערהייד איבער דעם דאָזיגען פינסטערן, אימה'דיגען אָפּגרונד.

ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו ספּאַרטאַק איז געשטאַנען, האָבען עטליכע יונגע גאַללען, ליעגענדיג אויף דער ערד, געפלאָכטען פון שטאַרקע בויגזאַמע צווייגלאַך גרויסע פּאַנצערס, וועלכע זיי האָבען נאָכדעם באַדעקט מיט פאַרעשווע לעדער.

ספּאַרטאַק'ס בליק איז צופעליג געפאַלען אויף די דאָזיגע פּאַנצערס.

איינער פון די גאַללען, באַמערקינדיג ספּאַרטאַק'ס בליק, האָט שמייכלענדיג געזאָגט:

— מיר האָבען ניט קיין מעטאַלענע פּאַנצערס פאַר אַלעמען, ווילען מיר אויספלעכטען אַט אַזעלכע כל זמן מיר האָבען לעדער.

— די געטער זאָלען אייך דערפאַר באַצאָהלען! — האָט ספּאַרטאַק אויסגעשריען און, צוגעהענדיג נעהנטער צו זיי, האָט ער מיט גרויס אינטערעס גענומען באַטראַכטען זייער אַרבייט.

— האָט איהר נאָך אַ סך לעדער? — האָט ער געפרעגט.

— ניין! מיר האָבען לעדער נאָך אויף צעהן פּאַנצערס, ניט מעהר, — האָט איינער פון זיי געענטפערט.

— עס טוט מיר זעהר לייד, וואָס אין וואַלד וואַקסט קיין לעדער ניט, — האָט אַ צווייטער געענטפערט. — צווייגען אויף צום פלעכטען קאָן מען דאָ קריגען וויפיעל מען וויל, אָבער לעדער איז דאָ ניטאָ.

די דאָזיגע ווערטער האָבען ספּאַרטאַק'ן ארויפגעבראַכט אויף אַ געדאַנק, פון וועלכען זיין פּנים האָט געגומען שיינען.

ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף די צווייגען וואָס זיינען געלעגען אויף דער ערד און האָט פריידיג אויסגעשריען:

— איך שווער ביי יופּיטער'ן, מיר זיינען געראַטעוועט!

אַלע האָבען אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט פאַרוואונדערונג.

— ווי אַזוי איז דאָס? — האָט ענאָמאַי געפרעגט.

— אָט אויף אַזאַ'ן אופן! — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט, אויפהויבענדיג פון דער ערד עטליכע צווייגלאַך. — פון אָט די צווייגלאַך וועלען מיר אויספלעכטען אַ גאַנץ לאַנגען לייטער, איין ענד פון איהם וועלען מיר צובינדען צום פעלז און דאַן וועלען מיר זיך איינציגוויין ארונטערלאָזען אין אָפּגרונד. פון דאָרט וועלען מיר זיכער געפינען אַ וועג און מיר וועלען פּלוצלונג אָנפאַלען אויף די רוימער.

— ספּאַרטאַק, דו רעדסט פון שלאָף! — האָט ענאָמאַי געזאָגט.

— אויספלעכטען אַ לייטער, וואָס זאָל קאָנען דערגרייכען דעם גרונט פון אָט דעם תהום! איז דען מעגליך אַזאַ זאַך? — האָט באַרטאַריקס געזאָגט.

— דער, וואָס האָט נאָר אַ שטאַרקען רצון, — האָט ספּאַרטאַק זיי געענטפערט, — איז פאַר איהם קיין אוממעגליכעס ניטאָ. — אונזער קאָמפּאַניע באַשטעהט פון 1200 מענשען, און אין פאַרלויף פון עטליכע שעה וועלען מיר אַזאַ לאַנגען לייטער קאָנען אויס־פלעכטען.

זיין פעסטער גלויבען אין דער מעגליכקייט זיך צו רעטען האָט ביסלעכוויין אָנגעשטעקט אויך די אַנדערע. בעת די פיער הונ־

דערט גלאַדיאַטאָרן, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד נאָך צווייגען, זיינען צוריקגעקומען מיט גרויסע בינט פרישע, ווייכע און עלאַסטישע צווייגען, קליינע און גרויסע, האָבן אַלע מיט אימפּעט זיך צוגעכאַפּט צו דער אַרבייט. אַ טייל האָט געפלאָכטען די שטאַפּלען, אַנדערע האָבן זיי צוגעשניטען. צוויי שעה פאַר זונענאונטערגאַנג איז דער לייטער, כמעט ניינציג פוס לאַנג, געווען פאַרטיג. ספּאַרטאַק האָט איהם אויפמערקזאַם באַקוקט, כדי זיך צו איבערצייגען אין זיין שטאַרקייט. ווי נאָר דער אָוועגד איז צוגעפאַלען, האָט די מחנה זיך גענומען קלייבען אין וועג אריין. יעדער צעהנדליג סאָלדאַטען האָט צונויפגעבונדען די געוועהר. דער לעצטער האָט זיך געדאַרפט אַרונטערלאָזען אויף אַ שטריק, וואָס איז צונויפגעפלאָכטען געוואָרען פון פאַרשיידענע שטיקלאך שטאָפען, וואָס האָט זיך געפונען אין לאַגער. זיך אַרונטערלאָזענדיג אויפ'ן דעק פון אָפּגרונד, האָט יעדער צעהנדליג באַלד געדאַרפט קריגען זיינע געוועהר.

צו איין ברעג פון לייטער האָט מען צוגעבונדען צוויי גרויסע שטיינער און מ'האָט גענומען זיי אַרונטערלאָזען שטילערהייד. די דאָזיגע שטיינער האָט מען צוגעבונדען מיט אַ דאָפּעלטען ציעל: ערשטענס האָבן זיי געהאָלפען דעם לייטער זיך אַרונטערלאָזען, ניט פאַרטשעפּענדיג זיך אָן די שטיינער, וואָס האָבן אַרויסגע־סטאַרטשעט; צווייטענס, האָבן זיי מיט זייער שווערקייט איינגע־האַלטען דעם לייטער ער זאָל זיך ניט שאָקלען אַזוי שטאַרק, בעת די מענשען וועלען זיך אַרונטערלאָזען. און אויסער דעם האָבן די שטיינער באַוויזען וויפיעל משא דער לייטער קאָן אויסהאַלטען, וואָרום דער שווערסטער פון די גלאַדיאַטאָרן איז געווען פיעל גרינגער פון די שטיינער. האָט דער לייטער אויסגעהאַלטען די שטיינער, וועט ער זיכער אויסהאַלטען אַ מענשען. און אַראָפּלאָזען זיך האָט מען באַדאַרפט איינציגווייז.

בעת אַליץ איז שוין געווען פאַרטיג, האָט ענאָמאַי דער ער־שטער זיך גענומען אַראָפּלאָזען. ווי דרייסט און מוטיג ער איז ניט געווען, האָט אויך זיין שטאַרק האַרץ זיך אַ צאַפּעל געטאָן, בעת ער איז געבליבען הענגען איבער'ן פינסטערן און אימה'דיגען

תהום, וואָס האָט אָנגעבאָטען, קאָן זיין, אומערוואַרטעט און אומ־פאַראויסגעזעהענע געפאַהרען.

ספּאַרטאַק, זיך אַריבערבויגענדיג איבער'ן אָפּגרונד, האָט די אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט פון זיין פריינד און מיט אַ ציטער האָט ער נאָכגעפאָלגט די טריישלונגען פון לייטער, וואָס האָבען געוויזען וויפיעל שטאַפּלען זיין חבר איז שוין אַריבערגעגאַנגען. אויך אַנ־דערע גלאַדיאַטאָרען זיינען געשטאַנען ביים ראַנד פון תהום און האָ־בען מיט אָנשטרענגונג געקוקט אויף אונטען, הגם דער געדיכטער חושך האָט קיין זאַך ניט געלאָזט זעהן.

אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאַכט האָט מען נאָר גע־הערט דעם שווערען אָטהעם פון דער טויזענד קעפּיגער גלאַדיאַטאָר־מחנה, וואָס האָט מיט אַ שווער געמיט ערוואַרט די לייזונג פון דער פראַגע: איז דאָ פאַר איהר אַ מעגליכקייט זיך צו רעטען, אָדער ניט?

די טריישלונג פון לייטער האָט אָנגעהאַלטען אַרום דריי מינו־טען, דערנאָך האָט עס אויפגעהערט. די דאָזיגע דריי מינוטען זיינען פאַר די אָרימע גלאַדיאַטאָרען געווען דריי יאָהר.

אַ טיפער זיפץ פון ערלייכטערונג האָט זיך ניט ווילענדיג אַרויסגעריסען ביי זיי, בעת פון תהום האָט זיך דערהערט פריהער אַ שטילער און אומדייטליכער, דערנאָך אַ העכערער אויסגעשריי:

— הער!... הער!...

דאָס איז געווען דער אָפּגעמאַכטער סיגנאַל, וואָס מיט איהם האָט ענאָמאַי געלאָזט וויסען די חברים, אַז ער האָט בשלום דער־גרייכט דעם גרונט פון תהום.

דאַן האָבען די גלאַדיאַטאָרען מיט'ן גרעסטען אימפּעט זיך גע־נומען אַראָפּלאָזען איינער נאָכ'ן אַנדערן איבער דעם דאָזיגען אויסערגעוועהנליכען וועג, וואָס איז פאַר זיי געווען די איינציגע רעטונג פון אומפאַרמיידליכען אונטערגאַנג.

נאָהענט פון זעקס און דרייסיג שעה האָט געדויערט, איידער זיי האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט, און ערשט באַגינען אויפ'ן צווייטען טאָג זיינען אַלע גלאַדיאַטאָרען געווען אונטען.

זיך באַהאַלטענדיג אין די פעלזען שפּאַלטען, האָבען זיי גע־

גומען ווארטען די נאכט זאָל צופאַלען, כדי זיי זאָלען קענען אומ־
געריכט אָנפאַלען איוף די שלאָפענדיגע רוימער.

בעת די זון האָט גענומען פארגעהן, זיינען די גלאַדיאַטאָרן
ארויסגעגאַנגען פון זייער באהעלטעניס און, זיך צוטיילענדיג אויף
צוויי קאָנאָרטען, האָבען זיי זיך פארנומען אין פארשיידענע זייטען.

איין העלפט חיל, אונטער דער קאָמאנדע פון ענאָמאַי'ען,
איז אוועק צום ים, די צווייטע העלפט האָט ספּארטאַק געפיהרט
אין דער ריכטונג צו נאָלא. אזוי ווי בייהע רוימישע לאַגערן האָבען
זיך געפונען כמט אויף דעם זעלביגען שטח פון טאָל, זיינעןביידע
גלאַדיאטאָר־מחנות ארויסגעגאַנגען אין איין צייט, כדי אין איין
צייט צו באַפאַלען ביידע רוימישע לאַגערן.

צוגעהענדיג צום לאַגער פון וואלערי מעסאלא, האָט ספּארטאַק
זיך אָפּגעטיילט פון זיינע סאָלדאטען און איז אליין צוגעגאַנגען
צום שויך־וואל.

ביים שיין פון די אויסגעלעגטע פייערן, ארום וועלכע די
נאכט־וואך האָט זיך געוואַרעמט, האָט זיך איהם איינגעגעבען צו
באטראכטען, ווי אזוי דער לאַגער איז איינגעאָרדענט, פון וועלכער
זייט דער טויער געפינט זיך, — קורץ, אלץ וואָס ער האָט באַ־
דארפט וויסען.

אומקעהרענדיג זיך צו זיינע סאָלדאטען, האָט ספּארטאַק פאַר־
זיכטיג זיי געפיהרט אין דער ריכטונג צום לאַגער־טויער, וואָס איז
אויסגעקומען אין יענער זייט, פון וואנען מ'האָט קוים געקאָנט
ערווארטען אַן אָנפאַל.

— ווער געהט דאָרט? — האָט דער וועכטער אויסגעשריען,
בעת די גלאַדיאַטאָרן זיינען צוגעגאַנגען שוין גאָר נאָהענט, און,
ניט באקומענדיג קיין אנטוואָרט, האָט ער גענומען שרייען:

— צו די וואפען!

אָבער די גלאַדיאַטאָרן האָבען מיט גרויס אימפעט זיך א וואָרף
געטאָן אין גראָבען, וואָס האָט ארומגערינגעלט דעם לאַגער, און,
שפּרינגענדיג איינער דעם צווייטען איוף די שולטערן, האָבען זיי
מיט אַן אויסערגעוועהנליכער געשווינדקייט ארויפגעקלעטערט

אויפ'ן שויז־וואל; און פון דאָרט האָבען זיי געשווינד גענומען אריבערשפּרינגען איבער'ן צוים.

דער ערשטער איז ספּארטאק אריבערגעשפּרונגען איבער'ן צוים און מיט איין קלאַפּ פון שווערד האָט ער אוועקגעלעגט דעם וועכטער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע שחיטה, וואָס קומט געוועהנליך פאָר ביי אומערוואַרטע ביינאַכטיגע אָנפאַלען אויפ'ן שלאָפענדיגען שונא.

זייענדיג איבערצייגט, אז זיי זיינען פאַלשטענדיג אויסער געפאהר, האָבען די רוימער געשמאַק געשלאָפען.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס דער דאָזיגער אומגעריכטער אָנפאַל האָט זיי אַזוי צומישט, אַז זיי זיינען כמעט ניט געווען פעהיג אַרויסצואווייזען קיין ווידערשטאַנד קעגען דעם גרויזאַמען אָנדראַנג פון די גלאַדיאַטאָרן. דער גאַנצער רוימישער לאַגער איז פארהילכט געוואָרען פון געשרייען און זיפצען, פון יאָמער און קללות. מאַנכע צושראָקענע סאָלדאַטען האָבען געבעטען מיטלייד און האָבען אַוועקגעגעבען די וואַפען. אין פארלויף פון אַ האַלב שעה זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען פיער הונדערט רוימישע לעגיאָנערען. די איבריגע זיינען אנטלאָפען אין טויט שרעק, וואוהין די אויגען האָבען זיי געטראָגען.

נאָר אַ מאַן פערציג פון די העלדישסטע לעגיאָנערען, אונטער דער קאָמאַנדע פון וואַלערי מעסאַלאַ, האָבען געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צו שטעלען אנטקעגען די גלאַדיאַטאָרן און אָפּצושטעלען די, וואָס האָבען גענומען לויפען.

וואַלערי אַליין האָט געקעמפט בראש פון אַלעמען און האָט ארויסגערופען ספּארטאַק'ן אויף אַ דועל.

— עי, ספּאַרטאַק, נידערטרעכטיגער פיהרער פון די פאַרהאַסטע מערדער! — האָט ער געשריען, — וואו בינסטו? וואוהין האָסטו זיך באַהאַלטען? האָסט מורא אויסצופּרובירען דעם שווערד פון אַ פרייען בירגער!

ניט קוקענדיג אויפ'ן ליאַרם, געשרייען און בראַזג פון די וואַפען, האָט ספּאַרטאַק דערהערט דעם חוצפה'דיגען אַרויסרוף פון פּאַטריציע און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם שרייענדיג:

— אַט דאָ בין איך, הויכגעבאָרענער רוימישער מערדער, זון פון די וועלט רויבער און וועלט תליונים! וואָס פארלאנגסטו פון מיר?

— איך וויל דיר דורכשטעכען דורך און דורך און פאראומ־ רייניגען דעם הערליכען רוימישען שווערד מיט דיין באַרבאַרישען בלוט! — האָט וואַלערי פרעך געענטפערט.

מיט איין קלאַפּ האָט ספּארטאק ביי איהם אַרויסגעזועצט דעם פּאַנצער, מיט׳ן צווייטען קלאַפּ האָט ער איהם אַנידרעגעוואַליעט אויף דער ערד. דאָס צווייטע מאָל האָט ער איהם אַ קלאַפּ געטאָן איבער׳ן שלעם מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז פּארטויבט געוואָרען און אַנידערגעפאַלען.

איצט איז ער איינגאנצען געווען אין ספּארטאק׳ס הענד.

אָבער ווי גרויס ספּארטאק׳ס כעס איז ניט געווען, האָט ער דאָך ניט פארגעסען, אַז זיין פאריסענער, חוצפּה׳דיגער שונא איז אַ קרוב פון וואַלעריא מעסאַלא. און ספּארטאק׳ס האנד האָט זיך ניט אויפגעהויבען אויף צו דערלאנגען איהם דעם לעצטען קלאַפּ — דעם טויט־קלאַפּ. אוועקלייגענדיג ביידע רוימער, וואָס זיינען אונטער־ געלאָפען העלפען זייער קאָמאַנדיר, האָט ספּארטאק אַ געשריי גע־ טאָן צו וואַלערי׳ן:

— גענה, פּאַטריציע, און דערצעהל אַלעמען, ווי אַ פאַרהאַסטער גלאַדיאַטאָר האָט דיר געשאָנקען דאָס לעבען!

און ער האָט געהייסען צוויי גלאַדיאַטאָרען אַרויסטראָגען וואַ־ לערי׳ן פון לאַגער, ניט טאָענדיג איהם קיין שום בייז.

אין עטליכע מינוטען אַרום זיינען אַלע איבריגע רוימער אויס־ גע׳הרג׳עט געוואָרען, אויסשליסענדיג די אַנטלאָפענע.

דער גאַנצער רוימישער לאַגער איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די זיעגער.

אין דער אייגענער צייט איז דאָסזעלבע פאָרגעקומען אויף דער צווייטער זייט פון בארג אין דעם לאַגער פון קלאָודי גלאַבר.

אויף אַזאַ אופן, אַ דאַנק ספּארטאק׳ס איינפאַל, האָבען טוי־ זענד גלאַדיאַטאָרען באַזיעגט דריי טויזענד רוימער, פאַרנעהמענדיג

ביידע פיינדליכע לאגערן מיט אלע געצעלטען, פאהנעס, געוועהר און פראוויאנט.

אויפ'ן צווייטען טאג האבען ביידע גלאדיאטאר־מחנות זיך באפעסטיגט אין קלאוודי גלאבר'ס לאגער.

די ידיעה וועגען דעם דאזיגען נייעם נצחון האט נאך פאר־גרעסערט די פאניק אין די ארומיגע שטעדט.

פון דער קאפוער שוהל זיינען די גלאדיאטארן געלאפען צו ספארטאק'ן מאסענוויז. טעגליך זיינען אנגעקומען אין גלאדיא־טארשען לאגער צו עטליכע הונדערט מאן. אין צוואנציג טעג ארום נאך קלאוודי'ס מפלה, האט ספארטאק געהאט אונטער זיין קאמאנדע ארום זעקס טויזענד מאן.

ספארטאק איז מיט זיי אוועק אויף קאלא, איינע פון די בליהענדע און פולבאפעלקערטע שטעדט פון קאמפאניען.

איידער ער האט אנגעהויבען דעם אנפאל, האט ער פארגע־שלאגען מ'זאל איהם פרייוויליג עפענען דעם שטאדט־טויער, צו־זאגענדיג דערפאר פאלשטענדיגע זיכערהייט פאר די איינוואוינער און זייער אייגענטום.

דער שטאדט-ראט האט איהם דערין אפגעזאגט און ער האט אוועקגעשיקט עסטאפעטען אין נעאפל און רוים מיט א בקשה אונטערצושיקען הילף.

אט די אלע עסטאפעטען זיינען אבער אריינגעפאלען אין ספארטאק'ס הענט און אויף אזא אופן איז נאלא געבליבען אומ־באשיצט. שלעכט באוואפענט און אפגעוועהנטע זיך צו באנוצען מיט געוועהר, האבען די בירגער אפילו א שעה ניט געקענט אויס־האלטען דעם אנדראנג פון די גלאדיאטארען. א דאנק זייערע לייטערס, האבען די גלאדיאטארען זיך אריינגעריסען אין שטאדט כמעט אהן פארלוסטען.

הגם ספארטאק האט שטרענג פארזאגט זיינע סאלדאטען ניט אנצורירען די איינוואוינער, אבער, אויפגערייצטע פון יוידער־שטאנד, האבען די גלאדיאטארען אנגעהויבען רויבען און הרג'ענען. ערשט נאך גרויסע אנשטרענגונגען האט זיך איינגעגעבען זיי איינ־צוהאלטען.

איינזעהענדיג, אז מיט ווערטער און געשרייען קען ער ניט ווירקען אויף די צורייצטע סאָלדאַטען, האָט ער געהייסען, אז די סיגנאַליסטען זאָלען צונויפרופען די סאָלדאַטען אין פארזאמלונגס־פונקט, אין מיליטערישער אָרדנונג. באַלד נאָך דעם האָבען די גלאַדיאַטאָרען געגומען זיך צונויפקלייבען אויפ׳ן מארק־פּלאַץ און זיך אויסשטעלען אין רייען. ספּאַרטאַק האָט זיך געשטעלט אויף די טרעפּלעך פון צעראנס טעמפּעל און האָט זיך געווענדט צו די סאָלדאַטען מיט צאָרנדיגע ווערטער:

— ווילט זיך אייך דען, געזעצלאָזע מענשען, באַקומען אַ נאָמען פון מערדער און רויבער? מיינט איהר דען, אז אייערע ווילדקייטען איז דאָס יענע פרייהייט, וואָס מיר טראָגען פאַר די קנעכט? וועט איהר דען דערמיט באַווייזען די רוימער, אז מיר פאַרדינען יענע רעכטען, וואָס זיי האָבען פון אונז אוועקגענומען? אָהן דעם האָבען מיר גענוג צרות פון דעם שלעכטען נאָמען, וואָס אונזערע שונאים האָבען אונז געמאַכט. אַנשטאָט צו באַווייזען, אז אַלע באַשולדיגונגען פון אונזערע שונאים זיינען פאַלשע, ווילט איהר גאָר זיי באַשטעטיגען מיט אייער שענדליכער אויפפיהרונג, איהר ווילט פאַרפלעקען די עהרע פון אונזער פאָהן — ס׳קען זיין, פון דער הערליכסטער פאָהן, וואָס האָט ווען עס איז געפלאַטערט איבער דער וועלט... און לוינט גאָר צו שטרעבען צו פרייהייט, לוינט גאָר צו שטרעבען צום נצחון, ווען מיר, ווערענדיג די זיגער, וועלען אויך אַזוי געוויסענלאָז זיך באַגעהן מיט די באַזיעגטע, ווי די רוימער זיינען זיך באַגאַנגען מיט אונז?... אויב איהר ווילט, איך זאָל בלייבען אייער פיהרער, מוזט איהר שווערען, אַז פון היינט אָן וועט איהר הייליג אויספאָלגען מיינע באַפעלען און מיט קיין זאַך ניט איבערטרעטען די דיסציפּלין. אויב ניט, קען איך לענגער ניט בלייבען אייער פיהרער.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבען די גלאַדיאַטאָרען אויסגע־הערט די גערעכטע פאָרוואורפען פון זייער פיהרער. און, בעת ער האָט געענדיגט, האָבען זיך אַלע צו איהם אַ וואָרף געטאָן, געקושט איהם די הענט, געבעטען ער זאָל זיי מוחל זיין, און זיי האָבען

געשוואָרען מעהר ניט איבערצוטרעטען די דיסציפּלין, וואָס ער האָט איינגעפיהרט.

די באַזיגטע איינוואוינער האָבען איהם צוגעשטעלט אַ מאַסע פאַרשיידענע וואפען, וואָס זיינען צוטיילט געוואָרען צווישען די ניי־אָנגעקומענע סאָלדאַטען.

אין פאַרלויף פון די צוויי חדשים, וואָס ספּאַרטאַק איז געשטאַנען אונטער נאָלאַ, איז זיין אַרמיי אויסגעוואַקסען ביז אַכט טויזענד. ער האָט זי צוטיילט אויף צוויי לעגיאָנען, און ער אַליין פלעגט יעדען טאָג זיי מושטירען. ער האָט אין זיין אַרמיי איינגעפיהרט אַזאַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג און אַזאַ אייזערנע דיסציפּלין, אַז די איינוואוינער זיינען געווען איבעררַאשט פון דער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין שטאָדט. די גלאַדיאַטאָרען האָבען קיינעם ניט באַליידיגט און ניט באַלעסטיגט.

אין רוים האָט מען דערוויילע באַשלאָסען אַרויסצושיקען געגען די גלאַדיאַטאָרען אַ נייע אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פּרעטאָר פובלי וואַריני.

מיט עטליכע טעג פריהער, איידער דער דאָזיגער פּרעטאָר איז מיט זיין אַרמיי אַרויסגעטראָטען פון רוים, זיינען פון וואַלד, וואָס איז געלעגען ניט ווייט פון שטאָדט, שפּעט ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען איבער צוויי טויזענד מענשען און האָבען זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג צו קאַמפּאַניען. ניט פיעלע פון זיי זיינען געווען באַוואָפענט מיט שווערדען, די איבעריגע זיינען געווען באַוואָפענט מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט: מיט העק, מיט האַמערס, מיט שטיקער אייזען און מיט פלעקער.

דאָס זיינען געווען גלאַדיאַטאָרן פון פאַרשיידענע גלאַדיאַטאָר־שוהלען. זיי האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין וואַלד איינציגווייז, איצט האָט זיי קריקס געפיהרט צו ספּאַרטאַק'ען.

מען קען זיך פאָרשטעלען, ווי די גלאַדיאַטאָרען האָבען זיך געפרעהט מיט דער דאָזיגער נייער פאַרשטאַרקונג. איצט איז זייער אַרמיי באַשטאַנען פון צעהן טויזענד.

ספּאַרטאַק האָט באַגעגנט קריקס'ן, ווי אַ לייבליכען ברודער, איהם האָט ער געליעבט און געאַכט מעהר פון אַלע זיינע חברים.

אין צוויי טעג ארום נאָך זיין אָנקומען, האָבען די אויסזעהער ראַפּאָרטירט ספּאַרטאַק'ען, אַז דער פּרעטאָר פּובלי וואַריני דער־נעהנטערט זיך מיט זיין אַרמיי גאַנץ געשווינט. ספּאַרטאַק האָט געהייסען ביינאַכט אַרונטערנעמען דעם לאַגער און זיך אַ לאָז טאָן דעם געגנער אַנטקעגען.

צוועלפטער קאפיטעל.

פון דער קאזילינער שלאכט ביז דער אקווינער.

וואריני איז געווען א מענש פון א יאהר פינף און פערציג. ער האט געשטאמט פון פלעבייער. א דרייסטער, שטארקער, מיט א סך אויסדויער, געמעסיגט אין עסען און טרינקען, איז ער באזעסען אלע אייגענשאפטען פון א רוימישען זעלנער. צו אכצעהן יאהר איז ער אנגעקומען אין מיליטערישער דינסט, האט אנטייל גענומען אין די מלחמות, וואס מאריוס און סוללא האבען געפיהרט און אין אנדערע מלחמות. קורץ, דאס איז געווען א ערפאהרענער גוטער ארמיי פיהרער, כאטש ער האט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט א באזונדערען פארשטאנד.

ער איז ארויסגעטראטען געגען די גלאדיאטארן מיט אן ארמיי פון אכט טויזענד, שוין אריינגערעכענט דריי הונדערט קאוואלעריסטען אונטער טיבורטינ׳ס קאמאנדע.

וואריני האט אויפגעשטעלט זיין לאגער ביי גאעטא, און טיבורטינ׳ען האט ער אוועקגעשיקט אויסגעפינען, וואו ספארטאק געפינט זיך, און ווי גרוים זיינע קרעפטען זיינען.

ווען וואריני האט זיך דערוואוסט, אז די צאהל פון די רעבעלען האט שוין דערגרייכט צעהן טויזענד, אז זיי געפינען זיך ביי נאלא און, קענטיג, אז דארט ערווארטען זיי דעם אנפאל פון די רוימער, האט ער געפונען פאר בעסער איינצוטיילען זיין חיל אין צוויי גרופען און זיי צו פיהרען מיט צוויי כמעט פאראלעלע וועגען, כדי אנצופאלען אויף די גלאדיאטארן פון צוויי זייטען מיט אמאל. ער האט אויסגערעכענט אויף זיי אנצופאלען פון הינ־

טען, אין דער אייגענער צייט בעת זיין קוועסטאָר, קעני פורי, וועט אויף זיי אָנפאַלען פון פראָנט.

דעם דאָזיגען פּלאַן האָט מען בשום אופן ניט געקענט האַלטען פאַר אַ שלעכטען, ווען ספּאַרטאַק וואָלט ווירקליך געבליבען אין זיין לאַגער. די זאַך איז אָבער, וואָס ספּאַרטאַק איז געווען אַ סך קליגער, ווי וואַריני האָט איהם געהאַלטען.

ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די רוימישע חיל האָט זיך צוטיילט, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען וואַריני׳ס אבזיכט און האָט באַשלאָסען ניט צו לאָזען איהם דורכפיהרען זיין פּלאַן. ספּאַרטאַק׳ס פּלאַן איז געווען זיך אַ וואַרף צו טאָן אין מיטען צווישען שונא׳סביידע מחנות און זיי צוקלאַפּען.

איינע פון די מערקווירדיגע אייגענשאַפטען, וואָס איהר איז ספּאַרטאַק געווען פאַרפליכטעט מיט׳ן גרעסטען טייל פון זיינע זיעגען, איז געווען די פלינקייט, מיט וועלכער ער האָט באַגריפען די אומשטענדען פון זיין לאַגע און מיט וועלכער ער האָט אויסגעפיהרט זיינע באַשלוסען. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פעהיגקייט זיך צו צופּאַסען צו די אומשטענדען.

צוגעהענדיג ביז טריפערן, איז פורי געוואָהר געוואָרען, פון זיינע אויסזעהער, אַז ספּאַרטאַק האָט פאַרלאָזט זיין לאַגער און געפינט זיך איצט ניט ווייט פון איהם — אַ שטרעקע פון איין טאָג גאַנג. אָבער אַזוי ווי וואַריני האָט איהם פאַרזאָגט אַליין ניט אָנצוהויבען די שלאַכט, האָט ער באַשלאָסען זיך צו פאַרנעמען צו קאַפּוא און דאָרט וואַרטען אויף נייע אינסטרוקציעס פון זיין קאָמאַנדיר.

אויסרעכענענדיג אויף אַזאַ׳ן אופן אויסצומיידען די באַגעגענים מיט ספּאַרטאַק׳ען, האָט ער גאָרניט אָנגעהויבען צו פאַר־דעכטיגען, אַז יענער האָט בדעה זיך צו פאַרקירעווען אין דערזעל־ביגער זייט.

ביי קאַזילין, וואָס האָט זיך פרייווילּיג אונטערגעגעבען ספּאַר־טאַק׳ען, האָט פורי אומגעריכט זיך אָנגעשטויסען אויף׳ן גלאַדיאַ־טאָרישען לאַגער.

און פאַר ספּאַרטאַק׳ען אַליין איז דאָס געווען אַ אומער־

ווארטקייט, ווייל, זיך פארנעמענדיג אן א זייט, האט ער אויס־געראכנט דורכצולאזען פורי׳ן פאראויס און אנפאלען אויף איהם פון הינטען.

בעת בארטאריקס, וואס האט קאמאנדירט מיט דער קאוואַ־לעריע פון די גלאדיאטארען, האט ראפארטירט וועגען דער דער־נעהנטערונג פון קוועסטאר, האט ספארטאק אין דער ערשטער מינוט ניט געוואלט גלויבען. ער האט זיך אבער געשווינט פאר־געשטעלט, ווי אזוי דאס האט געקענט געשעהן און האט געהייסען די סיגנאליסטען צונויפרופען די מחנה אויף דעם באשטימטען פלאץ און דאן ארויספיהרען דעם ערשטען לעגיאן אויפ׳ן אפענעם פעלד, אויסשטעלענדיג איהם אין צוויי רייהען.

פאר׳ן פראנט האבען זיך אויסגעצויגען ווי א לאנגע קייט די ווארפער און די לייכטע פוסגעהער, וואס האבען געדארפט אנ־פאלען אויפ׳ן שונא, ווי נאר ער וועט זיך באווייזען פון הינטער די דערבייאיגע בערג. דער צווייטער לעגיאן, וואס איז געוועזען צוטיילט אויף צוויי טייל, האט פארנומען ביידע פלאנגען פון דער שלאכט פאזיציע, זיך באהאלטענדיג צווישען די קארן און די וויינ־טרויבען קוסטען. אין ברען פון דער שלאכט האט ער געדארפט ארומרינגלען די רוימער פון ביידע פלאנקען און פון הינטען.

באגינען האט די רוימישע פאדערשטע מחנה זיך באוויזען פון הינטער די בערג און האט זיך באלד אומגעקערט צוריק אונטער א האגעל שטיינער און שליידער־העלצער, וואס די גלאדיאטארן האבען גענומען ווארפען.

ספארטאק האט געהייסען סיגנאליזירען אויף אן אטאקע, ווע־לענדיג אנפאלען אויפ׳ן שונא פריהער, איידער ער וועט באווייזען זיך צו מאכען קאמפספארטיג.

דער העלדישער פורי האט זיך ניט פארלארען און האט באלד ארויסגעשיקט פאראויס א מחנה לייכטע פוסגעהער און ווארפער, איידער ער האט איינגעארדענט די איבעריגע רייהען.

אלע זיינע באפעלען זיינען דורכגעפיהרט געווארען מיט א מערקווירדיגער געשווינדקייט. פונדעסטוועגען האבען די רוימער ניט באוויזען זיך גרייט צו מאכען, ווי געהעריג איז, בעת די גלא־

דיאַטאָרן זיינען באַפאַלען אויף זייער פאָדערשטער מחנה און געצוואונגען זי אַפּצוטרעטען.

ס'איז פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטער קאַמפף. ביידע צדדים האָבען העלדיש געקעמפט. אָבער די גלאַדיאַטאָרן האָבען איי־בערהגעשטייגט די רוימער אין צאָהל, און דאַרום האָבען די רוימער ניט געקענט ביישטעהן. ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען, זיינען זיי געפאַלען ביז'ן לעצטען. צווישען די גע'הרג'עטע איז אויך געווען פורי.

אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דעם דאָזיגען נייעם נצחון, וואָס האָט די גלאַדיאַטאָרן געקאָסט ניט פיעל מענשליכע לעבענס, האָט ספּאַרטאַק געפיהרט זיין אַרמיי אויף וואַריני'ן, וועלכער, לויט די ידיעות, וואָס ספּאַרטאַק האָט באַקומען, האָט זיך געפונען ביי דעם קלאַוודינישען טאָל.

די שלאַכט, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען, איז געווען זעהר אַ בלוטיגע און זי האָט אָנגעהאַלטען פון האַלבען טאָג ביז זונענ־אונטערגאַנג. איבער צוויי טויזענד רוימער זיינען געפאַלען אין דער דאָזיגער שלאַכט. דער קלאַוודינישער טאָל איז שוין דאָס צווייטע מאָל פאַר די רוימער געווען אַ שלים־מזל'דיגער אָרט.

די צאָהל פון די פאַרוואונדעטע האָט איבערשטייגט אָנדער־האַלבען טויזענט, דער גרעסטער טייל פון זיי איז אריינגעפאַלען אין געפאַנגשאַפט. אָבער ספּאַרטאַק האָט זיי אָפּגעלאָזט, נאָכדעם ווי ער האָט זיי ענטוואָפענט. ער האָט איינגעזעהען, אַז אַזאַ גרויסע צאָהל געפאַנגענע וועט פאַר איהם זיין צו לעסטיג און צו געפעהרליך צו האַלטען ביי זיך אין לאַגער. עס זיינען געווען פאַרוואונדעט וואַריני אַליין און עטליכע טריבונען.

אויך די פאַרלוסטען פון די גלאַדיאַטאָרן זיינען געווען ניט קליין אין דער דאָזיגער שלאַכט. ארום צוויי הונדערט פופציג מענשען זיינען גע'הרג'עט געוואָרען, און ארום פינף הונדערט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען.

דער פאַרוואונדעטער וואַריני האָט זיך באַהאַלטען אין אַליף, ער האָט געהאָפט צונויפצוקלייבען דאָרט די רעשטלאָך פון זיין חיל. בעת אָבער ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין מפּלה איז פיעל

גרעסער, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, און אַז זיין קוועסטאָר איז געפאַלען אין שלאַכט, איז ער געוואָרען העכסט פאַרצווייפעלט און האָט זיך אָפּגעטראָגען אין רוים, ניט האָבענדיג מעהר קיין מעגליכקייט פאָרטצוזעצען די מלחמה. די גאַנצע געגענד פון קאַמפּאַניען איז איבערגעלאָזט געוואָרען אויף גאָט'ס באַראָט.

די דאָזיגע צוויי גלענצענדע זיעגען, וואָס ספּאַרטאַק האָט געהאַט אין פאַרלויף פון דריי טעג, האָבען איהם נאָך מעהר פּאָפּולער געמאַכט און אין דער אייגענער צייט האָבען זיינע צוויי נצחונות אויפגעטרייסעלט גאַנץ דרום איטאַליען.

דערוויילע זיינען זיינע רייהען אויסגעפילט געוואָרען מיט נייע פינף הונדערט מאַן, גלאַדיאַטאָרען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון באַטיאַט'ס שוהל, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם גאַלל ברעזאָוויר.

אויף זיין עצה איז ספּאַרטאַק געגאַנגען אויף קאַפּוא, כדי צו באַפרייען די איבעריגע פינף טויזענד גלאַדיאַטאָרען, וואָס האָבען זיך נאָך אַלץ געפונען אין דער שוהל.

איינגעשראָקענע פון ספּאַרטאַק'ס זיעגען איבער נאָלא, האָבען די קאַפּוער אויף ספּאַרטאַק'ס פאַרלאַנג איהם ארויסגעגעבען אַלע גלאַדיאַטאָרען, וואָס האָבען זיך געפונען ביי זיי אין שטאָדט, און ספּאַרטאַק האָט דאַן ארונטערגענומען די באַלאַגערונג.

ער האָט ווידער אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אונטער נאָלא און האָט גענומען לערנען דעם נייעם לעגיאָן.

דערוויילע האָט פּרעטאָר וואַריני פאָרמירט אַ נייע ארמיי. לעלי קאַסיני איז באַשטימט געוואָרען פאַר קוועסטאָר, אויפ'ן אָרט פון דעם גע'הרג'עטען פורי. קאַסיני איז געווען דער אומוויסענדסטער און באַשרענקסטער פון אַלע טריבונען.

אויף וואַריני'ס באַפעהל האָט קאַסיני, מיט אַכט קאָגאָרטען סאָלדאַטען, פאַרנומען באָוויאַן, כדי צו שטערען ספּאַרטאַק'ן ארייינצודרינגען אין סאַמניום. וואַריני אַליין האָט נאָך אַלץ גע־זאַמעלט חיל אין די ארומיגע פּראָווינצען.

איבערגעבענדיג זיין לאַגער קריקס'ן, איז ספּאַרטאַק צוגע־גאַנגען צו באָוויאַן און גענומען ארויסרופען קאַסיני'ן אויף אַ

של־אכט. קאסיני האט דעם אויסרוף ניט אנגענומען און האט זיך פארמאכט אין פעסטונג.

דאס האט ספארטאק'ן קלאר געמאכט וואריני'ס פלאן, און ער האט באשלאסען איהם ניט צו לאזען אנקלייבען א נייע ארמיי. דער גלאדיאטאר־לעגיאן, אונטער ענאמאי'ס קאמאנדע, איז גע־בליבען ארום באוויאן, און ספארטאק מיט ניט קיין גרויסער מחנה קאוואלעריע האט זיך אומגעקעהרט אין נאלא.

אין לאגער האט ער געהערט גוטע נייעס. אין זיין אבוועז־ענהייט האט דער גלאדיאטאר גראניק מיט זיך געבראכט איבער פינף הונדערט גאללען, הערמאנען און פראנקיער, פון דער ראַ־וועננער גלאדיאטאר־שוהל, אויף אזא'ן אופן איז די גלאדיאטאר ארמיי שוין באשטאנען נאהענט פון צוואנציג טויזענד. די צוויי־טע אנגענעהמע אומערוואַרטקייט איז פאר ספארטאק'ן געוועזען די באגעגענים מיט זיין שוועסטער מירדזא, וועלכע איז איצט געוועזען אזא פרייער מענש, ווי ער אליין. וואלעריא האט זי באפרייט.

— ספארטאק!... ספארטאק!... ליעבער, געליעבטער ברודער מיינער! — האט מירדזא אויסגעשריען מיט פרייד, און איז איהם ארויפגעפאלען קושען, — אה, ווי איך האב געציטערט איבער דיר, דו ביזט דאך די גאנצע צייט אין געפאהר! אה, ווי איך האב געציטערט איבער דיר! ברודער! געליעבטער ברודער מיינער!

איהרע אויגען זיינען פארלאפען געווארען מיט טרערען, דאס זיינען געוועזען טרערען פון פרייד, און זי האט פארטגעזעצט:

— איך האב געמיינט, דו ביזט אפשר פארוואונדעט, אפשר נויטיגסטו זיך אין הילף, אין א מענשען, וואס זאל דיר צוזעהן. און ווער קען דאס אזא זאך טאן פאר דיר, אויב ניט איך?... זאלען די געטער איהר באצאהלען פאר איהר גוט הארץ! זי האט מיר אפגעלאזט! איינגאנצען באפרייט! איך פלעג אלץ וויינען... איך פלעג אלץ בעטען מיין גוטע ווירטין, זי זאל מיר אפלאזען צו דיר... און זי האט מיר באפרייט... איצט בין איך ניט קיין שקלאפין! איך קאן איצט בלייבען מיט דיר אויף אייביג!

זי האט געלאכט און געוויינט פאר פרייד און ווידער האט זי זיך א ווארף געטאן אויפ'ן ברודער און איהם גענומען קושען.

מיט עטליכע טריט ווייטער פון דער דאָזיגער גרופּע איז, שווייגענדיג, געשטאַנען אַרטאַריקס, וואָס ער איז צוזאַמען מיט גראַניק׳ן אָנגעקומען פון ראַווענאַ, און האָט מיט אַ מילדען שמייכעל געקוקט אויף דער דאָזיגער ריהרענדער סצענע, אויסוואַרטענדיג, אַז ספּאַרטאַק זאָל איהם באַמערקען.

— אַרטאַריקס! — האָט ספּאַרטאַק אויסגעשריען, זיך וואַרפענדיג אין דעם יונגען מאַנ׳ס אומאַרמונגען, — און דו ביסט אויך דאָ! געטער! וויפיעל אומערוואַרטע פריידען האָט איהר מיר אויף אַמאָל צוגעשיקט!

אין דערזעלביגער צייט האָט דער דעקוריען געמאָלדען ספּאַרטאַק׳ען, אַז אַ יונגער סאָלדאַט, וואָס איז געקומען פון רוים, וויל איהם זעהן.

דער פאַרוואונדעטער ספּאַרטאַק האָט געהייסען איהם אריינפיהרען.

דער אומבאַקאַנטער האָט אויסגעזעהען אויפ׳ן פּנים, ווי אַ אינגעל פון אַ יאָהר פופצעהן, זעבצעהן. אָנגעטאָן איז ער געווען זעהר רייך. זיין לאַנגער זילבערנער רינג־פּאַנצער איז ביים סטאָן געווען איינגעצויגען מיט אַ זילבערנעם גאַרטעל מיט גאָלדענע באַפּוצונגען. זיין שלעם איז אויך געווען אַ זילבערנער, מיט אַ גאָלדענער שלאַנג פון אויבען. אַ קליינער שווערט מיט אַ שעהנער הענטעל איז געהאַנגען אויף אַ דיקער פלאַכער גאָלדענער קייט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון רעכטען שולטער אויף דער לינקער זייט. אייזערנע קני־רינגען און אַרמבענדער האָבען פאַרפאָלקאָמט די טואַלעטע פון דעם דאָזיגען שרעקליכען מיליטערישען יונגען מאַן.

זיין פּנים איז געווען וויים, ווי מאַרמאָר, און צאַרט, ווי ביי אַ קינד, מיט גרויסע בלישטשענדע אויגען, וואָס האָבען געהאַט אַ אומבאַשטימטען קאָליר, גרוי, בלוילאַך אָדער גרינלאַך — ס׳איז שווער געווען צו באַשטימען. דער דרייסטער, כמעט חוצפּה׳דיגער אויסדרוק פון די דאָזיגע אויגען האָט גאַרניט האַרמאָנירט מיט׳ן וויסען מילדען פּנים פון דעם דאָזיגען יונגען בחור׳ל מיט די געדיכטע לאָקאָנעס גאָלדיגע האָר, וואָס האָבען זיך אַרויסגעזעהן פון אונטער זיין שלעם.

— ווער ביסטו? און וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר? — האָט ספּאַרטאַק געפרעגט.

— דאָס בין איך, ספּאַרטאַק!.. — דערקענסטו מיר ניט?

— האָט דער יונגער מאַן געענטפערט.

אין זיין שטים און זיין פּנים זיינען איצט ספּאַרטאַק'ען פאַר־געקומען באַקאַנט. ער האָט זיך צוגעקוקט אויפמערקזאַמער און האָט אויסגעשריען:

— קאָן דאָס זיין? דו?... איז דאָס מעגליך?... דו?...

— איך עווטיבידאַ! — האָט אונטערגעזאָגט דאָס פאַרקליי־דעטע גריכישע מיידעל, — —יאָ, דאָס בין איך.

— אָבער דו ביסט אַ פרוי, ביסט געוואָוינט צו לוקסוס און באַקוועמליכקייטען. וואָס ווילסטו דאָ טאָן?

— וואָס וויל איך טאָן? דאָס, וואָס איהר אַלע טוט. איך וויל נקמה נעמען פאַר דעם טויט פון מיין פאָטער און פון מיינע ברידער, פאַר דער שקלאַפעריי פון מיין מוטער, פאַר מיין אייגענע שקלאַפעריי, וואָס האָט פאַרגיפטעט מיין יוגענד, פאַר מיין רואי־נירטען פאָטערלאַנד, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, וואָס מיר איז אויס־געקומען אויסצושטעהן פון די רוימער! און דו פרעגסט, וואָס איך וועל דאָ טאָן!

דאָס מיידעל'ס פּנים האָט אויסגעדריקט אַזאַ האַס און אַזאַ ענטשלאָסענהייט, אַז ספּאַרטאַק האָט זיך פאַרלאָרען. וואָס האָט ער געקאָנט איינווענדען געגען דער ענטשלאָסענהייט פון אַ מענ־שען, וואָס וויל קעמפפען קעגען די רוימער?

— אויב אַזוי וועל איך דיר ניט שטערען, — האָט ער געזאָגט אויסשטרעקענדיג איהר די האַנד, — בלייב מיט אונז און קעמף, אויב דו וועסט קאָנען.

— איך קאָן טאָן אַלעס, וואָס איך וויל נאָר! — האָט עווטי־בידאַ שטאָלץ געענטפערט. — פון יענעם טאָג אָן, זינט דו האָסט אויפגעהויבען די פאָהן פון אויפשטאַנד, האָב איך די גאַנצע צייט זיך געלערנט פעכטען און רייטען.

— אין וועלכער אַפּטיילונג זאָל איך דיר פאַרעכענען?

— די צייט וועט ווייזען, וואו מיין אָרט איז, — האָט עווטי־

בידא געענטפערט, — דערוויילע ערלויב מיר צו בלייבען אונטער דיין פערזענליכער קאָמאנדע. קאָמאנדירענדיג אזא גרויסע ארמיי, האָסטו דען די מעגליכקייט אין דער צייט פון שלאכט איבעראל אליין צו באווייזען ? מוזט דאָך אימיצען האָבען ביי זיך אויף פאנאנדערצושיקען דיינע באַפעהלען און פאָראָרדענונגען.

ספארטאק האָט איינגעזעהען, אַז איהר באַמערקונג איז ביים וועג.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל זיך איבערלייגען, איך וועל זיך באַראַטען מיט מיינע חברים.

— און איצט וויל איך נאָר דיר איבערגעבען דאָס גאָלד, וואָס איך האָב מיט זיך געבראכט.

זאָגענדיג דאָס, האָט עווטיבידא אַ פייף געטאָן און אַ שקלאף האָט זיך באַוויזען, פיהרענדיג פאר'ן צאהם אַ פערד, וואָס צו זיין זאָטעל זיינען געווען צוגעבונדען צוויי זעקלאך מיט גאָלד.

עווטיבידא האָט אוועקגעגעבען די רעבעלען איהר גאנצען פאַרמעגען, וואָס האָט באַטראָפען ארום זעקס הונדערט טאלאנטעס.

דער מיליטערישער ראָט, וואָס ספארטאק האָט צוליב דעם פאַררופען, האָט באַשלאָסען פאר דעם גאָלד איינצוקויפען פארשי־דענע וואַפען און פערד אויף צו פארשטארקען די קאַוואַלעריע. דער מיליטערישער ראָט האָט אויך אָנגענומען עווטיבידא'ס פאָרשלאָג צו ווערען ספארטאק'ס אַ מיטהעלפערין און צוזאַמען מיט איהר האָט דער ראָט באַשטימט נאָך צעהן יונגע מענשען פאר דער דאָזיגער דינסט. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען אויסצו־דריקען עווטיבידא'ן אַ דאנק אין נאָמען פון דער גאנצער ארמיי.

נאָך דעם איז ספארטאק אוועק מיט באַרטאַריקס'ן אין באָוויאַן, כדי זיך צו פאַראייניגען מיט ענאָמאַי'ען, און גראַניק'ן מיט קריקס'ן האָט ער איבערגעלאָזט אין נאָלא, וואו זיי האָבען געדאַרפט איינמושטירען די נייע סאָלדאַטען.

אָנקומענדיג אין באָוויאַן, האָט ספארטאק זיך דערוואוסט, אַז ענאָמאַי איז נאָך מיט צוויי טעג צוריק אוועק צו סומאָלנאַ, וואו וואַריני האָט זיך געדאַרפט געפינען, און קאסיני, זיך דערוויסענדיג, אַז ענאָמאַי איז אוועק ווייטער, איז ארויס פון זיין פעסטונג. עס איז קענטיג געווען, אַז קאסיני'ס אַבזיכט איז געווען אָנצופאַלען

אויף די גלאַדיאַטאָרן פון הינטען, בעת זיי וועלען אָנהויבען די שלאַכט מיט וואַריני׳ן.

ספּאַרטאַק האָט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ גרויסער געפאַהר דער ניט ווייט זעהענדיגער ענאָמאַי האָט זיך אוועקגע־שטעלט און ער האָט זיך אונטערגעאיילט איהם אַרויסצוהעלפען. ניט לאָזענדיג זיינע סאָלדאַטען זיך אָפּרוהען, האָט ער זיי האַסטיג געפיהרט אויף צו אַטאַקירען קאַסיני׳ן.

קאַסיני האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, ווי אַן׳אַרמיי דאַרף זיך געוועהנליך באַוועגען, בעת ספּאַרטאַק מיט זיין חיל איז געגאַנגען האַסטיגער, ווי געוועהנליך. אויף אַזאַ׳ן אופן האָט ער איהם אויפ׳ן דריטען טאָג אָנגעיאָגט און איהם דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ.

פאַרשעהמט און פאַרצווייפעלט, איז קאַסיני געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגען, זיך אַריינשניידענדיג אין די גלאַדיאַטאָרישע רייהען.

מיט דעם זעלביגען אימפּעט איז ספּאַרטאַק געגאַנגען ווייטער און איז אָנגעקומען פונקט אין דער צייט, בעת ער האָט געקאָנט ראַטעווען די חברים פון אַ זיכערער נידערלאַגע.

זייענדיג גערדריקט פון אַ געגנער, וואָס איז געווען שטאַרקער פון איהם, האָט ענאָמאַי׳ס מחנה שוין אָנגעהויבען נאָכצוגעבען. אָבער ספּאַרטאַק׳ס פּלוצלונגער אָנקומען האָט באַלד געענדערט די לאַגע און האָט באַשטימט דעם שיקזאַל פון דער שלאַכט. וואַריני איז צוקלאַפּט געוואָרען און האָט זיך צוריקגעצויגען מיט גרויסע פאַרלוסטען.

נאָך דריי טעג רוה, האָט ספּאַרטאַק געפיהרט זיין אַרמיי ווייטער. ער איז אַרומגעגאַנגען די גאַנצע פּראָווינץ לאַציום און האָט אין איהר פאַרנומען עטליכע שטעדט. דערוויילע זיינען צו איהם צוגעשטאַנען אַזוי פיעל נייע גלאַדיאַטאָרן און שקלאַפען, אַז ער האָט פון זיי צונויפגעשטעלט צוויי נייע לעגיאָנען, גוט באַוואָפענטע.

דערוויילע האָט אָבער וואַריני אויך באַוויזען אָנצוזאַמלען אַ נייע אַרמיי און דערצו האָט ער נאָך באַקומען פאַרשטאַרקונג פון רוים.

וועלענדיג אפוואשען פון זיך די שאנד פון זיינע פריהערדיגע מפלות, איז דער אומדערשראָקענער פרעטאָר וואריני איצט געגאנגען אויף די גלאדיאטאָרן בראש פון אן ארמיי, וואס איז באשטאַנען פון אכצעהן טויזענט מאן.

דערהערענדיג, אז וואריני דערנעהנטערט זיך, איז ספארטאק ארויסגעגאנגען איהם אנטקעגען.

די געגנער האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען אונטער אקווין.

דאס איז געווען די ערשטע שלאכט, בעת ספארטאק האָט זיך באגעגענט מיט די רוימער אויף אן אָפענעם פעלד און בעת די קרעפטען פון ביידע צדדים זיינען געווען כמעט גלייכע. ביז איצט זיינען ספארטאק'ס זיעגען געווען צופעליגע : פלוצלינגע אָנפאַלען, אָדער נאכלעסיגקייטען פון די רוימישע ארמיי־פיהרער. אין דער איצטיגער אקווינער שלאכט האָט ספארטאק צום ערשטען מאָל ארויסגעוויזען יענעם מאראלישען איינפלוס אויף זיינע סאָלדאַטען, יענע פעהיגקייט זיי צו דערמוטיגען און אריינצוגיסען אין זיי קרעפטען, וואס בילדען דעם סוד פון די גרויסע ארמיי־פיהרער.

וואריני האָט זיך געשלאָגען מיט פארצווייפלונג, כדי צו באשיצען די עהרע פון דער רוימישער פאָהן. אין דער דאָזיגער שלאכט זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען איבער פיער טויזענט רוימער. וואריני אליין איז פארוואונדעט געוואָרען פון ספארטאק'ס שווערד. פיער פערד זיינען אונטער איהם געפאלען, עפעס ווי דורך א נס האָט ער זיך גערעטעט פון טויט. די גלאדיאטאָרן האָבען פארכאפט דעם גאנצען לאגער, די פוהרען מיט פראָוויאנט, די וואפען און די פאָהנעס פון זעקס ליקטאָרן. נאָך קיינמאָל האָט ספארטאק ניט געהאט אזא גרויסען זיעג.

13־טער קאפיטעל.

די ענדערונג אין דער גלאַדיאַטאָרישער אַרמיי. דער טויט פון ליקטאָר סימפּליציאָן.

נאָך דער מפּלה ביי אקווין האָט וואריני אָפּגעטראָטען צו נארבא צו מיט די רעשטלאָך פון זיין ארמיי — ארום טויזענט מענשען. דאָ האָט ער זיך באַפעסטיגט מיט'ן ציעל צו באשיצען די אפיער און לאטיינישע וועגען, אין פאַל, ווען ספארטאק וועט וואגען צו געהן אויף רוים.

אָבער ספארטאק האָט וועגען דעם אפילו ניט געטראכט. אָנפאַלען אויף רוים וואָלט געווען זינלאָז און ספארטאק האָט עס געוואוסט.

אין פארלויף פון זיין צוויי מאָנאטליכער עקספעדיציע אין די פראָווינצען סאמינאום און לאציום, זיינען אין זיין לאגער אונטער נאלא אָנגעקומען אַלץ מעהר נייע שקלאַפען און גלאדיאַ־טאָרן. זייער צאָהל איז געווען אזוי גרויס, אז קריקס האָט פון זיי געקאָנט פאַרמירען דריי נייע לעגיאָנען, צו פינף הונדערט מאן אין איטליכען. ארטאריקס, ברעזאוויר און ווילמאר זיינען באשטימט געוואָרען פאר קאָמאנדירען פון די דריי נייע לעגיאָנען.

נאָך דעם זיעג ביי אקווין האָט ספארטאק אריינגערופען ענאמאי'ן אין זיין פעלד־ביידעל און האָט פון איהם גענומען א שבועה, אז נאָך אמאָל וועט ער זיין לאגער פרייוויליג ניט פארלאָ־זען; און ער אליין איז בשתיקה ערגיץ־וואו ביינאכט אוועקגע־פאָהרען אין דער באגלייטונג פון דריי הונדערט רייטער.

ניט ווייט פון טוסקולא האָט ער פארלאָזען זיין מחנה אין

א איינזאמען און אומגעפעהרליכען אָרט אונטער דער אויפזיכט פון דעם סאמניט מאמילי, און אַליין איז ער אַוועק ווייטער. ווען ער וואָלט זיך ניט אומגעקערט צו דער באַשטימטער שעה, האָט די מחנה געדאַרפט מיט דעם זעלביגען וועג זיך אומקעהרען צוריק.

אויפ'ן וועג האָט ספּאַרטאַק באַגעגענט אַ פּויער און האָט ביי איהם געפרעגט, וואו עס געפינט זיך די ווילא פון וואַלעריא מעסאַלאַ, די אַלמנה פון דעם געוועזענעם דיקטאַטאָר סוללאַ, און, באַקומענדיג די נויטיגע ידיעות, איז ער אַוועקגעריטען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

ס'איז נאָך געווען גאַנץ פריה און דער וועכטער האָט ניט געוואָלט עפענען דעם טויער, הגם ספּאַרטאַק האָט איהם פאַרזי־כערט, אַז ער איז אַ דעקוריאַן פון איינער פון וואַלעריא מעסאַלאַ'ס קאַנאָרטען און אַז מ'האָט איהם געשיקט צוליעב אַ זעהר וויכטי־גען ענין.

דער וועכטער האָט לאַנג געטראַכט, ער האָט אָבער צולעצט געעפענט די פּאָרטקע און איהם אַריינגעלאָזט, און ער אַליין איז אַוועק מעלדען דעם אויבער־וועכטער. אָבער דער אויבער־וועכטער איז געווען נאָך מעהר איינגעשפּאַרט פון זיין געהילף, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט וועקען זיין ווירטין.

— קאָנסטו לייענען גריכיש ? — האָט ספּאַרטאַק איהם געפרעגט.

— ניין, — האָט דער אויבער־וועכטער געענטפערט.

— איז אין דער גאַנצער ווילאַ ניטאָ אַ מענש, וואָס זאָל קאָנען איבערלייענען אַ צעטעלע פון דעם טריבון מעסאַלאַ צו וואַלעריא מעסאַלאַ ?

וואַרטענדיג אויפ'ן וועכטער'ס ענטפער, האָט ספּאַרטאַק געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זוכט דאָס צעטעלע, וואָס איז געווען באַהאַלטען ביי איהם אין בוזים.

אָבער, אַזוי ווי ער האָט פאָראויסגעזעהען, איז אין דער ווילאַ ניט געווען קיין איין שקלאַף, וואָס האָט געקאָנט לייענען גריכיש.

— אַלע שקלאַפען זיינען צולאָפען — גריכען, און ניט גריכען, — האָט דער אויבער־וועכטער טרויעריג געענטפערט. און,

ווייסטו, — האָט ער צוגעגעבען גאַנץ שטיל, — זיי זיינען אַנטלאָ־פען אין לאַגער פון דעם נידערטרעכטיגען ספּאַרטאַק׳ן! זאָלען די געטער דערשלאָגען מיט זייערע בליצען דעם דאָזיגען נידער־טרעכטיגען און מיאוס׳ן גלאַדיאַטאָר!

— פאַר וואָס זשע זידעלסטו איהם אין דער שטיל? — האָט ספּאַרטאַק געפרעגט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן. — וואָס האָסטו מורא איהם צו זידלען אין דער הויך?

— ווייל אונזער ווירטין — זאָלען די געטער איהר מוחל זיין, — האַלט דעם דאָזיגען מערדער פאַר אַ גרויסען מענשען און זי לאָזט קיין שלעכט וואָרט אויף איהם ניט ריידען.

— וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט דיר געטאָן דער דאָזיגער מערדער, אַז דו פאַרהאַסט איהם אַזוי? איך האָב געמיינט, אַז אַלע שקלאַפען זיינען אויף זיין זייט, ווייל ער וויל דאָך זיי באַפרייען. און דו... מיר דאַכט זיך, אַז דו מאַכסט נאָר אַזוי דעם אָנשטעל, אָבער אין אמת׳ן ביזטו גאָר אויף זיין זייט.

— איך מאַך דעם אָנשטעל! דער דאָזיגער באַנדיט האָט דאָך מיר אומגליקליך געמאַכט! מיינעביידע זיהן האָט ער דאָך פאַרנאַרט. זיי זיינען אַנטלאָפען צו איהם אין לאַגער... שוין דריי חדשים, אַז איך האָב פון זיי קיין נאַכריכט ניט. ס׳קאָן זיין, אַז זיי לעבען שוין מעהר ניט.

דער אַלטער וועכטער האָט זיך צעוויינט.

— קומט אויס נאָך דיין מיינונג נאָך, אַז ספּאַרטאַק איז אומגערעכט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגערופען דעם אויפ־שטאַנד און דיינע זיהן האָבען איהם ניט געדאַרפט העלפען?

— יאָ, אַזוי מיין איך, און קיינמאָל וועל איך אַנדערש ניט מיינען. פון וואָסער פרייהייט רעדט דאָס אַלץ דער דאָזיגער משוגע׳נער גלאַדיאַטאָר? איך בין געבאָרען געוואָרען אַ פרייער פאַסטוך אין די סאַמנמער בערג. האָט זיך אָנגעהויבען די בירגער־קריעג. אונזערע אַנפיהרער האָבען גענומען שרייען: „מיר ווילען אויך ערהאַלטען דאָס רעכט פון רוימישען בירגערטום, אַזוי ווי די לאַטיינער“. און מיר האָבען זיך צובונטעוועט, מיר האָבען געקעמפט און ריזיקירט מיט׳ן לעבען. און וואָס איז דער סוף?

דער סוף איז, אז איך, דער פרייער בארג־איינוואוינער פון סאמנום, בין געוואָרען א שקלאף פון דער פאמיליע מעסאלא, און מיין ווייב איז געוואָרען א שקלאפין, און אונזערע קינדער זיינען געבאָרען געוואָרען שקלאפען. ס'איז נאָך א גליק, וואָס מיר זיינען אריינ־געפאלען צו די דאָזיגע גוטע מענשען.

נאָך א קורצער פויזע האָט דער אלטער פאַרטגעזעצט:

— פרייהייט... דאָס איז אלץ פלוידעריי, פוסטע אויסטראַכ־טען. און צוליעב זיי ווערט פארגאָסען מענשליך בלוט. וואָס וועל איך טאָן מיט דער פרייהייט, ווען מיינע קינדער וועלען גע'הרג'עט ווערען? וויינען טאָג און נאכט, ביז וואנען דער טויט וועט מיינע טרערען אויסטריקענען. און ווען אפילו מיינע קינדער זאָלען לעבען בלייבען, און די מלחמה זאָל זיך ענדיגען לטובה פון די שקלאפען, וואָסערע נוצען וואָלטען מיר געהאַט פון דער פרייהייט, בעת מיר האָבען קיין זאך ניט? איצט באקומען מיר פון אונזער הארענטע אלץ, וואָס ס'איז נויטיג צום לעבען. און בעת מיר וועלען באפרייט ווערען, וועלען מיר אוועקגעהן ארבייטען אויף א פרעמד פעלד פאר אזא נישטיגען לוין, אז עס וועט ניט גענוג זיין אויף די נויטיגסטע באדערפניסען. א גרויס גליק צו שטארבען פון הונגער פאר פרייהייט!

דער אלטער איז אנשוויגען געוואָרען.

ספארטאק האָט זיך פארטראכט. איז דאָס טאקע אמת, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון דעם אלטען שקלאף? אויב אזוי צוליעב וואָס קעמפט ער? צוליעב וואָס פארגיסט מען טייכען בלוט?

ס'האָט איהם גענומען טרייסלען. דער דאָזיגער צווייפעל האָט אויף איהם אנגעוואָרפען אן אימה, און ער האָט זיך באמיהט זיך צו בארוהיגען.

„ניין", — האָט ער זיך באטראכט, — „ס'איז זינלאָז צו באהויפטען, אז פרייהייט מוז געהן האנד אין האנד מיט הונגער, אז פרייהייט מוז ברענגען ארימקייט!"...

דאן האָט ער זיך געווענדעט צום אלטען שקלאף:

— הייסט עס, ביי אייך איז קיינער ניטא, וואס זאל קאנען איבערלייענען דאס גריכיש צעטעלע?

— קיינער נישט.

— טא ברענג מיר א טאוועל מיט א גריפעל, איך וועל אנשרייבען עטליכע ווערטער.

בעת ער האט ספארטאק'ן צוגעטראגען א קליינעם טאוועל מיט א פארשארפטען גריפעל, האט ער אנגעשריבען אויף גריכיש א פערז פון האמער'ן:

„צו דיר, אה, קעניגין, קום איך, דער וואגלער, געיאגט פון שיקזאל״ . . .

ער האט דעם אלטען דערלאנגט דעם טאוועל און געזאגט:

— טראג דאס באלד אפ דער דינסט און זאג איהר, אז זי זאל באלד אויפוועקען די ווירטין און איהר דאס איבערגעבען, אניט וועט איהרביידע ניט גוט אפשניידען.

דער אלטער איז אוועק, באקוקענדיג די אומפארשטענדליכע צייכענס.

פון מירדזא'ן האט ספארטאק זיך דערוואוסט, אז וואלעריא האט זיך באזעצט אין איהר אייגענער ווילא ארום טוסקולא און זי וואהנט דארט גאנץ איינזאם; אז מיט'ן גאנצען הארצען פיהלט זי מיט דעם אויפשטאנד פון די גלאדיאטארן, אז זייער יעדער נצחון פרעהט איהר און זי האפט, אז זיי וועלען פאלשטענדיג זיעגען.

דאס אלעס האט אין ספארטאק'ס נשמה ארויסגערופען א שטורם פון געפיהלען. א טיעפע בענקשאפט האט איהם דורכגענומען און ער האט געוואלט אונטער אלע אומשטענדען זיך טרעפען מיט דער דאזיגער נאבעלער פרוי, איהר אויסדריקען זיין דאנקבארקייט פאר איהר מיטגעפיהל און פאר דער באפרייאונג פון זיין שוועסטער. איצט, בעת דער שיקזאל האט צו איהם גענומען שמייכלען און די האפנונגען אויף א פולען זיעג זיינען געווארען גרעסער, האט ער אנגעהויבען גלייבען אז וואלעריא'ס טרוימערייען זיך צו פאראייניגען מיט איהם אויף'ן גאנצען לעבען וועלען קאנען פארווירקליכט ווערען. און פאר וואס ניט? אויב דער קאמף

וועט זיך ענדיגען מיט א פולען נצחון פאר די גלאדיאטארן, וואס קאן זיי שטערען חתונה צו האבען? ווער וועט עס זאגען, אז ס'איז א ערנידערונג פאר א רוימישער מאטראנע חתונה צו האבען מיט א זיעגער, וואס האט געבראכען די רוימישע מאכט?...

יעדענפאלס, ווי די זאך זאל זיך ניט ענדיגען, — א זיעג אדער א דורכפאל, — ער האט פעסט באשלאסען צו זעהן וואלעריא'ן, בארוהיגען זי, ערמוטיגען, איהר זאגען, אז ווען די קריעג וועט זיך ענדיגען מיט א זיעג פאר די שקלאפען וועט אלץ זיין, ווי זי וויל, איהרע האפנונגען וועלען דאן פארווירקליכט ווערען.

דער אויבער־וועכטער איז געקומען צוריק און האט געמאלדען ספארטאק'ן, אז די ווירטין איז שוין אויפגעשטאנען און זי ווארט אויף איהם. זי האט באלד פארשטאנען, אז דאס צעטעלע איז פון ספארטאק'ן און זי האט באלד געהייסען איהם אריינפיהרען.

וואלעריא מעסאלא האט איהם באגעגענט מיט גרויס פרייד. ביידע האבען געהאט וועגען וואס צו דערצעהלען איינער דעם אנדערען. זיי האבען ניט באמערקט, ווי די שעה'ן זיינען געפלויגען און די זון האט גענומען פארגעהן.

ספארטאק האט זיך א כאפ געטאן, אז ער האט זיך צו לאנג פארזעסען און האט גענומען זיך זעגענען מיט איהר.

— בלייב נאך! — האט וואלעריא איהם גענומען בעטען; — איך האב א פארגעפיהל, אז איצט וועל איך דיר שוין ניט אזוי גיך זעהן. און ס'קאן זיין, אז קיינמאל וועל איך דיר שוין מעהר ניט זעהן, — האט זי טרויעריג צוגעגעבען. — ווער וויים, וואס עס ערווארט אונז אין דער צוקונפט?

ספארטאק אליין האט געפיהלט א שארפען וועהטאג, און זיין הארץ איז געווען פארקלעמט פון א בייזען פארגעפיהל. אויך איהם האט זיך געדאכט, אז ער וועט שוין קיינמאל מעהר ניט אריבערטרעטען דעם שוועל פון דעם דאזיגען געמיטליכען צימער, קיינמאל וועט ער מעהר ניט זעהן אט די נאבעלע, שענע רוימערין, וואס איהר שיקזאל איז אזוי מאדנע צונויפגעפלאכטען געווארען מיט זיין שיקזאל.

ער וואלט גערן ערפילט איהר וואונש און וואלט נאך געבליבען

ביי איהר, ער האָט זיך אָבער געמוזט אומקערען צו דער באַשטימ־טער שעה, און ער איז אוועק.

פאַר'ן אוועקגעהן האָט זי אַראָפּגענומען פון איהר האַלז אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן, באַזעצט מיט טייערע שטיינער, און האָט עס אָנגעטאָן אויף איהר פריינד.

— דאָס איז אַ קמיע, וואָס מוז דיר פאַרהיטען פון אַלע געפאַהרען, קעגען וועלכע מיינע טרערען און תפילות זיינען מאַכט־לאָז, — האָט זי געזאָגט מיט טרערען.

ספאַרטאַק האָט געפיהלט, אַז אָט צואוויינט ער זיך, און ער האָט זיך אונטער'געאיילט אוועקצוגעהן.

ער האָט אַ טרייב געטאָן זיין פערד, פונקט אַזוי ווי ער וואָלט געדאַרפט אַנטלויפען פון אַ פאַרפאָלגער. די געשטאַלט פון דער וויינענדיגער וואַלעריאַ, וואָס ער האָט זי איצט צום צווייטען מאָל פאַרלאָזען, ניט קוקענדיג, וואָס זי האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל פאַרבלייבען, האָט איהם פאַרפאָלגט גלייך ווי אַ פאַרוואורף פון געוויסען.

געפינענדיג זיינע חברים אויף דעם באַשטימטען אָרט, איז ספאַרטאַק מיט זיי אוועקגעריטען אין אַקווין, און פון דאָרט האָט ער זיך מיט זיין גאַנצער מחנה אומגעקעהרט אין לאַגער אונטער נאָלאַ, וואו ער האָט באַשלאָסען צו פאַרברענגען דעם ווינטער.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דער צייט וועט וואַריני קיין זאַך ניט קאָנען אונטערנעמען קעגען איהם.

איצט האָט ספאַרטאַק זיך אַרומגעזעהען, אַז דער אַלטער לאַגער איז צו ענג, און ער האָט געהייסען איינאָרדנען אַ נייעם לאַגער, אַ ברייטערען, און איהם אַרומרינגלען מיט אַ טיפען גראַבען און מיט אַ הויכען צוים.

נאָך דעם האָט ספאַרטאַק גענומען אומבילדען זיין אַרמיי. ביז איצט איז זיין חיל געווען איינגעטיילט אין לעגיאָנען לויט די צאָהלען פון די נייע־אָנגעקומענע רעבעלען. איצט האָט ער זיין חיל צוטיילט נאָך די נאַציאָנאַליטעטען. ער האָט אויסגערעכענט מיט דעם צו פאַרגרעסערען די געגענזייטיגע פאַרבינדונג צווישען די סאָלדאַטען און זייער איבערגעבענהייט צום קאָמאַנדיר, וואָס איז

מיט זיי פון איין אָפּשטאַמונג. זיין אויסרעכענונג איז געווען א ריכטיגע. צום באַדויערן האָט ער אָבער דערביי פאַרזעהן, אז די ענגע פאַרבינדונג צווישען די סאָלדאַטען פון איין לעגיאָן האָט פאַרשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלע פאַרשידענהייט פון די סאָלדאַטען פון די אַנדערע לעגיאָנען און האָט געשטערט צו דיסציפּלינירען זיי אונטער דעם איינציגען ווילען פון דעם הויפּט קאָמאַנדיר. אין פאַל פון א אומאייניגקייט צווישען דעם הויפּט קאָמאַנדיר און די קאָמאַנדירען פון די איינצעלנע אַפּטיילונגען, האָבען די לעצטע לייכט געקאָנט איבערטרעטען די דיסציפּלין, פיהלענדיג הינטער זיך די שטיצע פון זייערע סאָלדאַטען.

די פופציג טויזענדיגע אַרמיי פון די גלאַדיאַטאָרען איז איצט איינגעטיילט געוואָרען אין צעהן לעגיאָנען, — צו פינף טויזענד איטליכער.

די ערשטע צוויי לעגיאָנען זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון גערמאַנען אונטער ענאָמאַי׳ס קאָמאַנדע; פיער לעגיאָנען זיינען באַשטאַנען פון גאַללען און זייער קאָמאַנדיר איז געוואָרען קריקס. די לעצטע פיער לעגיאָנען, וואָס זיינען באַשטאַנען פון גריכען, סאַמניטען און פראַקיער, האָבען געבילדעט דעם דריטען קאָרפּוס, און זייער קאָמאַנדיר איז געווען דער אילירייער גראַניק, א מענש פון א יאָהר פינף־און־דרייסיג. ער איז געווען א הויכער און א שלאַנקער, מיט שוואַרצע אויגען און מיט עכט שוואַרצע געקרויזטע האָר, זעהר א שעהנער, ניט קוקענדיג, וואָס די פאַרב פון זיין הויט איז געווען צו טונקעל. שטענדיג א ערנסטער, רוהיגער און שווייגענדיגער, איז ער אין דער איינענער צייט געווען דער שטאַרקסטער און דרייסטעסטער פון אַלע גלאַדיאַטאָרען אין דער ראַווענער שוהל.

פאַר דעם קאָמאַנדיר פון דער קאַוואַלעריע, וואָס איז באַשטאַ־נען פון א דריי טויזענדיגער מחנה, איז באַשטימט געוואָרען דער סאַמניט מאַמילי.

בעת ספּאַרטאַק האָט איצט דורכמושטירט די אויפ׳ס ניי איינגעאָרדענטע אַרמיי, האָבען אַלע דריי און פופציג טויזענד שקלאַפען, וואָס אַ דאַנק זיין ענערגיע, זיינען זיי פאַרוואַנדעלט

געוואָרען אין אַ אומבאַזיגבאַרער ארמיי, איהם באַגריסט מיט הילכיגע אויסגעשרייען פון ענטציקונג:

— עהרע, עהרע דעם גרויסען ספּאַרטאַק!

נאָך דעם האָבען די טראָמפּייטער אויסגעשפּיעלט דעם פרייהייטס הימן, וואָס איז געוואָרען דאָס מיליטערישע ליעדעל פון די גלאַדיאַטאָרן.

בעת די לעצטע קלאַנגען פון הימן זיינען פארשוואונדען אין דער לופט, האָט ענאָמאַי, וואָס איז געזעסען אויף זיין גרויסאַרטיגען פערד, אויסגעשריען איבער׳ן גאַנצען פעלד:

— חברים! הערט אויס וואָס איך וועל אייך זאָגען!

ס׳איז געוואָרען גאַנץ שטיל, און ער האָט פאָרטגעזעצט:

— אויב אונזער חיל איז איינגעאָרדענט אויפ׳ן רוימישען שטייגער, פאַר וואָס טראָגט אונזער הויפּט־קאָמאַנדיר איינפאַכע קליידער פון אַ סאָלדאַט? פאַר וואָס האָט ער ניט קיין עהרען־צייכענס פון אַ רוימישען קאָנסול?

— אימפּעראַטאָר־רעגאַלען פאַר ספּאַרטאַק׳ן! — האָט קריקס אויסגעשריען.

און אַלע גלאַדיאַטאָרן האָבען ווי אַ עכאָ ווידערהאָלט:

— אימפּעראַטאָר־רעגאַלען פאַר ספּאַרטאַק׳ן!

— חברים און ברידער אין אומגליק! — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט, — פון גאַנצען הארצען דאַנק איך אייך פאַר דער אויפ־מערקזאַמקייט וואָס איהר ווייזט מיר ארויס, איך פארלאַנג אָבער ניט קיינע אויסצייכענונגען און קיינע כיבודים. ניט צוליעב אויס־צייכענונגען האָבען מיר זיך גענומען פאַר די וואָפען, ניט צוליעב דעם, אַז אימיצער פון אונז זאָל דערהויבען ווערען, פיהרען מיר קריעג, נאָר כדי צו עראָבערן אַלגעמיינע פרייהייט און גלייכהייט.

— דו ביזט אונזער אימפּעראַטאָר! — האָט אויסגעשריען ספּאַרטאַק׳ס איבערגעבענער פריינד דער סאַמניט רוטילי; דיינע זיעגען האָבען דיר געמאַכט פאַר אונזער אימפּעראַטאָר, דיין קלוג־שאַפט, דיין גבורה און אַלע דיינע גרויסע העלדענטאַטען! אויב דיין באַשיידענהייט שטערט דיר אָנצונעמען די פאַרדינטע כיבודים, מוזטו דאָס אָבער טאָן פאַר׳ן כבוד און פאַר דער גדולה פון אונזער

ארמיי און פון אונזער פאהן. א פורפור מאנטעל און ליקטאָרן פאר ספארטאק'ן! — האט ער צום שלוס אויסגעשריען.

— א פורפור מאנטעל און ליקטאָרן פאר ספארטאק'ן! א מאנטעל און ליקטאָרן! — האָבען די גלאַדיאטאָרען גענומען שרייען.

— די רוימישע ליקטאָרן וואָס זיינען גענומען געוואָרען אין פלען ביי אקווין! — האָט קריקס אונטערגעזאָגט.

זיין פאָרשלאג האָט ארויסגערופען א גאנצען שטורם פון אפּלאָדיסמענטען.

צווינגען די רוימישע ליקטאָרן, וואָס האָבען באוואכט די באריהמטעסטע פון די רוימישע ארמיי־פיהרער — מאריוס'ן סוללא'ן און פאָמפּעין, זיי צווינגען צו געהן פאָראויס און באוואכען דעם פיהרער פון די גלאַדיאטאָרן. — האָט מען דען געקענט אויסטראכטען נאָך א גרעסערע ערנידערונג פאר דעם שטאָלץ פון די רוימער? האָט מען דען געקענט געפינען נאָך א גרעסערען באוויז פון דעם זיעג איבער זיי?

ניט קוקענדיג אויף זיין פּראָטעסט, איז ספארטאק געוועזען געצוואונגען נאָכצוקומען דעם ווילען פון זיינע חיל און אָנטאָן א זילבערנעם פאנצער מיט א זילבערנעם שלעם, וואָס קריקס האָט פאר איהם געלאָזט מאכען אין פּאָמפּעא, זיך ארומגארטלען מיט א ברייטען שפּאנישען שווערד, וואָס זיין גאָלדענע הענטעל איז געוועזען געזעצט מיט טייערע שטיינער, און אָנטאָן א פורפור מאנטעל מיט א גאָלדענעם בּאָרט.

בעת ספארטאק האָט זיך געוויזען פאר זיינע לעגיאָנען אין די קליידער פון א רוימישען ארמיי־פיהרער אויף זיין שווארצען פערד, וואָס איז געוועזען באדעקט מיט א פּראכטפולער בלויהער זאָטעלדעקע, געפוצט מיט זילבער, איז ווידער אמאָל דאס גאנצע פעלד פארהילכט געוואָרען פון אפּלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען פון ענטציקונג.

— לעבען זאָל ספארטאק דער אעמפּעראטאָר!

צוויי פרויען האָבען מיט אומבאהאלטענער ענטציקונג געקוקט אויף דעם פיהרער פון די גלאַדיאטאָרן, וואָס האָט איצט אויסגעזעהען אזוי שעהן און מאיעסטעטיש, אז זיי האָבען זיך ניט

געקאָנט אָפּוואונדערען. די צוויי פרויען זיינען געווען מירדזא און עווטיבידאַ.

אָבער בעת מירדזא'ס קינדערש־אומשולדיגע בלויהע אויגען האָבען אויסגעדריקט נאָר פרייד, האָט מען אין עווטיבידא'ס אויגען געקאָנט איבערלייענען באַהאַלטענע קנאה.

די דאָזיגע גריכין איז ניט דערפאַר געקומען אין גלאַדיאַטאָרישען לאַגער און האָט אוועקגעגעבען גאָר איהר געלד, אום צו זיין א דיענסט ביי ספּאַרטאַק'ן. האָט דען איהר שטאָלצע נשמה, וואָס איז געווען געוואָהנט צו באַפעהלען, זיך געקאָנט צופרידענשטעלען מיט אזא באַשיידענע ראָלע ? געוויס, ניט וועגען דעם האָט עווטיבידא געטרוימט, בעת זי האָט מיט אזא אויסדויער און עקשנות זיך געלערנט פעכטען און רייטען. זי האָט געוואָלט זיין גלייך מיט איהם, מיט דעם דאָזיגען אויסערגעוועהנליכען מענשען, וואָס איהם האָט זי געהאַלטען העכער פון אַלע מענשען, וואָס זי האָט באַגעגענט ; זי האָט געוואָלט זיך טיילען מיט איהם אַלע זיעגען און אויסצייכענונגען, זיין מיטהעלפערין, זיין פרוי, און ניט א סאָלדאַט וואָס מוז זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניג.

ווי גליקליך זי וואָלט דעמאָלט געווען ! מיט וואָסער מוט און פעסטקייט זי וואָלט איבערגעטראָגען אַלע שווערקייטען פון לעבען אויף די שלאַכט־פעלדער ! מיט וואָסער אומדערשראָקענהייט זי וואָלט זיך דאָס געוואָרפען אין שלאַכט מיט'ן שונא און זיך געשלאָגען זייט ביי זייט מיט דעם דאָזיגען מעכטיגען און אומדערשראָקענעם מענשען, זיעגען אָדער שטאַרבען צוזאַמען מיט איהם פאַר דער גרויסער זאַך, וואָס איהר האָט ער געווידמעט גאָר זיינע קרעפטען, זיין גאַנצען לעבען ! וואָלט עס ניט געווען א גרויס גליק ? נאָר אַזאַ אויסערגעוועהנליכעס גליק האָט געקאָנט צופרידענשטעלען די שטאָלצע, דרייסטע און עהרגייציגע גריכין.

ביז איצט האָט דאָס לעבען איהר ניט צופרידענגעשטעלט. כאָטש די עראַינערונגען וועגען די שווערע יאָהרען פון שקלאַפעריי, וואָס האָבען פאַרגיפטעט איהר יוגענד, זיינען באַדייטענד פאַרבלאַסט געוואָרען אין איהר געדעכטניס ; כאָטש דאָס שפּעטערדיגע לעבען אויף דער פרייהייט האָט געשטראָמט אין לוקסוס און

אין פארגניגען, פונדעסטוועגען האט עווטיבידא זיך ניט געפיהלט גליקליך. אמת, איצט איז איהר לאגע אין דער געזעלשאפט געווען אזא, אז דער גאנצער רוימישער אדעל האט געהאלטען פאר א גליק צו פארברייגגען אין איהר פראכטפולען פאלאץ און דאס האט איהר פיעל פארגיטיגט פאר די יאהרען פון שקלאפעריי. אבער דער גרעסטער טייל פון די דאזיגע מענשען זיינען געווען אזעלכע נישטיגע און באשרענקטע, אז זייער געזעלשאפט האט אויף איהר אנגעוואָרפען אן אומעט.

בעת עווטיבידא האט דערזעהען ספארטאק'ן אין צירק, איז זי ענטציקט געוואָרען פון זיין גבורה און האט באלד דערפיהלט, אז צווישען איהם און יענע, וואס קומען צו איהר אין פאלאץ, ליגט א גאנצער אפגרונד. איהר האט זיך פארוואלט זיך צו באקאַנען מיט איהם, איהם פארבעטען צו זיך. דאס האט זיך איהר אבער ניט איינגעגעבען. שפעטער איז ער איהר פון זינען ארויס.

בעת דער אויפשטאנד האט זיך אנגעהויבען, און די ידיעה וועגען דער העלדישער פארטיידיגונג אויפ'ן בארג וועזואוויוס האט דערגרייכט עווטיבידא'ן, איז די געשטאלט פון דעם העלדישען פראקיער, וואס האט זי איבערראשט אין צירק, ווידער אויפגע־שוואומען פאר איהרע אויגען און א אומדערקלערליכע קראפט האט זי געצויגען צו איהם.

דאן האט זי באשלאסען איהם צו ווידמען איהר גאנצען לעבען, פונקט אזוי ווי ער האט זיין לעבען געווידמעט אלע געדריקטע און אומגליקליכע, און זי איז געקומען אין גלאדיאטארישען לאגער.

ווי געוואָהנט זי איז ניט געווען צו לוקסוס און באקוועמליכ־קייטען, אבער א דאנק איהר אייזערנעם ווילען איז זי גיך צוגע־וואהנט געוואָרען זיך צו באגעהן אהן דעם ; זי האט גאר ניט געוואלט האבען מעהר וואוילטאג, ווי ספארטאק האט געהאט.

זעהר אפט האט זי געטרוימט, אז ספארטאק וועט צולעצט אפשאצען איהר אויסדויער, איהר זעלבסט־אויפאפפערונג, איהר העלדישקייט אין שלאכט און ער וועט איהר זאגען :

— יא, עווטיבידא, דו בינסט ווירקליך א אויסערגעוועהנליכע פרוי ! נאר דו בינסט ווערט צו זיין ספארטאק'ס פרוי...

עווטיבידא'ן האט זיך שטארק געוואלט וואס גיכער זיך אויס־

צוצייכענען און זי האָט געהאט א סך פארדרוס, וואָס ספארטאק, ניט אכטענדיג וואָס זי האָט זיך ביי איהם געבעטען, האָט ער זי איבערגעלאָזט אין לאגער צוזאמען מיט מירדזא׳ן, בעת ער אליין איז אוועק אין שלאכט, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דעם אקווינער זיעג!

און איצט, קוקענדיג מיט ענטציקונג אויף ספארטאק׳ן, וואָס איז אזוי דערהויבען געוואָרען פון זיינע סאָלדאטען, האָט די שטאָלצע גריכין געטרוימט וועגען דעם, ווי זי וועט ערגאָבערן דעם דאָזיגען מעכטיגען מענשען, ווען זי וועט איהם מאכען אונטער־טעניג צו זיך און וועט איהם צווינגען צו ערפילען אלע איהרע באגעהרען, פונקט אזוי ווי זי האָט אנדערע געקאָנט צווינגען. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דער דאָזיגער שרעקלאָזער העלד געהט זיעגרייך אריין אין רוים, און אין רייהע מיט איהם, אין טריאומף רייט־וואָגען, זיצט זי, עווטיבידא, וואָס האָט א גלייכען חלק אין אלע זיינע העלדישע אויפטואונגען און וואָס פארדינט, אז איהר נאָמען זאָל צולעצט פאַרצייכענט ווערען אין דער געשיכטע צוגלייך מיט ספארטאק׳ס נאָמען.

איהרע טרוימעריי ען זיינען איבערגעריסען געוואָרען פון נייע אויסגעשרייען, וואָס האָבען פארהילכט דעם גאנצען טאָל ארום. דאָס האָבען די גלאדיאטאָרען באגריסט דאָס אָנקומען פון די ליקטאָרן פון פרעטאָר פובלי וואריני, וואָס האָבען פון איצטער אָן געמוזט ווערען ספארטאק׳ס ליקטאָרן.

ספארטאק איז אראָפּגעקראָכען פון פערד און אין דער באגלייטונג פון קריקס׳ן, גראניק׳ן און ענאָמאיע׳ן האָט ער גענומען רעווי־דירען זיינע לעגיאָנען. די ליקטאָרן זיינען געגאנגען פאָראויס ערגידעריגטע און טרויעריגע. איינער פון זיי האָט באזונדערס איבערראשט מיט זיין באדריקטען, טרויעריגען אויסזעהן.

דאָס איז געוועזן אן אלטער מאן שוין איבער זעכציג, א הויכער, א דארער, מיט גרויהע האָר, מיט א ברייטען סטרופ אויפ׳ן שטערן. זיין נאמען איז געוועזן סימפליציאָן.

— וואָס פאר א שאנד! וואָס פאר א שאנד! — האָט ער געמורמעלט צו זיך.

קענטיג, אז פאר דעם דאָזיגען אלטען שטאָלצען מאַן איז שווער געווען אריבערצוטראָגען אזא שאַנד.

נאָך דער רעוויזיע, בעת מ'האָט די ליקטאָרן אָפּגעפיהרט צוריק אין זייער ביידעל, האָט סימפּליציאָן אויסגעשריען:

— איך שווער ביי אלע געטער פון הימעל און העל, אז איך וועל אזא שאַנד ניט טראָגען אויף זיך, איך וועל זיך פון דער חרפּה באפרייען, ווי אַ אמת'ער רוימער!

איידער זיינע חברים האָבען נאָך באוויזען זיך ארומצוקוקען, האָט סימפּליציאָן זיך אריינגעשטאָכען אַ שפּיז אין הארצען.

— לאָזט מיר דורכגעהן! — האָט אַ געשריי געטאָן ספּארטאַק, וואָס איז אין דער זעלביגער מינוט פארבייגעגאנגען פארביי דעם ביידעל און האָט געהערט סימפּליציאָן'ס ווערטער.

די ליקטאָרן און די גלאדיאטאָרען, וואָס האָבען זיי באוואכט, האָבען זיך פאנאנדערגערוקט און ספּארטאַק האָט דערזעהן אַ שרעקליכע בילד.

איף די קופּע שטרוי איז סימפּליציאָן געלעגען אָפּגעגאָסען מיט בלוט. דער שאָטען פון טויט האָט געשווינד באדעקט זיין שטרענגען פּנים, וואָס דאָס באוואוסטזיין פון ערפילטער פליכט האָט איהם צוגעגעבען עפּעס־וואָס ערהאבענעס, פייערליכעס.

— וואָס האָסטו געטאָן, אלטער! — האָט ספּארטאַק אויסגעשריען מיט טיפען מיטלייד, — פאר וואָס האָסטו זיך ניט געווענדעט צו מיר? אַ שטארקער פארשטעהט אַ שטאַרקען. איך וואָלט דיר פארשטאנען און באפרייט.

— שקלאפען קאָנען ניט פארשטעהן קיין פרייע מענשען, — האָט דער שטארבענדער געזאָגט מיט אַ שוואכער שטים.

ספּארטאַק האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— בין איך דען ניט געווען אזא פרייער מענש, ווי דו בינסט, איידער פּראקיען איז באזיעגט געוואָרען? און בינסטו דען ניט געוואָרען אַ שקלאף נאָך דער אקווינער שלאכט?

— בארבאַר, דו ווייסט ניט, אז די אומשטערבליכע געטער... האָבען באַשטימט, אַז רוים... זאָל זיין די וועלט־הערשערין... אַ רוימישער ליקטאָר, וואָס האָט געדיענט מאריוס'ן און סוללא'ן...

יועט זיך ניט פאראומרייניגען און דיענען א פארהאסטען גלאדיאטאָר.

זאָגענדיג דאָס האָט ער פארוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטען און ארויסגעלאָזט דעם לעצטען אָטעם.

— א משוגענער זקן! — האָט איינער פון די גלאדיאטאָרען געזאָגט.

— א גרויסער זקן! — האָט איהם ספארטאק פאררייכט, — אָט אזעלכע בירגער איז רוים פארפליכט מיט איהר נצחון איבער אַלע פעלקער!

14־טער קאפיטעל.

דער נסיון.

דער פריהלינג איז אנגעקומען.

אויפ'ן ריין בלויהען הימעל האט העל געשיינט די בלענדענדע זון, וואס האט באגאסען די ערד מיט איהרע הייסע שטראהלען און האט גערופען צום לעבען יעדע פליגעלע און יעדען גרעזעלע. די גרין באקליידעטע לאנקעס און וועלדער זיינען פארהילכט געווא־רען פון טויזענדער פויגעל־שטימען, אין דער לופט האבען געפלא־טערט אלערליי שמעטערלינגען, וואס זיינען באלעבט געווארען פון דער פריידיגער זון. ס'האט זיך געדאכט, אז די גאנצע נאטור האט זיך געפרעהט און געזונגען מיט טויזענדער שטימען, וואס האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין ליבּ־געזאנג צום פריהלינג צו דער זון, וואס האט געבראכט לוסט און פריינד.

און די חילות פון די רוימער און די גלאדיאטארן זיינען ווידער געגאנגען איינע אויף די אנדערע, כדי אנצוטרינקען מיט מענשליך־בלוט די גרינע פעלדער פון איטאליען.

דאס מאל איז דער פעלדמארשאל פון די רוימער געווען פרעטא־ אנפידי ארעסט, וואס איז באשטימט געווארען אויף ווארינימ'ס ארט.

ער איז שוין געווען א באאהרענטער מענש, ניט ווייניגער ערפאהרען אין קריעגס זאכען, ווי וואריני, נאר מיט מעהר פאר־שטאנד פון איהם.

דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען די פיינדליכע צדדים האט די גלאדיאטארן ניט אפגעגליקט; זיי איז אויסגעקומען אפצוטרעטען צו פארמי. דא האט ספארטאק ערווארט א נייעם

אַנפּאַל, מיינענדיג, אַז דער ערפאָלג פון די רוימער וועט זיי ערמוטי־גען פאַרטצוזעצען זייער אַנדראַנג. אָבער אומזיסט האָט ער אָפּגע־וואַרט איבער צוויי וואָכען. דעם ווייט־זעהענדיגען אַנפּידי'ן האָט מען ניט אַזוי לייכט געקאָנט אָפּנאַרען.

דאַן האָט ספּאַרטאַק זיך באַנוצט מיט איינער פון יענע מילי־טערישע כיטרעקייטען, וואָס יעדער גרויסער אַרמיי־פיהרער האָט שטענדיג גרייט.

ביינאַכט איז ער שטילערהייד אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער מיט אַכט לעגיאָנען, איבערלאָזענדיג ענאָמאַי'ען מיט די איבריגע צוויי לעגיאָנען און מיט קאַוואַלעריע.

די גאַנצע נאַכט איז ער געגאַנגען לענג אויס דעם ים־ברעג, פאַרנעמענדיג מיט זיך אַלע מענשען, וואָס ער האָט געטראָפען אויפ'ן וועג, כדי זיי זאָלען ניט קענען אָנזאָגען די רוימער וועגען זיין צוג.

אויף אַזאַ'ן אופן האָט איהם אָפּגעגאָלטען אַרומצוגעהן דעם שונא און אויפצושטעלען זיין לאַגער הינטער דעם שונא'ס רוקען.

מ'קאָן זיך פאַרשטעלען די ערשטוינונג פון אַנפּידי'ן און זיינע סאָלדאַטען בעת זיי האָבען עטליכע מייל פון זיך גאָר אומגעריכט דערזעהן, אַז פון הינטער'ן וואַלד ציהען זיך די גלאַדיאַטאָרשע לעגיאָנען.

אַנפּידי האָט זיך דערוואוסט פון זיינע אויסזעהער, אַז אויסער דעם דאָזיגען לאַגער האָבען די גלאַדיאַטאָרן אויך פאַרנומען צוויי באַפעסטיגטע פּאָזיציעס פון ביידע זייטען אַפיער וועג. איין פּאָזי־ציע האָט געהאַלטען קריק'ס מחנה, די צווייטע — גראַניק'ס מחנה, און ספּאַרטאַק אַליין האָט זיך באַפעסטיגט ביים זוים פון טעראַ־ציניש־ען וואַלד.

אויף אַזאַ'ן אופן זיינען די רוימער פון דריי זייטען געווען אַרומגערינגעלט און ווילענדיג צו ניט ווילענדיג האָבען זיי געמוזט מאַכען אַן אַנפּאַל אויף איינעם פון דעם שונא'ס דריי לאַגערן, אויב זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צוליעב הונגער.

די רוימישע לעגיאָנען זיינען אַראָפּגעפאַלען פון מוט. אין אָנהויב האָבען די סאָלדאַטען געבורטשעט אין דער שטיל, דערנאָך

האָבען זיי אָפען גענומען באַשולדיגען דעם פּרעטאָר אין אומפעהיג־קייט און פייגהייט.

דאַן האָט דער פּרעטאָר באַשלאָסען זיך צו באַנוצען מיט דער פאַרמיטלונג פון די פּריסטער. נאָך די איגנעווייידען פון די הייליגע חיות, וואָס מען פלעגט מקריב זיין צו די געטער, האָבען די אווגור׳ן פאָראויסגעזאָגט אַ זיעג.

דאָס האָט באַלד ערמוטיגט די אומוויסענדע און אבערגלויביגע סאָלדאַטען. זיי האָבען באַלד אויפגעהערט זיך באַקלאָגען און האָבען ווידער געקראָגען צוטרוי צו זייער קאָמאַנדיר.

אַנפּידי האָט זיך געאיילט צו באַנוצען מיט דער גוטער שטימונג פון זיינע לעגיאָנען און האָט זיי געפיהרט צום אָרט, וואו קריקס איז געשטאַנען.

קריקס, וואָס איהם האָט ספּאַרטאַק שוין פון פריהער געוואָרנט, האָט נאָך ביינאַכט זיך צוגעגרייט: ער האָט אויסגעשטעלט זיינע לעגיאָנען אין אַ מיליטערישער אָרדענונג און ערוואַרט אַן איבערפאַל.

אָבער, ניט אַכטענדיג אויף דעם פאַרצווייפעלטען ווידער־שטאַנד פון זיינע סאָלדאַטען, וואָס האָבען העלדיש געקעמפט, זיי־נען איבער אַכט הונדערט פון זיי געפאַלען אין שלאַכט, איידער ספּאַרטאַק האָט באַוויזען אונטערצוקומען זיי צו הילף, און נאָך איהם ענאָמאַי און גראַניק.

זייער אָנקומען האָט באַלד געענדערט דעם גאַנג פון דער שלאַכט. דער שיקזאַל פון די רוימער איז געווען באַשטימט.

איבער זיבען טויזענד פון זיי זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, און אַרום פיער טויזענד זיינען גענומען געוואָרען אין פּלען. בלויז די קאַוואַלעריע איז געבליבען גאַנץ. כמעט אָהן פאַרלוסטען האָט זי אָפּגעטראָטען צו פּיווערן, וואו עס האָבען זיך ביינאַכט פאַרזאַ־מעלט די רעשטלאַך פון דער רוימישער צושלאָגענער אַרמיי.

אויף מאָרגען באַגינען, בעת די גלאַדיאַטאָרן האָבען באַערדיגט זייערע טויטע, האָט אַנפּידי אָרעסט זיך אונטערגעאיילט אָפּצוציהען מיט די רעשטלאַך פון זיין חיל.

אָט אַזוי טרויעריג האָט זיך געענדיגט דער נייער צוג פון די רוימער אויף ספּאַרטאַק׳ן. דער נאָמען פון גלאַדיאַטאָרשען הויפּט־

קאמאנדיר האָט גענומען שרעקען רוים און דער סענאַט האָט זיך ערנסט פארטראכט וועגען דער לאַגע. אין א פּאָר טעג ארום האָט דער סענאט צוזאמענגערופען א געהיימע זיצונג, וואו עס איז אויפגענומען געוואָרען די פראגע וועגען דעם, ווי אזוי צו מאכען א סוף פון אויפשטאנד, וואָס האָט זיך צוּוואוקסען אין א אמת'ער מלחמה און וואָס האָט געמאכט צו שאנד די רוימישע ארמיי.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס די סענאַטאָרען האָבען באַשלאָסען. מ'האָט נאָר געוואוסט, אז אין דער דאָזיגער נאכט איז דער קאָנסול וואראָן לוקול, איבערגעטאָן אין איינפאכע קליידער, ערגעץ וואו אוועק פון רוים, באגלייט פון עטליכע דיענער.

אין צוויי מאָנאטען ארום נאָך זיין לעצטען נצחון איז ספּאר־טאַק געשטאַנען אין אַפּולי, לעבען ווענאָז, וואו ער האָט איינגע־מוּשטירט צוויי נייע לעגיאָנען.

איינמאָל אין דער פריה האָט מען איהם געמאָלדען, אז אין זיין לאַגער איז אָנגעקומען א שליח פון רוימישען סענאט.

— אָהאָ ! — האָט אויסגעשריען דער פארוואונדערטער ספּארטאק. — ווי נידריג דער רוימישער שטאָלץ איז געפאלען, ווען דער סענאט שעמט זיך ניט צו שיקען א שליח צו א פאראַכטעטען גלאדיאטאָר !

אין ער האָט געהייסען אריינפיהרען דעם שליח פון סענאט.

מ'האָט איהם אריינגעפיהרט מיט פארבונדענע אויגען, פּונקט אזוי ווי די פיער פארשוינען, וואָס האָבען איהם באגלייט.

— רוימער, דו בינסט איצט אין אונזער לאַגער, דו שטעהסט פאר אונזער פיהרער, — האָט מען געזאָגט צום שליח.

— איך באַגרים דיר, ספּארטאק ! — האָט דער רוימער געזאָגט מיט ווירדע, מאכענדיג מיט דער האנד א באגריסונגס זשעסט.

— און איך באַגרים דיר אויך, — האָט ספּארטאק געענטפערט.

— איך דארף מיט דיר ריידען אויג אויף אויג.

— אָט באַלד וועלען מיר בלייבען זאלבענאנד, — האָט ספּארטאק געזאָגט און האָט זיך געווענדעט צו די ארומיגע גלאדיאַ־טאָר'ען : — פיהרט אוועק די באַגלייטער פון סענאט־שליח אין א

באזונדער ביידעל, בינדט זיי אפ די אויגען און שטעלט זיי א פיינעם כיבוד.

בעת אלע זיינען אוועק, האט ספארטאק איהם אפגעבונדען די אויגען און געבעטען זיצען.

אבער דער שליח האט עפעס אזוי ווי ניט געהערט, וואס ספארטאק האט צו איהם גערעדט. ווי א פאר'כישוף'טער איז ער געשטאנען אומבאוועגליך, קוקענדיג ערגעץ־וואו אין א זייט האלב פאר־וואונדערט, האלב ענטציקט.

ספארטאק האט זיך באנוצט מיט דעם דאזיגען מאמענט און האט איהם אויפמערקזאם באקוקט פון קאפ ביז די פיס. ער האט זיך באכ־יהט צו טרעפען, ווער ער איז דער דאזיגער הויכער, מאיעסטעטישער אלטער מאן, מיט זיין שטאלצער האלטונג און זעלבסט־פארטרויטען הויכמוטיגען בליק? די ברייטע פורפור טאסמע, מיט וועלכער זיין טוניק איז געווען באפוצט, האט עדות געזאגט וועגען דעם, אז ער שטאמט פון אדעל־לייט.

— איך שווער ביי די געטער, נאר ביי מאריוס'ן האב איך געזעהן א עהנליכען לאגער! — האט דער דאזיגער פאטריצי אויסגעשריען מיט אומבאהאלטענער ענטציקונג.

— אבער יענער לאגער איז דאך געווען א רוימישער, ניט א בארבארישער! — האט ספארטאק באמערקט מיט א ביטערער איראניע

— כאטש מיר, רוימער, זיינען שטאלץ, פון דעסטוועגען שיזערט אונז דאס ניט אומפארטייאיש צו אורטיילען וועגען אונזערע שונאים — האט דער אומבאקאנטער איהם אפגעענטפערט.

— איך שווער ביי הערקולעס'ן, אז דו בינסט געבארען געווארען ניט צו זיין א גלאדיאטאר!

— ניט איך, און ניט קיין אנדערער פון אלע יענע אומגליקליכע, מיט וועמענס טויט איהר פארווילט זיך אין צירק, איז געבארען געווארען פאר שקלאפעריי.

די דאזיגע באמערקונג איז דעם רוימער ניט געפעלען געווארען, און ער האט גענומען באווייזען, אז שקלאפעריי איז אלעמאל געוועזען און וועט זיין, אז דאס רעכט פון שטארקען איז א פאלשטענ־

ייג געזעצליך רעכט, אז די באזיענטע ווערן דאס אייגענטום פון זיעגער, און ער קאן מיט זיי טאן, וואס ער וויל.

זעהענדיג, אז ס'איז נוצלאז זיך אריינצולאזען מיט איהם אין א דיסקוסיע, האט ספארטאק באלד איבערגעביטען די טעמע פון געשפרעך.

— ווער בינסטו און מיט וואס פאר א שליחות בינסטו אהער געקומען ? — איז ספארטאק גראד איבערגעגאנגען צום ענין.

— איך בין דער רייטער רוף ראללא, — האט אביסעל פארווירט געענטפערט דער רוימער, וואס איז געבליבען א געפלעווער־טער פון דער אומערווארטעטער פראגע. — דער קאנסול ווארראן לוקיל האט מיר געשיקט צו דיר מיט צוויי אויפטראגען.

— נעמליך ? — האט מיט א קוים באמערקבארען שמייכעל געפרעגט ספארטאק, וואס האט פארשטאנען, אז פאר איהם שטעהט דא ניט קיין אנדערער, ווי דער קאנסול אליין.

— ער שלאגט דיר פאר, קודם כל, א געוויסע סומע געלד, מיט דער באדינגונג, אז דו זאלסט איהם אומקעהרען די פיער טויזענד רוימער, וואס דו האסט גענומען אין פלען.

— און דאן ?

— צוערשט ענטפער מיר אויף מיין ערשטען פארשלאג.

— איך וועל אייך אומקערען די געפאנגענע, ווען איהר וועט מיר פאר זיי געבען צעהן טויזענד שפאנישע שווערדען, אזוי פיעל פאנצערס, אזוי פיעל רינג־פאנצערס און הונדערט טויזענד ווארף־שפיזען.

וואס רעדסטו ! — האט דער שליח געזאגט מיט אויפרע־גונג, — דו ווילסט, אז מיר אליין זאלען באוואפענען אונזערע שונאים ?

— יא, און דערצו וויל איך נאך, אז די וואפען זאלען זיין פון בעסטען זארט. א חוץ דעם מוזט איהר דאס אלעס מיר צושטע־לען ניט שפעטער ווי אין צוואנציג טעג. אנדערש וועל איך אייך ניט אומקערען די געפאנגענע. איך וואלט אליין געקאנט באשטע־לען די אלע זאכען, נאר דאס וואלט צו לאנג געדויערט און עס

וואָלט ניט געווען באַקוועם. איך מוז וואָס גיכער באַוואָפענען
צווייַ נייע לעגיאָנען.

אָט טאַקע דערפאַר ווערסטו פון אונז קיין וואָפען ניט
קריגען ! — האָט געענטפערט דער ווילד־געוואָרענער רוימער. —
ווייסטו דען ניט, אַז מיר זיינען פעהיג אויף אַלע מעגליכע קרבנות,
כדי ניט צו שאַדען אונזער פאַטערלאַנד און ניט צו געבען קיין
פאַרצוג דעם שונא ?

— אין פאַרלויף פון צוואַנציג טעג וועט איהר מיר שיקען
וואָפען, — האָט ספּאַרטאַק רוהיג איהם אָפּגעענטפערט.

— דו וועסט עס ניט קריגען ! — האָט דער שליח געענט־
פערט קוים איינהאַלטענדיג דעם כעס.

— וועלען מיר זעהן. איצט וואָלט איך געוואָלט וויסען דעם
צווייטען אויפטראַג, וואָס דער קאָנסול וואַראָן לוקול האָט דיר
געגעבען.

דער רוימער האָט ניט באַלד געענטפערט. קענטיג, אַז ער
האָט געמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונג, כדי איינצוהאַלטען דעם
כעס און צו ריידען רוהיג. אין דערזעלביגער צייט האָט זיך
געדאַכט, אַז ער באַקלערט, אין וואָסער פאָרמע אויסצודריקען זיין
געדאַנק.

ספּאַרטאַק האָט איהם באַאָבאַכטעט, און אַ קוים באַמערק־
באַרער שפּאָט האָט געשוועבט איבער זיינע ליפּען.

צולעצט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָנגעטאָן אַ כח, האָט
דער אַלטער געזאָגט :

— דער קאָנסול האָט מיר באַאויפטראַגט דיר פאַרצושלאָגען
אַוועקצולייגען די וואָפען.

— אָ, אָ ! און אויף וועלכע באַדינגונגען ? — האָט אויס־
געשריען דער פאַרוואונדערטער ספּאַרטאַק ?

— ווי אונז איז באַוואוסט, קלייבסטו זיך חתונה צו האָבען
מיט אַ נאָבעלער רוימישער מאַטראָנע.

וואָס געהט עס אייך אָן ! — האָט ספּאַרטאַק צאָרנדיג
איהם איבערגעשלאָגען.

— ערלויב נאָר, ערלויב ! — האָט דער פּאַטריצי אויך מיט

בייזקיים איהם ערווידערט: — וואלעריא שטאמט פון אן אלטער יחוס'דיגער משפחה. אזא שידוך פאר איהר באטראכט דער סענאט פאר ניט אנשטענדיג. אויב דו ווילסט זי זאל זיין דיין ווייב, מוזטו האבען א ראנג ניט נידעריגער פון קוועסטער אדער פרעפעקט. און אזא ראנג קאנסטו באקומען פון רוימישען סענאט, ווען דו וועסט אוועקלייגען די וואפען און מעהר קיין מלחמה ניט פיהרען מיט אונז. דו קאנסט זיך איצט אויסקלייבען איינס פון דיביידע: אויב די ווילסט זיך אויסצייכענען אויפ'ן מיליטערישען געביט, וועסטו דיענען אלס קוועסטאר אונטער דער קאמאנדע פון פאמפעי'ען; און אויב דו וועסט וועלען פארברייגגען א רוהיג לעבען, קאנסטו דיענען אלס פרעפעקט אין וועלכער אפריקאנישער שטאדט דו וועסט אליין וועלען.

— און מיינע חברים? — האט ספארטאק געזאגט, אפמעס־טענדיג דעם רוימער מיט אזא בליק, אז יענער איז געווארען אפהענ־דיג, ניט זייענדיג בכח אויסצוהאלטען אזא שטרענגען פייערדיגען בליק.

— זיי וועלען מוזען זיך פאנאנדערגעהן: די שקלאפען וועלען זיך אומקעהרען אין זייערע געפענגניסען, און די גלאדיאטארען אין די שוהלען.

— און מיט דעם וועט זיך אלעס ענדיגען?

— דער סענאט פארגעסט און איז מוחל.

— א, ווי גרויסמוטיג ער איז!

— וואס נאך ווילט איהר? דער סענאט האט דאך געקאנט אייך אלעמען אומברייגגען, און אנשטאט דעם איז ער אייך מוחל. איז דאס אייך אויך וועניג?

— א, פארקעהרט, נאך צופיעל! דער סענאט איז מוכל א שונא — א זיעגער, א שונא אין פולער באוואפענונג! געוויס איז דאס א ביישפיעללאזע גרויסמוט!... און וואס דארף איך זאגען מיינע חברים? פריינד מיינע, איך זעה, אז איהר האט א טעות געהאט; אונזערע זיעגען זיינען גארניט געווען קיין זיעגען, פארקערדט, דאס זיינען גאר געווען מפלות. און דארום קעהרט זיך ווידער אום צו אייערע הארען און טוט ווידער אן די קייטען,

די שקלאַפען־קייטען !... שעהן וועל איך אויסזעהן אין זייערע אויגען !

— איז ביי דיר גאַרנישט ווערט די עהרע, וואָס מען וועט דיר צוטיילען, דיר, א בארבאר ? פון א פארהאסטען רודיארי ועסטו ווערען א קוועסטאר אָדער א פּרעפעקט. דערצו נאָך וועסטו קריגען פאר א ווייב א אנגעזעהענע רוימישע מאטראָנע.

— און מיט וואָס בינסטו אזוי זיכער, אז די גלאַדיאטאָרן וועלען זיך פאנאנדערגעהען ?

אזא געשיקטער ארמיי־פיהרער, ווי דו בינסט... — האָט דער קאָנסול געזאָגט לאנגזאם און אומענטשלאָסען, — און א חוץ דעם וועט דאָך דאָס פאר זיי זיין בעסער... קורץ, דו קאָנסט עס לייכט דורכפיהרען.

— אויף וואָסער אופן ?

— נו, לאָמיר זאָגען, פארפיהרען די חיל... צופעליג... אין א וועלכען עס איז אומבאַקוועמען אָרט...

— וואו דער קאָנסול ווארָאן לוקול זאָל די חיל ערוואַרטען ליגענדיג באהאלטען און אַלעמען אומברייגנען ? אָדער נעמען אין פלען ? — האָט ספארטאק איהם איבערגעשלאָגען בלאָס ווערענדיג פון כעס. — דעמאָלט וואָלט גאנץ לייכט געווען צו דער־שטיקען דעם אויפשטאנד און צושרייבען צו זיך דעם כבוד און דעם נצחון ? ניט אמת ?

ווארָאן לוקול איז אָפּהענדיג געוואָרען און האָט געשוויגען. איהם האָט פארדראָסען, וואָס ער האָט אַזוי אומפאָרזיכטיג זיך ארויסגערעדט און וואָס מען קאָן שוין צוריק ניט כאַפּען.

— איך דאנק די געטער, — האָט ספּארטאק פּאָרטגעזעצט, — וואָס דער פארהאסטער גלאַדיאטאָר קאָן אכטען די רעכטען פון פעלקער און וואָס דער צאָרן, וואָס ברויזט אין מיר, האָט ניט פאַר־טונקעלט מיין פארשטאנד ! איך געדענק, אז דו בינסט א שליח פון סענאט ! דו בינסט פונקט אזא נידעריגער און פאלשער, ווי דיין סענאט איז, דו בינסט געקומען מיר פאָרשלאָגען דעם געמיינ־סטען און נידערטרעכטיגסטען פארראט, וואָס קאָן נאָר זיין ! דו בייסט געקומען אויספּרובירען די הייליגסטע געפיהלען פון מיין

נשמה, כדי מיט באטרוג זיך צו דערשלאָגען צו א זיעג דאָרט, וואו נאָר מיט געוועהר קאָן מען זיעגען!

— שווייג שטיל, בארבאר! — האָט דער באַליידיגטער קאָנסול אייסגעשריען, — דאכט זיך, אז דו האָסט פארגעסען מיט וועמען דו רעדסט!

— ניין, איך געדענק אויסגעצייכענט! דו בינסט דער שלעכטער און קליינמוטיגער רוימישער קאָנסול, וואראָן לוקול! אומזיסט האָסטו זיך איבערגעטאָן די בגדים. איך האָב דיר באַלד דערקאָנט!... דו האָסט אליין פארגעסען, מיט וועמען דו רעדסט! נאָך זיך האָסטו געאורטיילט וועגען מיר! דו האָסט א טעות געהאט! דאָס, וואָס פאר זיך האלטסטו פאר ערלויבט, האלט איך פאר זיך פאר א שאנד!... געה אוועק! קעהר זיך אום אין רוים, קלייב דאָרט צונויף נייע חיל און קום ארויס קעגען מיר אויפ'ן אָפענעם פעלד! דאָרט, אויב דו וועסט וואגען זיך צו שטעלען מיט מיר פנים אל פנים, אָט אזוי ווי איצט, דאָרט וועל איך דיר געבען אן ענטפער אויף דיינע נידערטרעכטיגע אָנבאָטען!

און מיט א באפעהלענדען זשעסט פון האנד האָט ספארטאק איהם געוויזען די טיר.

וואראָן לוקול האָט מיט גדלות זיך אייגגעוויקעלט אין זיין טאָגע און האָט מיט פאראכטונג א מורמעל געטאָן:

— מיר וועלען זיך נאָך זעהן אויפ'ן שלאכטפעלד.

— אָ, ווען דאָס וואָלט פארגעקומען! — האָט ספארטאק געענטפערט — אָבער איך גלויב דאָס ניט. הער נאָר אויס, רוימישער קאָנסול! — האָט ער לוקול'ן נאָכגעשריען: — איך וויים, אז אלע מיינע סאָלדאטען, וואָס זיינען ארייגעפאלען צו אייך אין פלען, האָט איהר געקרייציגט. דארום זאָג איך דיר אָן א פריהער, אויב אין פארלויף פון צוואנציג טאָג וועל איך פון אייך ניט קריגען די פארלאנגטע געוועהר, וועלען אייערע פיער טויזענד סאָלדאטען אויך געקרייציגט ווערען.

— דו וועסט ניט וואגען דאָס צו טאָן! — האָט לוקול אויסגעשריען ציטערענדיג פון צאָרן.

— אלץ איז ערלויבט מיט אזעלכע מענשען, ווי איהר זייט!

יויבאלד פאר אונז אנערקאנט איהר ניט אלגעמיין מענשליכע רעכ־טען אין איהר טרעט איבער בנוגע צו אונז די אינטערנאציאנאלע געזעצען, ווי אזוי קאנט איהר פאדערן מיר זאלען אכטען די דאזיגע געזעצען ? אזוי ווי איהר באגעהט זיך מיט אונז, אזוי וועלען מיר זיך באגעהן מיט אייך.

נאך דעם האט ספארטאק ארייגערופען די גלאדיאטארען און זיי געהייסען באגלייטען ביז'ן טויער פון לאגער דעם קאנסול מיט זיינע באגלייטער, און אליין האט ער ארייגערופען צו זיך קריקס'ן, גראניק'ן און ענאמאי'ען און האט זיי דערצעהלט וועגען זיין געשפרעך מיט'ן רוימישען קאנסול.

אלע דריי זיינען געווען אויפגעבראכט פון סענאט'ס ביטרע־קייט און געמיינהייט און גערירט פון ספארטאק'ס טאט. זיי זיינען פון איהם אוועק, דורכגעדרונגען נאך מיט מעהר ליעבע צו איהם, נאך מיט מעהר צוטרוי און אכטונג.

בלייבענדיג אליין אין זיין ביידעל, האט ספארטאק לאנג זיך ניט געקאנט בארוהיגען, און באדריקט פון לעסטיגע געדאנקען, איז ער פארטראכטערהייד געזעסען ביים פענסטער, דעם קאפ אונטער־געשפארט מיט די הענד.

עפעס אימיצענס לייכטע טריט, וואס האבען הינטער איהם אפגעקלאפט, האבען איהם געצוואונגען זיך אומצוקוקען.

פאר איהם איז געשטאנען עווטיבידא אין איהר געוועהנליכער קלייד, די האר פאנאנדערגעלאזט איבער די שולטערן. דאס מאל איז זי געווען בלאס און טרויעריג.

אויף ספארטאק'ס פראגע, וואס זי וויל, האט זי זיך פאנאנ־דערגעוויינט.

מיינענדיג, אז איהר האט געטראפען עפעס אן אומגליק, האט ספארטאק גענומען זי פאנאנדערפרעגען. און זי האט גענומען איהם דערצעהלען, וויפיעל באליידיגונגען און ערנידערונגען זי איז אויסגעשטאנען פון די רוימער, וויפיעל שווערע פארלוסטען און ענטוישונגען איהר איז אויסגעקומען איבערצוטראגען אין פארלויף פון איהר קורצען לעבען.

— איך בין איינינקע אליין, גאנץ איינזאם ! — האט זי

געבליבען. — שטעל זיך נאָר פאָר, וואָס דאָס באַדייט ! אין דער גאַנצער וועלט האָב איך ניט קיין איין נאָהענטען מענשען, פאַר וועמען איך זאָל קאָנען דערצעהלען מיינע איבערלעבונגען, מיט וועמען איך זאָל קאָנען טיילען מיינע געדאַנקען, מיין פרייד און טרויער !

— איך פאַרשטעה אָבער ניט, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר, — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט, זיך באַמיהענדיג צו זיין וואָס מילדער.

עווטיבידא, זיך פלאַנטערענדיג, אריבערשפּרינגענדיג פון איין געדאַנק צום צווייטען, האָט גענומען איהם ערקלערען, וועלכע געפיהלען עס האָבען זי געבראַכט אין גלאַדיאַטאָרישען לאַגער. זי איז געווען זיכער, אַז ספּאַרטאַק וועט זיין געריהרט פון איהר אָפען־האַרציקייט און איבערגעבענקייט.

ווי גרויס איז אָבער געווען איהר ענטוישונג, בעת ספּאַרטאַק האָט איהר ערקלערט, אַז ער האָט שוין אַ כלה, וואָס נאָר זי קאָן הערען זיין פרוי : ענטוועדער זי אָדער קיינע ניט.

עווטיבידא האָט זיך דערפיהלט טיף באַליידיגט.

סטייטש ? יענע וואַרט ערגעץ־וואו אין אַ זיכערען אָרט, כדי דאָס גליק זאָל אַליין אריינפליהען ביי איהר אין די הענד ! און זי, עווטיבידא, האָט מיט אַ שווערד אין די הענד געוואָלט זיך ערָאָבערען דאָס גליק, אַפּפערענדיג מיט איהר פאַרמעגען און ריזי־קירענדיג מיט איהר לעבען. און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אַלע איהרע קרבנות און חלומות זיינען געווען אומזיסט.

נאָך מיט איין מינוט פאַר דעם האָט זי אויפריכטיג געגלויבט אין איהר גרייטקייט אינגאַנצען זיך צו ווידמען צום „פאַראיין פון די אונטערדריקטע” און מיט אַלע מעגליכקייטען צו פאַרטיידיגען זייערע אינטערעסען. איצט איז זי געווען גרייט מיט אַלערליי מיטלען שאַדען צו טאָן דעם דאָזיגען פאַראיין, כדי צו ערגערען ספּאַרטאַק׳ן. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי טיעף באַליי־דיגט, און זי האָט איהם געהאַסט. איהרע אַלע געפיהלען, איהרע אַלע געדאַנקען האָבען זיך איצט צונויפגעגאָסען אין איין זינלאָזען, אומצעצאַהמטען וואונש נקמה צו נעמען.

— אַ, איך וויים, ווער דיין כלה איז ! — האָט עווטיבידא

געזאָגט גרין ווערענדיג פון צאָרן. — דאָס איז די פּאַרמאַסקירטע, די באַטריגירין וואַלעריאַ מעסאַלאַ.

— גענוג ! ניט איין וואָרט מעהר ! — האָט ספּאַרטאַק בייז געזאָגט. — זאָלסט ניט וואַגען אַזוי צו ריידען וועגען איהר !... געה שוין אַרויס פון דאַנען און מעהר זאָלסטו קיינמאָל ניט קומען אין מיין ביידעל... מעהר קאָנסטו ניט בלייבען אין דיענסט ביי מיר.

דאָס איז שוין געווען צופיעל. זי איז ווילד געוואָרען און ווי אַ פייל פון בויגען איז זי אַרויסגעלאָפען פון ביידעל.

זי איז געפאַלען ביי זיך אויפ'ן בעטעל און האָט לאַנג געבלי־פעט און געפלוכט.

— וואַרט נאָר ! — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט, דראָהענדיג מיט'ן פויסט. — איך וועל פון דיר נקמה נעהמען, אָ, דאָס וועט זיין אַזאַ נקמה, אַז דער גהינם אַליין וועט פון שרעק אויפציטערן.

15־טער קאַפּיטעל.

די אונאייניגקייט. די קאַמערינישע שלאַכט. ענאָמאַ'ס טויט.

אין אַכטצעהן טעג אַרום נאָך ספּאַרטאַק'ס געשפּרעך מיט לוקול'ן האָט מען אין גלאַדיאַטאָרישען לאַגער צוגעשיקט פּאַנצערס, שווערדען און וואַרף־שפּיזען אין אויסטויש פאַר די פיער טויזענד געפאַנגענע רוימער. איצט האָט ספּאַרטאַק געהאַט די פולע מעגליכקייט צו באוואַפנען זיינע צוויי נייע לעגיאָנען.

כל זמן די רוימער האָבען ניט געקאָנט אַרויסשטעלען קעגען איהם קיין נייע חיל, איז ער אַרומגעגאַנגען די געגענד אַרום אַפּולי און האָט פאַרנומען אַלע שטעדט, וואָס זיינען געלעגען ביים וועג. דאָרט האָט ער אויסגעקליבען אַ גוטען פּונקט און איהם באַפעס־טיגט, מיט'ן ציעל דאָרט צו פאַרברייגגען איבער ווינטער.

ספּאַרטאַק האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָס ווייטער אַלץ שווערער וועט איהם ווערען צו קעמפען מיט רוים, און ער האָט ערנסט גענו־מען באַקלערען, וואָס זאָל ער אונטערנעמען, אום צו דערגרייכען אַ ענטשיידענעם ערפאָלג. זיין פּלאַן איז געווען, אַז מ'זאָל די גאַנצע אַרמיי אַוועקפיהרען פון די איטאַליענישע גרעניצען, הינטער די אַלפּען, זי צוטיילען נאָך די נאַציאָנאַליטעטען, און יעדע אָפּטיילונג אַוועקשיקען אהיים. דאָרט, צווישען די אייגענע לאַנדסלייט, וועט יעדע אָפּטיילונג צוקריגען נייע מענשען און אויף אַזאַ אופן פאַר־גרעסערען איהרע קרעפטען. דערנאָך, זיך צונויפריידענדיג מיט די איבריגע, ווידער זיך אומקעהרען אין איטאַליען, כדי מיט אַמאָל זיך אַ לאָז צו טאָן אויף רוים.

פון אָנהויב איז די מערהייט פון די פיהרער געווען קעגען

דעם ראָזינגען פּלאַן. אָבער ביסלעכווייז האָט ספּאַרטאַק זיי איבער־געצייגט, אַז נאָר אויף אַזאַ׳ן אופן קאָן מען בייקומען דעם שטאַר־קען שונא.

אָנהויב פריהלינג האָט ער גענומען פיהרען צו סאַמניאום זיין אַרמיי וואָס איז באַשטאַנען פון דריי און זיבעציג טויזענד מאַן.

צעהן טעג האָט געדויערט ביז ער האָט דערגרייכט אומבריאַ. דאָ האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער קאָנסול לענטול קלאָדיאַן מיט אַן אַרמיי פון דרייסיג טויזענד האָט זיך געקליבען איהם צו פאַר־צאַהמען דעם וועג צו פּאָ; דער צווייטער קאָנסול, געלי פּובלי־קאָלאַ, איז געגאַנגען אויף איהם פון הינטען, אום איהם צו פאַר־צאַהמען דעם ריקצוג אין אַפּולי.

דער רוימישער סענאַט, פאַרשטעהענדיג צולעצט די גאַנצע געפאַהר פון דער דאָזיגער מלחמה, האָט באַשלאָסען אַרויסצושיקען קעגען ספּאַרטאַק׳ןביידע קאָנסולען, אַ זאַך, וואָס דער סענאַט פלעגט מאַן נאָר אין גאַנץ שווערע פעלע.

די קאָנסולען, באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין מאַכט, האָבען גענומען זאַמלען אַרמייען — איינער אין לאַפּיום, דער צווייטער אין אומבריאַ.

אין רוים האָט מען געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף אָט דער ־אָפּעלטער עקספּעדיציע, און קיינער האָט ניט געצווייפעלט, אַז דאָס מאָל וועט זיך איינגעבען צו מאַכען אַ סוף פון דער דאָזיגער ערנידעריגענדער מלחמה.

געוואָהר ווערענדיג וועגען דעם צוג פון זיינע געגנער, האָט ספּאַרטאַק האַסטיג גענומען פיהרען זיין אַרמיי צו סאַמניאום, וואו ער האָט בדעה געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט געלי פּובליקאָלאַ.

נאָר שפּעטער, בעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז געלי פּובלי־קאָלאַ האָט זיך באַפעסטיגט און ער וואַרט אויף דער קאַוואַלעריע, איז פאַר איהם קלאָר געוואָרען, אַז פריהער ווי אין פופצעהן טעג אַרום וועט ער בשום אופן ניט קאָנען אַרויסטרעטען קעגען איהם אויפ׳ן אָפענעם פעלד, און ער האָט זיך דאַרום צוריק אומגעקערט אין אומבריאַ, כדי אַרויסצוטרעטען קעגען דעם צווייטען קאָנסול, לענטול קלאָדיאַן. כדי גוט זיך צו באַקאָנען מיט׳ן פעלד פון

דער צוקינפטיגער שלאכט, איז ספארטאק אוועק עס באקוקען, באגלייט פון א קליינער אפטיילונג קאוואלעריע.

גאנץ אליין, פארטראכטערהייד, האט ער געריטען פאראוים אויף זיין מעכטיגען פערד. אויף זיין פנים האט מען געקאנט זעהן, אז זיינע געדאנקען זיינען ניט קיין פרעהליכע.

ער האט געטראכט וועגען ענאמאי'ען, וואס האט זיך אין דער לעצטער צייט געביטען און, ווי ס'איז קענטיג געווען, זיך געהאל־טען און א זייט. אויף דער לעצטער קריעגס בעראטונג איז ער געווען דער איינציגער, וואס איז ארויסגעטראטען געגען ספאר־טאק'ס פארשלאג אוועקצוגעהן הינטער די אלפען. זיינע איינ־ווענדונגען האט ער ארויסגעזאגט אין א שארפער און באליידיגענ־דער פארם. זעהענדיג, אז קריקס, גראניק און די אנדערע פיהרער זיינען מעהר אויף ספארטאק'ס זייט, איז ענאמאי איינגאנצען ארויס פון געדולד, א צעווילדעטער איז ער ארויסגעלאפען פוןביידעל און האט מעהר ניט געוואלט זיין אויף די בעראטונגען.

ספארטאק האט ניט געקאנט באגרייפען די אורזאכע, וואס האט מיט אמאל ארויסגערופען אזא ענדערונג אין איהם, אין זיין נאהענטסטען חבר, וואס איהם האט ער אזוי הייס און אויפ־ריכטיג געליעבט, וואס מיט איהם פלעגט ער זיך טיילען אלע ליידען און פריידען, אלע שווערקייטען און געפאהרען פון די לעצטע יאהרען. אומזיסט האט ער זיך באמיהט ארויסצורופען ענאמאי'ען אויף אן אפענהארציגער ערקלערונג: דער איינגעשפארטער ענאמאי, וואס איז פריהער געווען אזוי אפענהארציג און בארע־דעוודיג, איז איצט געווארען געהיימניספול און שווייגענדיג, ער האט בשום אופן ניט געוואלט זיך אריינלאזען אין וועלכע עס איז ערקלערונגען.

די זאך האט זיך אבער ערקלערט גאנץ איינפאך: עווטיבידא, וואס האט געשווארען נקמה צו נעמען פון ספארטאק'ן, האט עס אנגעשטעלט ענאמאי'ען קעגען איהם. א כיטרע און געשיקטע פון דער נאטור, האט זי באלד פארשטאנען, וואס פאר א מעכטיגע ראכע־גיצייג דער שיקזאל האט איהר צוגעשיקט אין דעם דאזיגען גראד'ען און באשרענקטען ענאמאי'ען. זי האט זעהר גרינג געוואר־

נען זיין צוטרוי און ביסלעכווייז האָט זי גענומען איהם אָנשטעלען קעגען ספּאַרטאַק'ן. זיין יעדע טאַט, זיין יעדע אבזיכט האָט זי פאַר ענאָמאַי'ען אויסגעטייטשט אין אַ פאַלשען זין און אויף אַזאַ'ן אופן האָט זי אונטערגעבראָכען ענאָמאַי'ס בלינדען גלויבען אין זיין פיהרער, ביז וואַנען ער האָט אינגאַנצען פאַרלאָרען די אכטונג צו ספּאַרטאַק'ן. אָבער מאָדנע: אין ספּאַרטאַק'ס אנוועזענהייט פלעגט ענאָמאַי ווערען אַן אַנדער מענש. דער אומצוטרוי צו איהם, וואָס עווטיבידא האָט אויף איהם אָנגעהויכט, פלעגט פאַרשווינדען, און ענאָמאַי פלעגט זיין גרייט צו פאַרגעטערען זיין הויפּט־קאָמאַנדיר אַזוי ווי פריהער, ווען ער זאָל נאָר ניט מורא האָבען דערמיט צו ערגערען עווטיבידיא'ן.

אָט דערפאַר האָט ער געזוכט אויסצומיידען ספּאַרטאַק'ן און האָט ניט געוואָלט זיך ערקלערען מיט איהם, זיך דורכרעדען מיט איהם אויג אויף אויג. ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט באַשטימען, ווער עס איז גערעכט: ספּאַרטאַק אָדער עווטיבידא? און זיין עהרליכע נאַטור האָט דערפון געליטען.

קומענדיג צוריק פון די אויסזעהונגען, האָט ספּאַרטאַק גע־הייסען באַלד אריינרופען ענאָמאַי'ען.

ענאָמאַי איז אַריינגעקומען אַ פאַרצאָגטער און אומצופרי־דענער און האָט זיך מוטלאָז באַגריסט מיט ספּאַרטאַק'ן.

ספּאַרטאַק האָט זיך געמאַכט ניט באַמערקענדיג, ער האָט איהם פריינדשאַפטליך געדריקט די האַנד און מיט אַ גוטמוטיגען טאָן געזאָגט:

— מיר מוזען זיך דורכרעדען, ברודער מיינער.

— געוויס, איך מיין אויך אַזוי, — האָט ענאָמאַי געענטפערט מיט רוגזה: — מיר האָט שוין דערעסען צו זיין אַ שפּילצייג אין דיינע הענד. שוין בעסער זיין אַ קנעכט ביי די רוימער, איידער ביי דיר.

— דו בינסטו ביי מיר אַ קנעכט!... בינסטו ביים זינען, ענאָמאַי? אין וואָס באַשטעהט די קנעכטשאַפט?

ענאָמאַי איז געוואָרען צוטומעלט. ער האָט אייגענטליך אַליין ניט געוואוסט אין וואָס עס באַשטעהט די קנעכטשאַפט.

וואָס עווטיבידא זעהט און ווייזט איהם אַלע מאָל אָן. דערצו נאָך דאָס ספּארטאַק'ס מילדע שטים און זיין טרויעריגער בליק, וואָס האָט אין זיין נשמה אריינגעדרונגען, געוועקט דאָס וואַכזאַמע געוויסען פון דעם דאָזיגען איינפאַכען אָבער גאַנצען מענשען. איהם האָט ווידער גענומען ציהען צו דעם דאָזיגען מערקווירדיגען פיהרער, וואָס איהם האָט ער נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק פאַרגעטערט.

„געטער! — וואָס איז דאָס פאַר אַ כישוף, וואָס דער דאָזי־גער פּראַקיער באַזיצט, אַז ער קאָן אַזוי אונטערטעניג מאַכען אַנדערע?“ — האָט ענאָמאַי געטראַכט.

— ענאָמאַי! מיט וואָס האָב איך דיר באַליידיגט? מיט וואָס בין איך שולדיג קעגען דיר? — האָט ספּארטאַק ווידער אָנגעהויבען. — איך האָב דיר אַלע מאָל ליעב געהאַט, ווי אַ לייב־ליכען ברודער, איך האָב מיט דיר געטיילט אַלע מיינע האָפנונגען און פּלענער, און פּלוצלינג האָסטו מיר גענומען אויסמיידען אַזוי ווי מיר וואָלטען געווען די ביטערסטע שונאים.

— ניין, ניין! — האָט ענאָמאַי אויסגעשריען, ניט זייענדיג אימשטאַנד ווייטער איינצוהאַלטען זיינע געפיהלען, — איך בין קיינמאָל ניט געווען און וועל ניט זיין דיין שונא. אָבער פאַר וואָס ווילסטו אונז פיהרען הינטער די אַלפּען, און ניט אין רוים?

— אַך, ענאָמאַי, פאַרשטעה אַז מיר קענען ניט נעמען רוים. דערמאָן זיך, אַז רוים האָבען ניט געקאָנט נעמען ניט פּירר און ניט אַנניבאַל. דאָס איז אַ ריעז: ווארף איהם אַנידער אויף דער ערד, וועט ער זיך מאָרגען אויפהויבען נאָך שטאַרקער, ווי געווען. באַזיעגט היינט, וועט ער מאָרגען ארויסשטעלען נייע לעגיאָנען, מיט וועלכע מיר וועלען ניט זיין אימשטאַנד צו קעמפען.

לאַנג האָבען זיי נאָך גערעדט אויף דער דאָזיגער טעמע. צולעצט האָט ענאָמאַי זיך פעלשטענדיג איבערצייגט, אַז ספּארטאַק איז גערעכט.

— זיי מיר מוחל, ספּארטאַק! — האָט ענאָמאַי היציג אויס־געשריען, — איך וועל זיך שוין מעהר מיט דיר קיינמאָל ניט אַמפּערן! דו בינסט ניט קיין מענש, נאָר אַ האַלבער גאָט! איך ליעב דיר און אַכט דיר נאָך מעהר, ווי פריהער! און אויב דו

ווילסט מיר באווייזען, אז דו בינסט מיר מוחל, זאָלסטו אין דער פאַרשטעהענדער שלאַכט מיט לענטול קלאַדיאַן מיר מיט מיינע גערמאַנען אוועקשטעלען אין דעם געפעהרליכסטען אָרט! זאָגסטו מיר צו?

ענאָמאַי׳ס ווערטער האָבען ספּאַרטאַק׳ן געריהרט.

— יא, איך זאָג דיר צו, — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט. — דו ווייסט אז אין מיין הארצען איז קיין אָרט ניטאָ פאַר שרעק, פּונקט אזוי, ווי פאַר ליגען.

פריינדליך רעדענדיג צווישען זיך, זיינען ביידע פיהרער ארויסגעגאנגען פון ביידעל. ארטאריקס, וואָס האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט פון די אויסזעהונגען, איז זיי געקומען אנטקעגען. ער האָט זיך מיט זיי באגריסט און געמאָלדען ספּאַרטאַק׳ן, אז א טייל פון שונא׳ס קאוואַלעריע איז שוין אָנגעקומען צו געליען און אז אין פינף טעג ארום קאָן מען ערווארטען אן איבערפאַל.

ספּאַרטאַק האָט זיך פארטראכט. די ידיעה איז געווען זעהר א וויכטיגע.

— אויב אזוי, — האָט ער געזאָגט נאָך א קורצער פּויזע, — וועלען מיר מאָרגען ארוגטערנעמען דעם לאַגער און איבערמאָרגען ארום האַלבען טאָג וועלען מיר צוגעהן ביז קאמערינא. לענטולא וועט אזוי גיך אהין ניט באווייזען; ער וועט אהין אָנקומען, לכל הפחות, מיט א מעת־לעת שפּעטער. די ערווייליע וועלען מיר באַ־ווייזען זיך אָפּצורוהען און מיט פרישע קרעפטען וועלען מיר אטאַ־קירען זיין מיעדען רעגימענט. נאָכדעם וועלען מיר זיך א לאָז טאָן אויף געליען. וואָס זאָגסטו צו דעם פּלאַן, ענאָמאַי?

— איך בין ענטציקט פון דיין פּלאַן! — האָט ענאָמאַי ענ־טוזיאַסטיש געענטפערט.

א היימליכער און צופרידענער איז ער אוועק צו זיך אין ביידעל. פּונקט אזוי ווי א בארג וואָלט איהם ארונטערגעפאַלען פון די שולטערן: אזוי גרינג איז איהם געוואָרען דערפון, וואָס אלע זיינע צווייפלען זיינען פארשוואונדען און ער האָט ווידער געגלויבט ספּאַרטאַק׳ן. אָבער ניט לאַנג האָט זיין היימליכקייט אָנגעהאַלטען.

עוטיבידא האט שוין געווארט אויף איהם. אויפגערייצט פון דער ענדערונג, וואס איז פארגעקומען מיט ענאמאי'ען, האט זי אנגעווענדעט איהר גאנצע ביטערקייט, איהר גאנצע בארעדזאמקייט, אום אראפצושלאגען פון טאלק דעם דאזיגען גראדען מענשען. אלץ, וואס זי האט גערעדט, איז געווען אזוי איבערציינענד, אזוי נא־הענט צום אמת, אז אין א האלב שעה ארום איז דער ארעמער ענאמאי וויעדער געפייניגט געווארען פון צווייפלען און ער האט ניט געוואוסט, אויף וועמעס זייט איז דער אמת.

זעהענדיג, וואס פאר א ווירקונג איהרע ווערטער האבען אויף איהם, האט עוטיבידא ניט געשפארט קיין פארבען און האט אלץ מעהר אויל אונטערגעגאסען אין פייער. זי האט געזאגט:

— דו מיינסט, אז ער האט זיך טאקע אפגעזאגט פון ווארען לוקולא'ס אנבאט? ער מאכט נאר אזוי דעם אנשטעל. אין אמת'ן אבער פיהרט ער נאך ביז היינט אונטערהאנדלונגען מיט רוים. דאס ווייס איך אויף זיכער. ער מיינט טאקע גאר איינפאך צו טאן דאס, וואס דער קאנסול האט איהם פארגעשלאגען, ס'הייסט, אייך פארפיהרען אין אן ענגען ארט, וואו די רוימער וועלען אויף אייך שוין פון פריהער לויערן פון זייער באהעלטענים. אט דער־פאר וויל ער אייך ניט פיהרען אויף רוים. באטראכט נאר אליין, פון וואנען וועט רוים נעמען סאלדאטען, ווען זי איז איצט גע־צוואונגען צו פיהרען דריי מלחמות אויף אמאל: מיט אייך, מיט סערטארי'ען און מיט מיטרידאט'ן? רוים איז איצט אפגעשוואכט און אויסגעצעהרט, און ספארטאק וויל אייך פארזיכערן, אז רוים איז נאך אין פולער מאכט. און מיר מוזען גלויבען! אנשטאט צו געהן אויף דער שוצלאזער שטאדט מיט זיין זיבעציג טויזענ־דיגער ארמיי, שלאגט ער גאר אייך פאר צו לויפען הינטער די אלפען! און דו גלויבסט, אז ער וויל טאקע אונז פיהרען אהין, און ניט אין א פאסטקע, וואס ער האט שוין פון פריהער צוגע־גרייט פאר אונז?

— א, וואס רעדסטו? — האט ענאמאי ארויסגעזיפצט, — דאס איז דאך שרעקליך!

— אבער נאך שרעקליכער וועט זיין, ווען דו וועסט דאס

דערלאָזען און דערנאָך געפייניגט ווערען פון חרטה, פאר וואָס דו האָסט מיר ניט געהאָרכט אין דער צייט. דיין פליכט איז צו צושטערען דעם דאָזיגען טייוועלשען פלאַן, ווייל דו בינסט דער עהרליכסטער און העלדישסטער פון אַלע קאָמאַנדירען. פיהר אַוועק דיינע ברידער — הערמאַנען, אויב דו ווילסט ניט מען זאָל זיי צווינגען דורך באַטרוג מיט שאַנד אוועקצולעגען די געוועהר.

— איך שווער מיט די דונערן פון טאָרא! — האָט ענאָמאַי אויסגעשריען א קלאַפּ טוענדיג מיט'ן פויסט אין טיש, — דערצו וועל איך זיי ניט דערלאָזען!

— אויב אַזוי טאָ פיהר אוועק דיינע ברידער — הערמאַנען וואָס גיכער! און נאָך זיי וועלען אוועקגעהן די גאַללען, די איללאַרי־ער און די סאַמניטען. דו וועסט זיין זייער פיהרער, און דיר אַליין וועט צוגעטיילט ווערען דער כבוד פאר באַלאַגערן און איינ־נעהמען רוים. און ספּאַרטאַק לאָז בלייבען נאָר מיט די פראַקיער און גריכען... און געהן זאָלסטו באַלד! געה און וועק אויף דיינע לעגיאָנען און אויך די גאַלישע, און לאָמיר נאָך היינט ביינאַכט אוועקגעהן פון לאַגער.

זאָגענדיג דאָס האָט עווטיבידא דערלאַנגט ענאָמאַי'ען דעם שלעם און פאַנציר און איהם געאיילט וואָס גיכער אָנצוהויבען דעם פעלד־צוג.

אין א ווײַלע ארום האָבען גענומען שאַלען די טראָמפּייטען פון די הערמאַנישע לעגיאָנען, און אַלע צעהן טויזענד הערמאַנען האָבען זיך אויסגעשטעלט אין א מיליטערישער אָרדנונג, גרייט ארויסצוטרעטען.

ענאָמאַי האָט געהייסען עפענען די טויערן, און זיינע לעגיאָ־נען האָבען שטיל גענומען ארויסגעהן אין פעלד.

די קלאַנגען פון די טראָמפּייטען האָבען אויפגעוועקט די גאַלישע לעגיאָנען פון דערבייאיגען לאַגער. זיי זיינען אויך ארויס־געלאָפען פון די ביידלאַך און האָבען זיך גענומען אויסשטעלען אין רייהען, מיינענדיג, אז די רוימער האָבען געמאַכט א פּלוצ־לונגען איבערפאַל אויף זייער לאַגער.

ביסלעכווייז האט זיך די מהומה פארשפרייט איבער'ן גאנצען לאגער. אויפ'ן געוויש איז ספארטאק אויך ארויסגעלאפען פון זייןביידעל און אויף זיין פראגע, וואס דא קומט פאר, האט איהם א סאלדאט געענטפערט:

— ווייזט אויס, די רוימער.

ספארטאק האט זיך אומגעקעהרט אין זיין ביידעל, כדי זיך צו באוואפענען, און איז האסטיג אוועק אין צענטער פון לאגער.

דא האט ער זיך דערוואוסט, אז ענאמאי פיהרט ארויס זיינע הערמאנען, און אז די איבריגע לעגיאנען קלייבען זיך אויף אין וועג, מיינענדיג, אז דער באפעהל ארויסצוטרעטען איז ארויסגע־געבען געווארען פון ספארטאק'ן. ספארטאק איז געשטאנען א צוטומעלטער, ער האט ניט געקאנט באגרייפען, וואס דא קומט פאר.

ביי דעם טונקעלען שיין פון די פאקלען, וואס האבען ערגיץ־וואו געברענט, איז ער האסטיג אוועק צו די הויפט טויערן.

די לעצטע רייהען פון צווייטען לעגיאן זיינען שוין געווען דורכגעגאנגען דורך זיי, בעת ספארטאק איז ארויסגעלאפען אויפ'ן ערד־וואל.

דא האט ער דערזעהן ענאמאי'ען זיצענדיג אויף א פערד און באאבאכטענדיג, ווי די סאלדאטען געהען פארביי.

איידער ספארטאק האט באוויזען צו צולויפען צו איהם, האט ער דערהערט קריקס'עס שטים, וועלכער איז אויך געלאפען צו ענאמאי'ען.

— ענאמאי! וואס האסטו געטאן? וואוהין געהסטו?

— איך געה אוועק פון פאררעטערס לאגער! — האט ענאמאי הויך געענטפערט. — אויב דו ווילסט ניט, אז דער פאררעטער זאל דיר איבערגעבען אין די הענד פון דיינע שונאים צוזאמען מיט אלע דיינע לעגיאנען, זאלסטו אוועקגעהן מיט מיר, און מיר וועלען צוזאמען געהן אויף רוים.

— ווער איז דאס דער פאררעטער, וואס דו רעדסט וועגען איהם? — האט געפרעגט ספארטאק, וואס איז אנגעקומען אויף

ענאָמאַי'ס ווערטער. — אויף וואָסער פּאַראַט ווילסטו דאָ אָנ־דייטען?

— וועגען דיר רייד איך, דיר מיין איך דאָס: דו בינסט אַ פאַררעטער! — האָט ענאָמאַי דראָהענד געענטפערט. — מיר האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגען רוים, און איך וויל גהען אויף רוים, און ניט אין פּאַסטקע, וואָס דו ווילסט אונז פאַרגאַרען אין איהר.

— אויב דו שפּאַסט, — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט אויסער זיך פון צאָרן, — שווער איך ביי יופּיטער'ן, אַז דיין שפּאַס קאָן דיר קאָסטען גאַנץ טייער!

— איך שפּאַס ניט, איך רייד דאָס, וואָס איך מיין — האָט ענאָמאַי געענטפערט. — איך האַלט דיר פאַר אַ פאַררעטער און איך מעלד דאָס פאַר אַלע חיל.

— דו ביסט אַ ליגנער און אַ רכילות'ניק! — האָט ספּאַר־טאַק הויך אויסגעשריען ארויסציהענדיג דעם שווערד.

ענאָמאַי האָט אויך ארויסגעצויגען דעם שווערד און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ספּאַרטאַק'ן. קריקס האָט אָנגעכאַפּט ענאָ־מאַי'ס פערד פאַר'ן צאַהם.

— ענאָמאַי! — האָט ער גענומען שרייען ציטערענדיג פון צאָרן, — אויב דו ביסט ניט משוגע געוואָרען ביסטו אַליין אַ פאַררעטער, וואָס רוים האָט אונטערגעקויפט! אַנדערש קאָן מען ניט ערקלערען דיין ווילדען בלבול.

— קריקס!

דאָס איז געווען דאָס איינציג וואָרט, וואָס דער צוקאָכטער ענאָמאַי האָט געקאָנט אויסשרייען.

— ענאָמאַי! — האָט ספּאַרטאַק געזאָגט אַ ביסעל געלאַ־סענער, — ווען דאָס וואָלט געווען אַן אַנדערער אויף דיין אָרט, ווען אַן אַנדערער וואָלט מיר געוואָרפען אין פּנים אַזאַ שרעקליכע באַליידיגונג, וואָלט ער שוין געלעגען אַ גע'הרג'עטער. דיר אָבער בין איך מוחל, ווייל איך זעה, אַז דו ביסט געוואָרען אַ קרבן עפּעס פון אַ וועלכער עס איז טייוועלשער אינטריגע. באַזין זיך, כל זמן

עס איז ניט שפּעט! איך שווער דיר מיט אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט הייליגעס, איך שווער ביי אַלע מיינע לעגיאָנען, אַז איך בין ניט שולדיג אין דעם, וואָס דו פאַרדעכטיגסט מיר! אויב איך האָב אפילו נאָר מיט איין מחשבה פאַרראַטען מיין פליכט און מיינע ברידער, זאָל מיין נאָמען באַדעקט ווערען מיט אייביגער שאַנד, און זאָל פון דור צו דור די מענשהייט מיר פאַרשילטען צוגלייך מיט איהרע סאַמע פאַרהאַסטע שונאים!

ס'האָט אויסגעוויזען, אַז אָט די אויפריכטיגע און הארציגע שבועה האָט געמאַכט אויף ענאָמאַי'ען אַ שטאַרקען איינדרוק. אָבער פּלוצלונג האָבען די טראָמפּייטען ווידער גענומען שאַלען און די גאַנצע שטימונג אין לאַגער האָט זיך באַלד געביטען.

— דאָס זיינען די גאַלישע טראָמפּייטען! — האָט קריקס אויסגעשריען.

„געהען דען די גאַלען אויף אוועק?“ האָט ספּאַרטאַק אַ טראַכט געטאָן.

ביידע האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טויערן פון לאַגער.

דאָן איז עווטיבידאַ צוגעגאַנגען. זי האָט ענטשלאָסען אָנגענומען ענאָמאַי'ס פערד אונטער'ן צאַהם און ביידע האָבען זיך אַוועקגעלאָזט דעריאָגען די הערמאַנישע לעגיאָנען.

ביי די טויערן פון לאַגער האָט ספּאַרטאַק און קריקס באַגעגענט אַ מחנה פון די פאַרשפּעטיגטע הערמאַנישע רייטער.

— ספּאַרטאַק! — פאַררעטער! — ביידע זייט איהר פאַררעטער! — לאָמיר זיי צו'הרג'ענען, — האָבען די הערמאַנען גענומען שרייען און שליידערן אין זיי עטליכע פיילען.

ספּאַרטאַק און קריקס האָבען קוים באַוויזען צו פאַרדעקען די פּנים'ער מיט די פּאַנצירס און האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אַרומיגע קוסטען. צוויי פיילען האָבען אָבער געטראָפען קריקס'ן. די מחנה רייטער האָט זיי מעהר ניט פאַרפאָלגט, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך באַהאַלטען אין די קוסטען, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט דעריאָגען זייער לעגיאָן.

אַרטאָריקס און באַרטאָריקס האָבען דערווייל אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי איינצוהאַלטען אין לאַגער דעם ערשטען גאַלישען

לעגיאָן, וואָס האָט זיך געריסען נאָכצופאָלגען די הערמאַנישע לעגיאָנען.

דער לעגיאָן האָט זיך ערשט בארוהיגט, בעת קריקס האָט זיך באוויזען. זעהענדיג, אז זייער באליבטער פיהרער איז אָפּגע־גאָסען מיט בלוט, זיינען די גאַלען געבליבען אָפּהענדיג און זיינען רוהיג זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אונטער זיין קאָמאַנדע.

קריקס האָט זיך מעהר ניט געקאָנט האַלטען אויף די פיס, ער האָט זיך גענומען שאָקלען און איז געפאַלען אויף ספּאַרטאַק'ן, וואָס האָט איהם אונטערגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגען אין ביידעל, וואו מ'האָט איהם באנדאַזשירט די וואונדען. דער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט, אז די וואונדען זיינען ניט קיין געפעהרליכע.

דערווייל איז ספּאַרטאַק די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסען ביים צוקאָפּען פון זיין פריינד, פארזונקען אין פינסטערע געדאַנקען. ער האָט געטראַכט וועגען ענאָמאַי'ס אומפארשטענדליכען פאַרראַט און וועגען דעם סוף, וואָס ערוואַרט איהם און זיינע סאָלדאַטען וואָס ער האָט געפיהרט אויף א זיכערן טויט. ווי נאָר דער מאָרגען שטערן איז אויפגעגאַנגען האָט ספּאַרטאַק געהייסען ארונטער־נעהמען דעם לאַגער און מאַרשירען צו קאַמערינאַ צו.

דער קאָנסול לעטול איז דאָרט אָנגעקומען מיט א טאָג שפּע־טער פון די גלאַדיאַטאָרן.

ניט לאָזענדיג זיי זיך אָפּרוהען, האָט ספּאַרטאַק אויף זיי געמאַכט אַן איבערפאַל מיט א דאָפּעלט גרעסערער ארמיי און אין פארלויף פון א דריי שעה האָט ער געהאַט די אויבערהאַנד.

ניט קוקענדיג אויף זייער העלדישען ווידערשטאַנד, זיינען די רוימער געוועזן געצוואונגען אָפּצוטרעטען.

ספּאַרטאַק האָט זיי פארפאָלגט און, באגייסטערעדיג די גלאַ־דיאַטאָרן מיט זיין מוט, האָט ער זיך אריינגעשניטען אין סאַמע מיטען פון דער רוימישער חיל און האָט צושטערט זייערע רייהען. א שרעק איז אויף זיי אָנגעפאַלען און זיי האָבען גענומען לויפען אין אומאָרדנונג.

דער קאָנסול אַליין איז אַנטלאָפען אין עטרוריא. זיין גאַנ־

צער לאגער, די אמוניציע, די פלאגען און די קאסע איז אריינגע־פאלען ביי די גלאדיאטארן.

ווי גרויס עס איז ניט געווען זייער פרייד מיט'ן זיעג איבער איינעם פון די פארשטעהער פון דער רוימישער אויבערמאכט, האט אבער ספארטאק אויף א מינוט ניט פארגעסען וועגען יענער געפאהר, אין וועלכער ענאמאי'ס לעגיאנען געפינען זיך.

דער קאנסול געלי האט אומבאדינגט געמוזט זיך דערוויסען וועגען ענאמאי'ס צוג, און עס וואלט געווען אומווארשיינליך, אז ער זאל זיך ניט באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו פארניכטען ענאמאי'ס ארמיי.

דערפאר האט ער זיך אויף מארגען אומגעקעהרט צוריק, כדי צו באגעגענען דעם קאנסול לוקול. ווי געוועהנליך, איז פאראויס געלאפען אן אפטיילונג קאוואלעריע, כדי באצייטענס צו זאמלען אלע נויטיגע ידיעות וועגען שונא.

אויפ'ן ערשטען רוהע־ארט האט דער קאמאנדיר פון דער גאנצער קאוואלעריא, מאמילי, געמאלדען ספארטאק'ן, אז ענאמאי האט זיך איינגעארדענט ארום נארציא, און אז דער קאנסול געלי, זיך דערוויסענדיג פון דעם, האט געשווינד גענומען געהן אויף איהם.

געבענדיג זיינע לעגיאנען נאר זעקס שעה אויף אפרוה, האט ספארטאק ארום האלבע נאכט ארונטערגענומען דעם לאגער און דורך די הויכע בערג האט ער געפיהרט זיין חיל מיט'ן קיהצסטען וועג צו נארציא.

דער קאנסול געלי איז אין דערזעלביגער צייט שוין צוגע־גאנגען צו ענאמאי'ס לאגער און באגינען האט ער איהם אטאקירט.

אין פארלויף פון צוויי שעה האבען די הערמאנען מיט א זעלטענער גבורה אויסגעהאלטען דעם אנדראנג פון שונא, וואס איז געווען דריי מאל אזוי שטארק. עס איז געווען א מאמענט, בעת זיי האבען זאגאר געצוואונגען דעם שונא אפצוטרעטען, אבער דאס האט זיי ניט געהאלפען. בעת די רוימער האט זיך איינגע־געבען זיי ארומצורינגלען פון אלע זייטען, האבען די הערמאנען פארשטאנען, אז זייער אונטערגאנג איז אומפארמיידליך, און הא־

בען באשלאָסען צו שטארבען, ווי עס פּאסט פאר אמת'ע העלדען. די פארצווייפלונג האָט זיי צוגעגעבען איבער־מענשליכע קרעפטען און פארדאָפּעלט זייער מוט. אלע זיינען זיי געפאלען ביז'ן לעצטען, מאכענדיג א חורבן אין שונא'ס רייהען.

ענאָמאי איז געווען איינער פון די לעצטע, וואָס זיינען געפאלען אין שלאכט. ארומגערינגעלט פון קופּעס הרוגים, האָט ער זיך אלץ געפעכט ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געווען פארוואונדעט אין עטליכע ערטער. א דורכגעשטאָכענער פון עטליכע שווערדען, איז ער ענדליך געפאלען לעבען עווטיבידא'ן, וועלכע איז שוין לאנג געלעגען אויף דער ערד.

אָבער נאָך איידער די שלאכט האָט זיך אינגאנצען געענדיגט, האָבען די סיגנאליסטען געגעבען צו וויסען די זיעגער, אז א נייער שונא דערנעהנטערט זיך.

דאָס איז געווען ספּארטאַק. זיינע לעגיאָנען זיינען נאָר וואָס אנגעקומען אויפ'ן שלאכט־פעלד, און, ניט געבענדיג זיי ניט איין מינוט אויף אפּצורוהען זיך, האָט ער זיי אויסגעשטעלט אין קאַמפּפסאָרדענונג.

געלי, ניט פארלירענדיג קיין צייט, האָט אומגעביטען דעם פראָנט, כדי צו באגעגענען דעם נייעם שונא.

די שלאכט האָט זיך צופלאקערט מיט א נייער קראפט.

ספּארטאַק האָט באגייסטערט זיינע סאלדאטען, רופענדיג זיי זיך נוקם צו זיין פאר די געפאלענע חברים.

די רוימער האָבען ניט געקאָנט אויסהאלטען דעם ווילדען אנדראַנג פון די גלאדיאטאָרן און א מהומה איז אויף זיי אנגעפאלען.

געלי'ס מפּלה איז געווען א שרעקליכע. פערצעהן טויזענד, ס'הייסט מעהר ווי א העלפט פון זיינע סאלדאטען, זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען. די איבריגע זיינען זיך צולאָפען אין אלע זייטען, אוועקוואַרפענדיג די פלאַגען און איבערלאָזענדיג דעם לאגער פאר'ן שונא. געלי אליין איז פארוואונדעט געוואָרען און האָט זיך געראַטעוועט א דאנק דער פלינקייט פון זיין פערד.

אָבער דער אונטערגאַנג פון די צוויי הערמאַנישע לעגיאָנען האָט פאַרשטערט די שמחה פון נצחון. אָנשטאָט צו הוליען, ווי דער שטייגער איז, האָט אין גלאַדיאַטאָרשען לאַגער דאָס מאָל גע־הערשט אומעט און שטילקייט. די גלאַדיאַטאָרן זיינען געווען פאַרנומען מיט דער קבורה פון זייערע געפאַלענע חברים. דאָס גאַנצע גרויסע פעלד איז געווען באַדעקט מיט ברענענדיגע שייטער־הויפענס, וואָס אויף זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען די קערפּערס פון די הרוגים.

פאַר ענאָמאַי׳ען האָט מען איינגעריכט אַ באַזונדערן שייטער־הויפען. זיין קערפּער האָט מען איינגעזאַלבט מיט טייערע דופ־טיגע אוילען און איינגעוויקעלט אין אַן אומברענבאַרער לייכען־געוואַנד.

ספּאַרטאַק האָט עטליכע מאָל געקוסט דאָס פּנים פון זיין טויטען פריינד און האָט איהם באַוויינט. אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען ביים שייטערהויפען האָט ער אויסגערעכענט אַלע העלדענטאַטען פון זיין געפאַלענעם חבר, זיין גבורה, זיין עהרליכקייט און זיין גראַדען כאַראַקטער. פיעלע האָבען געוויינט הערענדיג די דאָזיגע איינפאַכע, געפיהלפולע ווערטער, אָבער קיי־נער האָט אַזוי ניט באַדויערט ענאָמאַי׳ען, און קיינער איז אַזוי ניט געווען ערשיטערט פון דעם, וואָס די צוויי לעגיאָנען זיינען אויסגעה׳הרג׳עט געוואָרען, ווי ספּאַרטאַק אַליין: גרויסע מענשען איז באַשערט שטאַרקער צו ליעבען און צו ליידען, ווי געוועהנליכע מענשען.

ענאָמאַי׳ס אַש האָט מען אריינגעשאָטען אין אַ בראָנזענער אורנע, וואָס די איינגעשראָקענע איינוואָהנער פון נאַרציאַ האָבען צוגעשיקט אויף ספּאַרטאַק׳ס באַפעהל. זיי האָבען אויך צוגע־שטעלט דופּטיגע אוילען און די אומברענבאַרע לייכטענגעוואַנד. די אורנע מיט ענאָמאַי׳ס אַש האָט ספּאַרטאַק שטענדיג געהאַט מיט זיך און ער האָט זי געהיט צוזאַמען מיט זיינע טייערסטע געגענשטאַנדען.

פון צעהן טויזענד הערמאַנען, וואָס האָבען געקעמפט צוזאַמען מיט ענאָמאַי׳ען, האָט מען נאָר זיבען און פופציג צוגויפגעקליבען

פון שלאַכטפעלד מיט צייכענס פון לעבען, און נאָר נײַן פון זיי זײַנען לעבען געבליבען.

צווישען די דאָזיגע נײַן איז אויך געווען עווטיבידאַ.

פאַרוואונדעט אין דער לינקער האַנד, איז זי נאָך אין אָנהויב פון דער שלאַכט געפאַלען צוזאַמען מיט'ן פערד, וואָס איז אונטער איהר גע'הרג'עט געוואָרען און זי איז געלעגען ביז וואַנען די גלאַדיאַטאָרען האָבען צונויפגעקליבען אַלע געפאַלענע.

גרויס איז געווען איהר צער, בעת זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איהר נקמה האָט זיך ניט אײַנגעגעבען; דער פאַרלוסט פון די צוויי לעגיאָנען האָט ספּאַרטאַק'ן ניט געשטערט צו באַזיעגען ביידע קאָנסולן און צו בלײַבען ווי פריהער אומבאַזיעגבאַר. דער באַגעהר נקמה צו נעהמען האָט זיך איצט אין איהר נאָך שטאַרקער צו־ברענט, זי האָט אָבער באַשלאָסען איהם צו פאַרשטיקען אין זיך ביז אַ צייט און געדולדיג וואַרטען אויף אַ געלעגענהייט, בעת זי וועט קאָנען ספּאַרטאַק'ען דערלאַנגען אַ נײַעם קלאַפּ, אַ שטאַר־קערן. אמת, די שייטערהויפענס מיט די קופּעס הרוגים, וואָס האָבען אויף זיי געברענט, האָט דערוועקט אין איהר עפּעס־וואָס עהנליכעס אויף געוויסענסביסען און זי האָט זיך אַ ביסעל געמוזט אָנשטרענגען, כדי צו דערשטיקען אין זיך די שטים, וואָס האָט צודרינגליך ווידערהאָלט: „פאַר וואָס האָסטו זיי אומגעבראַכט?“ אָבער עווטיבידאַ האָט זיך ניט געוואָלט מודה זײַן אין איהר שרעקליכער שולד און זי האָט געזוכט זיך צו באַרוהיגען ווי עס איז.

„ניט איך האָב זיי אומגעבראַכט, נאָר ספּאַרטאַק“ — פלעגט זי אין געדאַנק ווידערהאָלען: „פאַר וואָס האָט ער מיר אָפּגע־שטויסען? פאַר וואָס האָט ער אַזוי גרויזאַם צושלאָגען מײַנע אַלע חלומות, אַלע מײַנע האָפענונגען? איך האָב דאָך געוואָלט זײַן גוט, איך האָב געוואָלט קעמפען פאַר די אונטערדריקטע. וואָס בין איך שולדיג, וואָס איך קאָן איצט אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבען און וויל נאָר נקמה נעהמען“.

עווטיבידאַ איז געווען פון יענע נאַטורען, וואָס פאַר זיי זײַנען זייערע אייגענע באַגעהרען — אַ געזעץ און וואָס שטעלען זייער אייגענעם „איך“ העכער פון אַלץ אויף דער וועלט. פאַר אַזעלכע

מענשען איז נאָר גוט דאָס, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט זייערע וואונשען, און שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס ווידערשפּרעכט זייערע וואונשען.

אין אָט דער הינזיכט איז עווטיבידא געווען דער געגענזאַץ צו ספּאַרטאַק׳ן, פאַר וועמען פּערזענליכע אינטערעסען האָבען ניט עקזיסטירט, אויב זיי זיינען געווען קעגען די אינטערעסען פון אַנדערע. איהר קאָלאָסאַלע ביטערקייט איז געווען איהר מעכטיגסטע געצייג אין קאַמף מיט איהם, און נאָך מעהר, בעת ער האָט געהאַט צו איהר דעם פולען צוטרוי. ניט זייענדיג אַליין פעהיג אויף וועלכער עס איז געמיינקייט, האָט ער אַזאַ זאַך ניט געקאָנט פּאַרדעכטיגען אין אַנדערע; ניט זייענדיג אַליין פעהיג אויף ליגען און פאַלשקייט, האָט ער געגלויבט אין דער אויפריכטיגקייט פון אַנדערע.

כאָטש זיין מיטגעבוירענע שאַרפזיניגקייט און וואַכזאַמקייט האָבען איהם אונטערגעזאָגט צו זיין פאָרזיכטיג בנוגע צו עווטיבידא׳ן און האָבען איהם אומבאַוואוסטזיניג געצוואונגען זיך צו האַלטען ווייט פון איהר, האָט ער פונדעסטוועגען מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזען אויף זיין געפיהל, מחמת ער האָט ניט געהאַט קיין באַווייזען פון איהר אומצופערלעסיגקייט.

די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ענאָמאי׳ען, זיין אומפאַרשטענדליכעס אַוועקגעהן פון לאַגער — דאָס אַלץ האָט אין זיין נשמה אריינגעוואָרפען אַ פונק פון צווייפעל. ניט איין מאָל איז איהם דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, צו איז אין דעם ניט שולדיג עווטיבידא׳ס ווירקונג. ער האָט זיך אָבער באַמיהט אָפּצואָגען פון זיך דעם דאָזיגען געדאַנק, ווייל זיין מיטגעבוירענע עהרליכקייט האָט איהם ניט דערלאָזט צו באַשולדיגען אַ מענשען, ניט האָבענדיג קיין באַווייזען. און די באַאָבאַכטונגען אויף דער דאָזיגער גריכישער מיידעל, האָבען מיט קיין זאַך ניט באַשטעטיגט זיינע צווייפלען.

בעת עווטיבידא איז געפונען געוואָרען אויפ׳ן שלאַכטפעלד, און ס׳איז קענטיג געווען, אַז זי האָט העלדיש געקעמפט קעגען שונא, דעמאָלט זיינען אַלע צווייפלען וועגען איהר איינגאַנצען פאַר־

שוואונדען. ווען זי וואלט געוואלט שעדיגען די גלאדיאטארן און העלפען די רוימער, וואלט זי דאך ניט געקעמפט קעגען יענע און וואלט איבערגעגאנגען אויף זייער זייט. דאך, זייענדיג ארומ־גערינגעלט פון אלע זייטען, איז זי פונדעסטוועגען דאך געבליבען טריי.

געריהרט פון איהר שיינבארער העלדישקייט האבען די גלא־דיאטארן זי באלוינט מיט א דובאווען קראנץ און ספארטאק אליין האט איהם ארויפגעלעגט ביי איהר אויפ'ן קאפ.

ווי פארדארבען עווטיבידא איז ניט געווען, האט אויך איהר פארשטיינערטע הארץ א ציטער געטאן פון חרטה. איהר געזיכט איז באדעקט געווארען מיט א טויטער בלאסקייט און טרעהרען האבען זיך גענומען גיסען פון איהרע אויגען, בעת מ'האט איהר ארויפגעלעגט דעם קראנץ אויפ'ן קאפ. זי איז גרייט געווען צו פאלען אויף די קני פאר ספארטאק'ן, זיך מודה זיין פאר איהם אין אלץ און בעטען ער זאל איהר מוחל זיין. אבער בעת זי האט זיך דערמאנט, אז פון דעם דאזיגען מענשען וועט זי קיין מאל זיך ניט דערווארטען ניט קיין צארטען בליק און ניט קיין צארטעןווארט, אז איהר וידוי וועט נאר ארויסרופען אין איהם א האס צו איהר, האט איהר גאנצער האס און איהר דורשט ראכע צו נעהמען אויפגעפלאקערט מיט א נייער קראפט.

נאכדעם ווי זיי האבען צוואנציג טעג גערוהט האט ספארטאק זיך ווידער פארנומען אין דער ריכטונג צו צפון, כדי ארייננצו־קומען אין גאליען.

ער האט זיך אבער אפגעשטעלט ביי ראווענא מיט'ן ציעל איינצוארדענען און איינצומושטירן דריי נייע לעגיאנען פון גלא־דיאטארן און שקלאפען, וואס האבען זיך צונויפגעקליבען אונטער זיין פאהן.

די קאמאנדע איבער די דאזיגע לעגיאנען האט ספארטאק איבערגעגעבען דעם סאמניט גאיוס קאניצי, דעם גאל קאסט און דעם פראקיער אידאמיי, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער אויסערגעוועהנליכער גבורה אין די לעצטע שלאכטען.

האבענדיג אונטער זיין קאָמאַנדע אַן אַרמיי פון פינף און זיבעציג טויזענד, איז ספּאַרטאַק געגאַנגען ווייטער.

גאַיוס קאַסי, דער פּרעטאָר פון דער ציזאַלפּינישער גאַליען, געוואָהר ווערענדיג וועגען דער מפּלה פון די ביידע קאָנסולן און וועגען דעם, אַז ספּאַרטאַק דערנעהנטערט זיך, האָט באַשלאָסען איהם צו פאַרצאַהמען דעם וועג און האָט אויף געשווינד צונויפ־געקליבען אַן אַרמיי פון צוואַנציג טויזענד.

16טער קאַפּיטעל.

די שלאַכט ביי מאָדענא. די אויפשטאַנדען. מארק קראַס אויפ'ן שלאַכטפעלד.

ארויסגעבענדיג אַ באפעהל אראָפּצונעהמען דעם לאַגער, האָט ספּאַרטאַק צונויפגערופען די קאָמאַנדירען פון אַלע לעגיאָנען און האָט זיי געלאָזט וויסען, אַז דער פּרעטאָר קאַיוס קאַסי געהט אויף זיי און ער וועט זיין אין מאָדענא אין אָוועגד פון דעם זעלביגען טאָג. עס איז נויטיג געווען מאָרגען איהם צו אַטאַקירען, כדי די איבריגע חיל זאָל זיך ניט קענען פאַראייניגען מיט איהם.

— וואָס? מיט קאַסי'ן וועלען מיר קעמפען, — האָט דערויף באמערקט קאַניצי, — אָבער אריבערגעהן פּאָ האָבען מיר ניט בדעה.

— וואָס? — האָט ספּאַרטאַק אויסגעשריען אַן איבערראַש־טער, — וואָס האָסטו געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט, אַז מיר זיינען ניט מסכים צו געהן מיט דיר הינטער פּאָ, — האָט פאַר קאַניצי'ן געענטפערט אַרדזיל, קוקענדיג מיט חוצפה ספּאַרטאַק'ן אין די אויגען.

— זיבען לעגיאָנען, — האָט קאַניצי צוגעגעבען, — ווילען ניט געהן קיין גאַליען, און ווילען געהן אויף רוים.

— אָ! — האָט ספּאַרטאַק מיט ביטערקייט אויסגעשריען, — ווידער אַן אויפשטאַנד אין אונזערע רייהען! איז אייך דען ווייניג דער ביישפּיעל פון ענאָמאַי'ען?

אַ מורמעל פון אומצופרידענהייט האָט זיך געהערט צווישען די סאָלדאַטען, ס'איז קענטיג געווען, אַז זיי האַלטען מיט קאַניצי'ן.

— איהר זייט ענטוועדער משוגעים, אָדער פאַררעטער, — האָט ספּאַרטאַק מיט צאָרן געענטפערט, — איצט דראָהט אונז דער שונא, און, ביז וואַנען ער וועט ניט צושלאָגען ווערען, וועט איהר טאָן, וואָס איך וויל, ניט אַנדערש. נאָכדעם וועלען מיר צונויפרופען דעם ראַט און מיר וועלען זיך באַקלעהרען. אָבער

היט אייך, די קלענסטע אונגעהארכזאמקייט אין צייט פון דער פארשטעהענדער שלאכט קאן צו טייער קאסטען. דער ערשטער, וואס וועט זיך ערלויבען איין אייפרייצענד ווארט, וועט אומקומען פון מיין שווערד, וואס האט נאך קיינמאל ניט פארפעהלט דעם ציעל.

און מיט א באפעהלענדער האנד־באוועגונג האט ער די קא־מאנדירען געהייסען אוועקגעהן.

די לעגיאנען זיינען אוועקגעגאנגען לויט ספארטאק׳ס מאר־שרוט און אויפ׳ן צווייטען טאג האבען זיי דערגרייכט מאדענא, וואו קאסי האט זיין לאגער געהאט אויפגעשטעלט.

די רוימער האבען פארנומען א זעהר פארציגליכע און פעסטע פאזיציע אויפ׳ן שרעג פון די משופע׳דיגע בערגלעך. די גלא־דיאטארן זיינען אבער געווען אזוי פיעל מעהר אין צאהל, אז נאך א שלאכט, וואס האט געדויערט צוויי שעה, האבען די רוימער געמוזט אנטלויפען.

ווידער איז דער רוימישער לאגער מיט דער אמוניציע ארייג־געפאלען צו די גלאדיאטארן, וואס זייערע פארלוסטען זיינען געווען אומבאדייטענדע.

ארום צעהן טויזענד רוימער זיינען אויסגע׳הרג׳עט געווארען אין דער דאזיגער שלאכט. דער פארוואונדעטער פרעטאר איז שיער ניט אריינגעפאלען אין פלען און האט זיך גערעטעט עפעס ווי דורך א נס.

אויפ׳ן צווייטען טאג נאך דער דאזיגער שלאכט האט ספאר־טאק פארזאמעלט זיין ארמיי און ער האט זיך צו איהר געווענדט מיט א פייערדיגער רעדע. ער האט באוויזען זיינע סאלדאטען אלע פארציגע, וואס זיין פארגעשלאגענער פלאן האט און די גאנצע מעגליכקייט צו באזיעגען רוים. צום שלום האט ער פייערליך געשווארען, אז ער האט נאר אין זינען דאס גליק פון די גלאדיא־טארן און אז ער וועט זיי בלייבען טריי ביז דעם סוף פון זיין לעבען.

אויף ספארטאק׳ס רעדע האבען די סאלדאטען געענטפערט מיט רוישיגע אפלאדיסמענטען און ווען מען וואלט די זאך באלד

איבערגעגעבען צו אן אפשטימונג, וואלט ספארטאק'ס פלאן, אהן צווייפעל, אנגענומען געווארען מיט א מעהרהייט.

אבער קאניצי האט אויך געוואלט האלטען א רעדע. אנגע־הויבען האט ער זיין רעדע פון דעם, וואס ער האט גענומען ריהמען ספארטאק'ס גבורות און פארדינסטען. מיט דעם האט ער גע־האפט אפצואוועגדען פון זיך יעדען פארדאכט אין דעם, אז ער פארגינט ניט ספארטאק'ן, וואס וואלט געקאנט אפשוואכען דעם איינדרוק פון זיין רעדע. דערנאך האט ער אויסגעדריקט זיין באדויערן פאר וואס ער קאן ניט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון דעם אויבער־קאמאנדיר, וואס צוליב זיין באשיידענהייט קאן ער ניט זעהן די קראפט פון דער ארמיי, וואס ער האט באשאפען. דאן האט ער גענומען שילדערן אין וואס פאר א האפנונגסלאזער לאגע רוים געפינט זיך איצט און ווי שוצלאז זי איז. צום שלום האט ער פארשווארען זיינע חברים ניט דורכצולאזיז א גינסטיגע געלעגענהייט מיט אמאל א סוף צו מאכען פון דער רוימישער מעכטיגקייט, און האט פארגעשלאגען מארגען זיך אוועקצולאזען אויף רוים.

— אויף רוים! אויף רוים! — האבען אין איין קול גע־נומען שרייען פופציג טויזענד שטימען.

בעת מ'האט גענומען אפשטימען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיבען לעגיאנען האבען אנגענומען קאניצי'ס פארשלאג, און די איבריגע זעקס האבען איהם צוריקגעוויזען מיט א באדייטענדער מעהרהייט. נאר די קאוואלעריע איז אינגאנצען געווען אייניג מיט ספארטאק'ן.

לאנג איז ספארטאק געשטאנען מיט אן ארא‍פגעלאזטען קאפ און האט א ווארט ניט ארויסגערעדט. געהן אויף רוים האט פאר איהם באדייט דער אונטערגאנג פון זיינע אלע האפענונגען.

ענדליך, זיך ווענדענדיג צו די לעגיאנען, האט ער צוגעגעבען:

— גוט! איך ווארף מיר אונטער אונטער אייער ווילען! איך געה מיט אייך אויף רוים, אבער ניט אלס אייער פיהרער,

נאָר אַלס איינפאַכער סאָלדאַט. קלייבט אויס אויף מיין אָרט אימיצען, וואָס איז ווירדיגער פון מיר.

— ניין! ניין! — האָט גענומען שרייען דער סאַמניט ליווי גראַדעני, דער קאָמאַנדיר פון דעם צוועלפטען לעגיאָן, — דו מוזט בלייבען אונזער פיהרער, ווייל צווישען אונז איז גיטאָ קיין גלייכער צו דיר.

— לאָמיר ספאַרטאַק׳ן ווידער ערוועהלען פאַר אונזער פיה־רער! — האָט באַרטאַריקס אויסגעשריען.

— ספאַרטאַק זאָל זיין אונזער פיהרער! מיר ווילען ספאַר־טאַק׳ן! — האָבען אַלע פינף און זיבעציג טויזענד גלאַדיאַטאָרן גענומען שרייען, אויפהויבענדיג זייערע פאַנצירס אין דער הויך.

בעת דער גערויש האָט אויפגעהערט, האָט ספאַרטאַק געזאָגט:

— איך וויל ניט זיין אייער פיהרער. איך בין קעגען דעם, אַז מיר זאָלען געהן אויף רוים, ווייל איך גלויב ניט אין ערפאָלג פון דעם דאָזיגען צוג. דערום קלייבט בעסער אויס יענעם, וואָס גלויבט יאָ, און פאָלגט איהם נאָך.

— מיר ווילען ניט קיין אַנדערן! דיר ווילען מיר! — האָבען די גלאַדיאַטאָרן געשריען.

ספאַרטאַק, ניט הערענדיג זיי, איז אוועק צו זיך אין ביידעל.

דאַן זיינען אַלע קאָמאַנדירען פון די לעגיאָנען איהם גע־קומען בעטען ער זאָל ווידער ווערען זייער אויבער־קאָמאַנדיר. מעהר פון אַלעמען האָבען זיך ביי איהם געבעטען אַרדזיל, קאַניצי און אַרוויני. דערמיט האָבען זיי געוואָלט באַהאַלטען פון די סאָל־דאַטען זייער שנאה צו ספאַרטאַק׳ן. און ניט ליעב געהאַט האָבען זיי איהם, ערשטענס, אויס קנאה; זיי האָט זיך געדאַכט, אַז אַלס קאָמאַנדירען, זיינען זיי מיט קיין זאַך ניט ערגער פון איהם און דאָך מוזען זיי זיין אונטער איהם. צווייטענס, איז זיי ניט גע־פעלען געוועזען, וואָס ער האָט פאַרבאָטען צו ראַבירען און מאָרדען די איינוואָהנער פון די פאַרנומענע שטעדט. און צולעצט, זייערע שעטנדיגע זיעגען האָבען אין זיי אַרויסגערופען אַ צו גרויסע זיכער־קייט אין דער מעגליכקייט צו באַזיעגען רוים. און רוים האָט

זיך זיי פֿאַרגעשטעלט פֿאַר'ן בעסטען פּלאַץ, וואו מ'קאָן אַ סך רויבען.

די דאָזיגע שטימונג אין דער אַרמיי האָט עווטיבידאַ'ן זעהר געפֿרעהט, ווייל דאָס האָט פֿאַלשטענדיג ענטשפּראָכען איהרע פּלע־נער. איהר האָט נאָר פֿאַרדראָסען, פֿאַר וואָס די קאָמאַנדירען פֿון די לעגיאָנען ריידען איהם איין ווידער צו ווערען אויבער־קאָמאַנדיר. בעסער וואָלט קאַניצי אָוועקגעפֿיהרט זיינע זיבען לעגיאָנען, און ספּאַרטאַק זאָל בלייבען ביי זיין באַשלוס, דאַן וואָלטען די רוימער לייכט געקאָנט בייקומען די רעבעלען.

ספּאַרטאַק האָט זיך צולעצט געלאָזט איבעררייידען און האָט ווידער איבערגענומען די אויבער־קאָמאַנדע.

— זאָל בלייבען, ווי איהר ווילט! — האָט ער געזאָגט, — איך וועל בלייבען אייער אָנפֿיהרער. איך זאָג אייך ניט צו קיין זיעג, ווייל איך גלויב ניט אין דער מעגליכקייט פֿון אַ זיעג, איך וועל אָבער טאָן אַלץ, וואָס העננגט אָפּ פֿון מיר, אום, אויף וויפֿיעל ס'איז נאָר מעגליך, צו פֿאַרהיטען פֿון אַ מפּלה.

אויף אַזאַ'ן אופֿן איז ספּאַרטאַק געווען געצוואונגען זיך צו נעהמען פֿאַר אַ זאַך, וואָס ער האָט געהאַלטען פֿאַר אונמעגליך און האָט ניט געגלויבט אין איהר ערפֿאָלג. און דערצו נאָך זיינען די סאָלדאַטען שוין ניט געווען דאָס, וואָס פֿריהער.

די לעצטע אינערליכע מהומות האָבען אַזוי דעמאָראַליזירט די חיל, אַז די פֿריהערדיגע דיסציפּלין אין דער אַרמיי איז פֿאַר־שוואונדען.

ניט אַכטענדיג אויף ספּאַרטאַק'ס באַמיהונגען אָפּצוהאַלטען זיינע סאָלדאַטען פֿון ווילדקייטען און גוואַלדטאַטען איבער די פֿרידליכע איינוואָהנער, פֿלעגט פֿון צייט צו צייט דער אָדער יענער לעגיאָן זיך אריינכאַפּען אין אַ שטאָדט און ראַבירען.

אויף וויפֿיעל דאָס האָט ספּאַרטאַק'ן אויפֿגעבראַכט איז שווער איבערצוגעבען מיט ווערטער. דאָס האָט ניט נאָר געוואָרפֿען אַ שאַנד־פֿלעק אויף זיין פּאָהן, נאָר איהם אויך געשטערט אין זיינע פּלענער און אין זיין טעטיגקייט, דאָס האָט איהם באַשאַפֿען אַ

מאַסע שונאים וואָס זיינען גרייט געווען איהם צו טאָן שאָדען ביי יעדער געלעגענהייט.

דער דרייצעהנטער לעגיאָן, וואָס איז געווען אונטער קאַניציוס קאָמאַנדע, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געגעבען דעם ביי־שפּיעל פאַר רוים און גוואַלדטאָטען. איהם האָבען נאָכגעטאָן דער פינפטער און זעקסטער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער לעצטער אָפּטיילונג. זיי האָבען זיך אריינגעריסען אין דער שטאָדט אימאָ־לאַ און זי אויסגערויבט.

ספּאַרטאַק מיט קריקס׳ן האָבען זיך געמוזט צוריק אומקעהרען מיט דריי פּראַקטישע לעגיאָנען, אום איינצושטילען די אומגעהאַרכ־זאַמע. אָבער אין דער אייגענער צייט, ווען ער איז געווען פאַר־נומען דערמיט, האָט דער עלפטער לעגיאָן, דער אַפריקאַנישער, זיך אריינגעריסען אין דעם קליינעם שטעדטעל בערטינאַר, איהם אויסגערויבט און אונטערגעצונדען. ספּאַרטאַק האָט זיך געמוזט אונטעראיילען אהין, כדי איינצושטילען דעם צווילדעטען לעגיאָן.

אין רוים איז דערווייל געוואָרען אַ גרויסע מהומה. פון אַלע רוימישע קאָמאַנדירען זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגען די געשעהעניסען אין די קעלנערע שטעדט. אין גיכען איז אָבער אָנגעקומען אַ ידיעה, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אויף רוים אַ שרעק, נעמליך, אז די גלאַדיאַטאָרן האָבען באַשלאָסען צו געהן אויף רוים.

דאָך האָט ספּאַרטאַק געמוזט אָפּשטעלען זיין צוג אויף רוים צוליב דער אומגעהאַרכזאַמקייט און צולאַזענקייט פון דיזעלבע לעגיאָנען, וואָס האָבען געפּאָדערט צו מאַכען דעם דאָזיגען צוג.

אַ גאַנצען מאָנאַט איז ער אָפּגעשטאַנען אונטער אַרמינים, וואו ער האָט זיך ווידער אָפּגעזאָגט פון זיין איבער־קאָמאַנדע און אַ גאַנצע וואָך איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען פון זיין ביידעל און האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט איבערריידען.

צולעצט האָט די גאַנצע אַרמיי זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיין ביידעל, אַלע האָבען זיך געשטעלט אויף די קני און געשוואָרען צו זיין געהאָרכזאַם.

דעמאָלט איז ספּאַרטאַק צו זיי אַרויסגעקומען.

זיין בלאַס פּנים און זיינע איינגעפאַלענע, פון וויינען פאַר־

שוואַלענע אויגען, האָבען בעסער ווי מיט ווערטער עדות געזאָגט וועגען די גייסטיגע יסורים, וואָס ער האָט פאַר דער דאָזיגער צייט איבערגעלעבט.

דערזעהענדיג איהם, האָבען די גלאַדיאַטאָרן נאָך העכער גענומען שרייען און זיך בעטען ער זאָל זיי מוחל זיין.

ספּאַרטאַק האָט געמאַכט אַ צייכען, אַז ער וויל ריידען, און, בעת ס'איז שטיל געוואָרען, האָט ער געהאַלטען אַ רעדע, אין וועל־כער ער האָט פאַרגעוואָרפען די סאָלדאַטען פאַר זייער אומוויר־דיגע אויפפיהרונג.

ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט איבערנעהמען די אויבער־קאָמאַנדע איבער זיי, כל זמן מען וועט איהם ניט געבען דאָס אומבאַשרענקטע רעכט צו באַשטראָפען, ווי ער וועט וועלען, די הויפּט־שולדיגע אין די רציחות און רויבערייען, וואָס האָבען די לעצטע צייט צו שאַנד געמאַכט זיין אַרמיי.

די לעגיאָנען זיינען איינגעגאַנגען אויף זיין פאָדערונג. ספּאַרטאַק האָט ווידער איבערגענומען די אויבער־קאָמאַנדע און האָט גענומען באַשטראָפען די שולדיגע מיט גרויזאַמקייט, הגם דאָס איז געווען קעגען זיין נאַטור. ער איז איצט געווען גע־צוואונגען אַזוי זיך צו באַגעהן מיט זיי, כדי איינצושטעלען די פאַרשוואונדענע דיסציפּלין.

אָרדזיל'ן, דעם חוצפּה'דיגסטען און גרויזאַמסטען פון אַלע בונטאָווטשיקעס, האָט ער פאַר'משפּט צום טויט און אין דער אַנוועזענהייט פון דער גאַנצער חיל האָט ער געהייסען זיינע לאַנדס־לייט איהם קרייציגען.

צוויי אַנדערע קאָמאַנדירען פון לעגיאָנען, אַרוויני און קאַציני, זיינען באַשטראָפט געוואָרען מיט קנוטעס און אַרויסגעטריבען גע־וואָרען פון לאַגער. אויסער זיי זיינען נאָך הינגעריכט געוואָרען צוויי הונדערט מיט דריי און צוואַנציג גלאַדיאַטאָרן, די וואָס זיינען אַם מייסטען געווען שולדיג אין רויבערייען און רציחות.

נאָך דעם האָט ספּאַרטאַק איבערפאַרמירט די אַרמיי אויפ'ן פריהערדיגען אופן, ס'הייסט ער האָט אָפּגעשאַפט די איינטיילונג אויף נאַציאָנאַליטעטען אין די לעגיאָנען, וואָס זיינען לויט זיי

געווען איינגעטיילט. דאָס האָט אין אַ באַדייטענדער מאָס פאַר־קלענערט די ווירקונג פון איינצעלנע פיהרער, וואָס זיינען פריהער געווען פאָלשטענדיג אומאָפּהענגיג.

איטליכער פון די פערצעהן לעגיאָנען האָט איצט געהאַט אַ באַזונדערן קאָמאַנדיר, אָבער אַלע לעגיאָנען צוזאַמען זיינען געווען איינגעטיילט אין דריי קאָרפּוס, און יעדער קאָרפּוס האָט געהאַט אַ נייעם קאָמאַנדיר, וואָס אונטער איהם איז דער קאָרפּוס געווען אונטערוואָרפען.

די ערשטע זעקס לעגיאָנען זיינען געווען אונטער גראַניק׳ס קאָמאַנדע און פיער זיינען געווען אונטער אַרטאָריקס׳עס קאָמאַנדע. די קאַוואַלעריע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַכט טויזענד מאַן, איז געבליבען ווי פריהער אונטער מאַמילי׳ס קאָמאַנדע.

אָבער אַפילו מיט דער דאָזיגער איבערפאָרמירטער אַרמיי האָט ספּאַרטאַק ניט באַלד זיך באַשלאָסען צו געהן אויף רוים.

כדי צו געבען די סאָלדאַטען צייט זיך איינצוגעוואָהנען מיט די נייע חברים און מיט די נייע קאָמאַנדירען, האָט ער זיי געפיהרט ביסלעכווייז אין אומבריאַ.

אין דער זעלביגער צייט איז רוים געווען אויפגערודערט פון די ידיעות וועגען די ווילדע רציחות פון די גלאַדיאַטאָרן, וואָס זיינען געווען אין אַ באַדייטענדער מאָס איבערטריבען.

דער סענאַט, וואָס האָט וועגען דעם געהאַט אַ באַראַטונג, האָט באַשלאָסען, אַז די קאָנסולען דאַרפען מעהר זיך ניט מישען אין דער מלחמה און אַז עס זאָל באַשטימט ווערען פאַר דער דאָ־זיגער מלחמה אַ באַזונדערער אַרמיי־פיהרער.

אַזוי ווי אין דער אייגענער צייט האָט מען באַדאַרפט וועהלען אַ פּרעטאָר פאַר סיציליען, האָט דער סענאַט געלאָזט וויסען, אַז דער נייער ערוועהלטער פּרעטאָר וועט מוזען מאַכען אַ סוף פון חוצפה׳דיגען גלאַדיאַטאָר, וואָס האָט געוואַגט צו געהן אַפילו אויף רוים.

ווען די דאָזיגע ידיעה איז פאַרשפּרייט געוואָרען האָבען אַלע בירגער, וואָס האָבען זיך פאַרשריבען פאַר קאַנדידאַטען, אויף דער

דאָזיגער שטעל, זיך אָפּגעזאָגט פון דער קאנדידאַטור און אין דעם טאָג פון די וואַהלען איז קיינער פון זיי ניט געקומען אויפ'ן פאָרום.

יוליוס צעזאר'ס פריינד האָבען איהם איבערצייגט, אַז ער דארף אָננעהמען די שטעל פון אַ פּרעטאָר אין סיציליען און זיי האָבען איהם צוגעזאָגט זיך משתדל צו זיין פאר'ן סענאט און פאר'ן פאָלק, אַז מ'זאָל איהם געבען פערצעהן לעגיאָנען. אָבער צעזאר האָט ענטשידען זיך אָפּגעזאָגט.

— ווען איך נעהם זיך אָן צו פיהרען אַ וועלכע עס איז מלחמה, — האָט ער געזאָגט, — איז עס נאָר דעמאָלט, ווען נאָך דער מלחמה קאָן מען אויסרעכענען אויף אַ טריאומף.

דער רוימישער שטאַלץ האָט ניט ערלויבט צו רעכענען די צובונטעוועטע שקלאַפען פאַר אַ צד, וואָס פיהרט מלחמה. און דערפאַר איז דער זיעג איבער זיי, ווי טייער ער זאָל ניט קאָסטען דעם זיעגער, ניט באַלוינט געוואָרען מיט אַ טריאומף, דאָס איז ניט באטראַכט געוואָרען אַלס כבוד פאַר'ן זיעגער.

עס איז גאַנץ וואַהרשיינליך, אַז צעזאר האָט אויך געהאַט אַנדערע אורזאַכען זיך אָפּצוזאָגען. עס קאָן זיין, אַז טרוימענדיג צו ווערען אַ הערשער איבער דער גאַנצער וועלט און אַז זיין הער־שאַפט זאָל זיין באַגרינדעט אויף דער ליעבע פון פאָלק, האָט ער ניט געוואָלט באַפלעקען זיינע הענד מיט דעם בלוט פון די אומ־גליקליכע גלאַדיאַטאָרען און פון די אומגליקליכע סאַמניטישע פאַס־טוכער, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום גלאַדיאַטאָרישען אויפשטאַנד. מעגליך ער האָט געוואָלט האַלטען זיין וואָרט, וואָס ער האָט גע־געבען ספּאַרטאַק'ן, ניט צו זיין זיין שונא.

ווי די זאַך איז ניט געווען, אָבער צעזאר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פיהרען די מלחמה מיט די גלאַדיאַטאָרען, און אַנשטאָט איהם איז צו די וואַהלען געקומען מאַרק ליציני קראַס.

אין דער צייט פון דער בירגער מלחמה האָט ער געדיענט אונטער סוללאַ'ס קאָמאַנדע און ער האָט דערביי אַרויסגעוויזען ניט נאָר העלדישקייט נאָר אויך מערקווירדיגע מיליטערישע פע־היגקייטען. און דערפאַר איז קיין וואונדער ניט געווען, וואָס

בעת ער האט זיך באוויזען אויפ'ן פארום האט דאס פאלק איהם רוישיג אפלאדירט.

ער איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען פאר פרעטאר פון סיציליען און איז באאויפטראגט געווארען זיך אויסצוקלייבען אן ארמיי פון פיער און אכציג טויזענד מאן — אן ארמיי, וואס איטאליען האט ניט געזעהן זינט סוללא איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה מיט מיטרידאט'ן.

אויפ'ן צווייטען טאג נאך זיין ערוועהלונג האט קראס ארויס־געגעבען א פארארדנונג, אז אלע בירגער, וואס געפינען זיך אונטער מיליטערישער פליכט, זאלען זיך שטעלען אונטער זיין פאהן.

דער סענאט האט צוגעזאגט א גרויסע געלד־באלוינונג פאר די וועטעראנען, וואס וועלען פרייוויליג זיך אנשליסען אן די רייהען פון דעם סיצילישען פרעטאר.

דאס אלעס האט אויפגעהויבען די אראפגעפאלענע מוט פון די בירגער או והאט ארויסגערופען אויפערונג צווישען אלע קלאסען. יונגע לייט פון די סאמע אנגעזעהענע פאמיליען האבען זיך פאר־שריבען אלס פרייוויליגע אין קראס'עס לעגיאנען. זייער צאהל איז געווען אזוי גרויס, אז פון זיי האט מען צוזאמענגעשטעלט צוויי באזונדערע קאגארטען.

אין עטליכע טעג ארום איז קראס ארויסגעטרעטען פון רוים מיט זיינע לעגיאנערען, באגלייט פון גרויסע מענשענמאסען, וואס האבען איהם צוגעוואונשען גליק און ערפאלג.

אין פיער טעג ארום האט ער דערגרייכט אטריקולא, וואו ער האט אויפגעשטעלט זיין לאגער אויף א שטארקער פאזיציע, כדי דא צו ערווארטען דאס אנקומען פון די איבעריגע פיער לעגיאנען, וואס האבען זיך געשווינט אנגעקליבען אין די נאהענטסטע שטעדט. אוועל מומי האט ער באשטימט פאר איינעם פון די הויפט קא־מאנדירען.

פאר זיין קוועסטאר האט ער געמאכט פובלי סקראפו, וואס האט אנטייל גענומען אין עלף מלחמות און אין הונדערט דרייסיג שלאכטען.

ספּארטאַק, פון זיין זייט, האָט נאָך אויך ניט געקענט אַרויס־פיהרען זיין אַרמיי פון לאַגער, ווייל די ניי־אָרגאַניזירטע לעגיאָנען זיינען נאָך ניט געווען צוגעגרייט.

אויף אַזאַ'ן אופן זיינען ביידע אַרמייען אָפּגעשטאַנען אַ גאַנ־צען מאָנאַט אין אַ פאַלשטענדיגער אומטעטיגקייט: די רוימער אין אַטריקול, די גלאַדיאַטאָרען אין אַרעצי.

בעת די צייט צו טאָן עפּעס, לויט ווי ספּארטאַק האָט אויס־גערעכענט, איז שוין געקומען, האָט ער אין אַ פינסטערער און שטורמדיגער נאַכט געהייסען אַרונטערנעמען דעם לאַגער און האָט אומבאמערקט אַרויסגעפיהרט זיין אַרמיי. די אַרמיי איז געגאַנגען די גאַנצע נאַכט און כמעט דעם גאַנצען קומענדען טאָג. פון אָוועגט איז די אַרמיי אָנגעקומען אין עווגובי. פון דאָרט האָט ספּארטאַק זיך געקליבען דורך קאַמערין צו געהן אויף רוים, אויסרעכענענדיג אָנצוקומען אַהין פריהער, איידער קראַס וועט זיך דערוויסען וועגען זיין צוג.

כדי צו באַהאַלטען פון שונא זיין אבזיכט, האָט ער אין לאַגער אונטער אַרעצי איבערגעלאָזט כמעט די גאַנצע קאַוואַלעריע מיט איהר קאָמאַנדיר מאַמילי, און האָט דערביי אָנגעזאָגט אָנצוזאַמלען פון די אַרומיגע איינוואוינער שפּייז־אַרטיקלען פאַר אַכט און זיבעציג טויזענד מענשען.

קראַס'עם אויסזעהער האָבען איהם טאַקי ראַפּאָרטירט, אַז די גלאַדיאַטאָרען שטעהען אויף אָן אָרט. ספּארטאַק'ס כיטרעקייט וואָלט אָהן צווייפעל זיך איינגעגעבען, ווען אין דער אייגענער צייט וואָלטען צו קראַס'ן ניט אונטערגעקומען די לעצטע צוויי קאַגאַרטען און וואָלטען איהם ניט געגעבען די מעגליכקייט זיך אַ לאָז צו טאָן אויפ'ן שונא.

פאַרלאָזענדיג אַטריקול, איז קראַס געשווינט נעגאַנגען צו אַרעצי, איינגעהענדיג צו פינף און צוואַנציג מייל אַ טאָג.

ער האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען, אַז אין קאַמפּף מיט ספּארטאַק'ען מוז מען געגען איהם קעמפּפען מיט זיין אייגענער וואָפע — מיט געשווינדקייט. אויפ'ן פערטען טאָג איז ער שוין געווען אַרום דעם גלאַדיאַטאָרשען לאַגער.

ווי גרויס איז אָבער געווען זיין פאַרוואונדערונג, בעת די אויסזעהער האָבען איהם געמאָלדען, אז אין לאַגער איז אַ לעבע־דיגער מענש ניטאָ!

מאמילי, זיך דערוויסענדיג, אַז די רוימער געהען, האָט נאָך ביינאַכט פאַרלאָזען דעם לאַגער און האָט זיך איצט געאיילט צו פאַראייניגען מיט די הויפּט קרעפטען פון דער גלאַדיאַטאָרשער אַרמיי.

מיט אַ שאַרפען בליק פון אַ גוטען קאָמאַנדר האָט קראַס דורכ־געגומען די גאַנצע לאַגע און האָט פאַרשטאַנען דעם שונא׳ס אַב־זיכטען. ער האָט באַלד געפונען אַ מיטעל אויף צו פאַרריכטען דעם פיהלער, וואָס ער האָט געמאַכט. ספּאַרטאַק איז געגאַנגען לענג אויס דעם מזרח אָפּהאַנג פון דעם אַפּעניגישען האַלב־אינזעל, פאָלגליך, אַז ער האָט זיך דערנעהנטערט צו רוים איבער אַ קרומער ליניע, האָט קראַס באַשלאָסען צו געהן אַהין לענג אויס דעם מערב אָפּהאַנג, כמעט איבער אַ גלייכער ליניע.

נאָך אַ פינף טאָגיגען, זעהר אַ האַסטיגען אַריבערגאַנג, איז ער אָנגעקומען אין ריעט, וואו זיין אַרמיי האָ טאָיין טאָג זיך אָפּגערוהט.

. . . .

אין דערזעלביגער צייט איז ספּאַרטאַק פאַרהאַלטען געוואָרע לעבען דער פּוציגישער אָזערע, צוליעב דער פאַרפּלייצונג פון דעם טייך וועלין, וואָס איז פאָרגעקומען גאָר אומגעריכט. אַ גאַנצער טאָג איז אַוועק אויף איינצואָרדנען אַ שווים־בריק און אַ צווייטער טאָג איז אַוועק אויף אַריבערצופיהרען איבער איהם די אַרמיי.

זיך דערוויסענדיג וועגען דעם שונא׳ס געדריקטער לאַגע, האָט קראַס געוואָלט זיך באַנוצען מיט דעם. ער האָט מומי׳ן אַוועק־געשיקט מיט דריי לעגיאָנען איבערצושניידען ספּאַרטאַק׳ן דעם וועג, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט ספּאַרטאַק׳ען נאָכיאָגען פון דער הינטער זייט. דערביי האָט ער שטרענג פאַרזאָגט מומי׳ן ניט אָנצופאַלען אויף די גלאַדיאַטאָרען, ביז וואַנען ער אַליין וועט זיך ביי זיי ניט באַווייזען פון דער הינטער זייט.

מומי האָט פּינקטליך אויסגעפיהרט די ערשטע העלפט פון זיין קאָמאַנדיר׳ס באַפעהל און אויפ׳ן דריטען טאָג באַגינען איז

אנגעקומען צום אָרט, וואוהין ספּאַרטאַק האָט באַדאַרפט אַריבער־פיהרען זיין אַרמיי.

אַזוי ווי ספּאַרטאַק האָט יעדע מינוט געקענט אָנקומען, האָט מומי ניט געלאָזט זיינע סאָלדאַטען זיך אָפּרוהען און ער האָט זיך מיט זיי באַהאַלטען אין די שפּאַלטען פון די אַפּעניניעשע בערג. דאָ האָט ער פאַרנומען אַ אומצוגענגליכע פּאָזיציע ביים צופוסען פון אַ משופּע'דיגען באַרג, האָבענדיג בדעה מאָרגען צו געהן ווייטער.

די לעגיאָנען־קאָמאַנדירען, וואָס זיינען געווען אונטער זיין קאָמאַנדע, האָבען איהם גענומען איינרעדען זיך צו באַנוצען מיט דער געלעגענהייט און דערלאַנגען ספּאַרטאַק'ען אַ טויט־קלאַפּ, ווייל דער אָרט איז אַ ענגער און ער וועט זיך קענען באַנוצען מיט דעם, וואָס זיין אַרמיי איז גרעסער.

זיי האָבען אַזוי איבערצייגענד באַוויזען די פאָרצוגען פון דער פאַרנומענער פּאָזיציע, אַז מומי אַליין האָט גענומען גלויבען אין דער מעגליכקייט פון אַ זיעג. ער האָט אָפּגעגעבען אַ באַפעהל זיך צו גרייטען צו דער שלאַכט.

אין גיכען האָבען זיך באַוויזען די גלאַדיאַטאָרען און ביידע צדדים זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ שלאַכט.

זעהענדיג אַ פאָלשטענדיגע אומעגליכקייט פאַנאַנדערצואוויק־לען גאָר זיינע קרעפטען אויף אַזאַ'ן ענגען שטח, האָט ספּאַרטאַק אַרויסגעשטעלט געגען די רוימער בלויז צוויי פון זיינע לעגיאָנען, און אַלע פיילען-וואָרפער פון די איבעריגע לעגיאָנען האָט ער גע־הייסען זיך פאַרקלייבען אויף די בערג אָפּהאַנגען און אַרומגעהן דעם שונא פון ביידע פלאַנקען און פון הינטען.

אין אַ שעה צוויי—דריי אַרום האָבען די רוימער, צו זייער גרויסער ערשטוינונג און שרעק, דערזעהען, אַז די שפּיצען פון די אַרומיגע בערג זיינען פאַרנומען פון די גלאַדיאַטאָרען, וואָס האָבען געוואָרפען וואָלקענס פיילען, שפּיזען און שטיינער.

אַ בייזע מורא איז אָנגעפאַלען אויף מומי'ס אַרמיי, און, אוועקוואַרפענדיג זייערע געוועהר, האָבען די סאָלדאַטען גענומען לויפען וואו זיי האָבען נאָר געקענט. די גלאַדיאַטאָרען האָבען זיי

נאָכגעיאָגט, זיך באַוויזענדיג פון הינטער יעדען קוסט, פון הינטער יעדען בארג.

איבער זיבען טויזענד רוימער זיינען געפאַלען אין דער דאָזיגער שרעקליכער שלאַכט.

17־טער קאפיטעל.

די שלאכט ביי גארגאנא.

אבוואהל די מפלה פון די רוימער אין דער לעצטער שלאכט איז געווען א פאלשטענדיגע, האט עס אבער קראס׳ן ניט פיעל געשאדט, פונקט אזוי ווי ספארטאק האט דערפון ניט געהאט קיין באזונדערען פארצוג.

זיך דערוויסענדיג, אז קראס געפינט זיך הינטער איהם, האט ספארטאק, ס׳פארשטעהט זיך, ניט געקענט געהן אויף רוים. ער האט דעריבער באשלאסען זיך אומצוקעהרען צוריק אין קאמפאניען, כדי אפצוציהען זיין געגנער וואס ווייטער פון רוים, פון וואנען ער האט שטענדיג געקאנט צוקריגען נייע פארשטארקונגען.

די מפלה פון מומי׳ן, וואס איז אייגענוויליג אריינגעקראכען אין שלאכט מיט די גלאדיאטארען, און דאס שענדליכע אנטלויפען פון זיינע לעגיאנען האבען קראס׳ן שרעקליך אויפגעבראכט.

כדי איינצושרעקען זיינע סאלדאטען און צו פארהיטען אזא זאך אין דער צוקונפט, האט ער באשלאסען צו באשטראפען די אנטלאפענע מיט דער שטרענגער שטראף — דעצימאליא, וואס נאר אין זעלטענע פעלע פלעגען די קאמאנדירען אנווענדען. דעצימאליא איז באשטאנען אין דעם, וואס פון יעדען צעהנדליג פארזינדיגטע, פלעגט מען אויסקלייבען דורך א גורל איינעם, און איהם פלעגט מען באשטראפען: צוערשט פלעגען די ליקטארען איהם שמייסען מיט ריטער, און דערנאך פלעגען זיי איהם אראפהאקען דעם קאפ.

די דאזיגע שרעקליכע שטראף, וואס ניט זעלטען פלעגען גאנץ אומשולדיגע צו איהר געפרובט ווערען, האט אויף די רוימישע סאלדאטען געמאכט א שווערען איינדרוק. צווישען די ביין הונדערט שולדיגע, וואס זיינען צוגע׳משפט געווארען צו דער דאזיגער שענדליכער שטראף, זיינען געווען מומי׳ס פינף לעגיאנען, וואס

האָבען אַרויסגעוויזען וואונדערליכע גבורות אין דער צייט פון דער שלים־מזל'דיגער שלאַכט. זייער שטראָף, וואָס האָט אויסגעקויפט די שטראָף פון אַנדערע, האָט אַרויסגערופען אַלגעמיינעם באַדויערען.

א באַזונדערען רחמנות האָט אַרויסגערופען דער צוואַנציג־יאָהריגער יונגער מאַן, עמילי גלאַבריאָן.

ער האָט אַרויסגעוויזען אַ מוטיגען ווידערשטאַנד געגען די גלאַדיאַטאָרען, קעמפפענדיג אין די ערשטע רייהען, און ניט קוקענדיג אויף די צוויי וואונדען, וואָס ער האָט געקראָגען, איז ער געבליבען אויף זיין אָרט און האָט ערמוטיגט זייגע חברים.

נאָר אין דער מהומה האָט איהם די גאַנצע מאַסע מיטגעשלעפּט מיט זיך אין געלויף. אַלע האָבען דאָס געוואוסט און האָבען הויך וועגען דעם געמאָלדען פאַר דער גאַנצער אַרמיי. אָבער דער גורל איז געפאַלען אויף איהם און ער האָט געמוזט אומקומען.

אַלס באַזונדערען חסד האָט ער נאָר געבעטען, אַז פאַר זיין העלדישקייט, וואָס אַלע גיבען צו, זאָל דעם ליקטאָר'ס שטעקען ניט באַריהרען זיין רוקען, איידער די האַק וועט אַרונטערהאַקען זיין קאָפּ.

— איך בין מסכים אויף דיין בקשה, נאָבעלער יונגער מאַן, — האָט קראַס געענטפערט, — און איך באַדויער זעהר שטאַרק, פאַרוואָס איך קען דיר ניט שענקען דאָס לעבען, וואָס דו ביזט עס אַזוי ווערט.

— שטאַרבען אויפ'ן שלאַכטפעלד פון שונא'ס האַנט אָדער דאָ פון ליקטאָר'ס האַנט איז פאַר מיר אַלץ איינס, — האָט עמילי גלאַבריאָן געזאָגט, — זאָל נאָר מיין טויט ברענגען נוצען מיין פאָטערלאַנד. זאָלען נאָר אַלע וויסען, זאָל וויסען מיין מוטער אין רוים, זאָל וויסען דאָס פאָלק און דער סענאַט, אַז איך בין ניט געווען פייג און בין געשטאָרבען ניט פאַרפלעקענדיג מיין עהרע.

— ניין, ניין! דו וועסט ניט שטאַרבען, העלדישער יונגער מאַן! — האָט אויסגעשריען אַ סאָלדאַט פון אַ יאָהר דרייסיג, אַרויסטרעטענדיג פון די רייהען פון מומי'ס לעגיאָנען, און, ווענדענדיג זיך צו קראַס'ען, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— העלדישער קראַס! איך בין געווען אין רייהע מיט איהם

און האָב געזעהן, ווי ער, א פאַרוואונדעטער, האָט העלדיש זיך פאַר־טיידיגט אין יענער צייט, בעת מיר אַלע האָבען גענומען לויפען, אָבער די גאַנצע מאַסע, לויפענדיג, האָט איהם אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך. בעסער זאָל מען מיר באַשטראָפען, ווייל איך בין אנטלאָ־פען, אָבער ניט איהם, וואָס האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַן עכטער רוימער פון די אַמאָליגע צייטען!

דער טאַט פון דעם דאָזיגען סאָלדאַט, הגם ער איז געווען פון די, וואָס זיינען אַנטלאָפען, וואָס האָט אָבער איצט אַרויסגע־וויזען אַזא נאָבעלקייט, האָט אַרויסגערופען ביי אַלעמען גרויס מיטגעפיהל. צווישען איהם און דעם יונגען מאַן איז ענטשטאַנען א ריהרענדער ספּאָרט, ווער פון זיי זאָל שטאַרבען.

דאָך איז קראַס געבליבען אומערביטליך, און דעם יונגען מאַן האָט מען איבערגעגעבען צום ליקטאָר.

אַלע זייגען געבליבען ווי פאַרגליווערט פון אימה. א סך סאָלדאַטען האָבען געוויינט, אַנדערע האָבען געזיפצט.

— אויב איהר האָט ווירקליך מיטלייד מיט מיר און אויב איהר ווילט פאַרזיסען מיינע לעצטע מינוטען, — האָט עמילי גלאבריאַן געזאָגט, — שווערט, אַז איהר וועט גיכער שטאַרבען ביז'ן לעצטען, איידער נאָך אַמאָל אַנטלויפען פאַר די פאַרהאַסטע שקלאַפען.

— מיר שווערען! מיר שווערען! — האָבען די שולדיגע לעגיאָנען גענומען שרייען.

— אַלע שווערען מיר! — האָבען די איבעריגע לעגיאָנען אונטערגעכאַפּט.

— די גרויסע געטער וועלען ניט פאַרלאָזען רוים! — איך שטאַרב רוהיג! — האָט דער אומגליקליכער יונגער מאַן אויסגע־שריען, אונטערשטעלענדיג אונטער דער האַק זיין באַקעטע האַלז.

מיט א פלינקען און געשיקטען קלאַפּ האָט דער ליקטאָר אָפּ־געהאַקט דעם בלאָנדען קאָפּ, וואָס איז מיט איין מינוט פריהער נאָך פול געווען מיט'ן געדאַנק וועגען דעם גליק פון זיין פאַטערלאַנד.

קראַס האָט זיך אָפּגעקעהרט, כדי צו באַהאַלטען די צוויי

גרויסע טרעהרען, וואָס האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט איבער זיינע באַקען.

נאָך דער הינריכטונג האָט ער געהייסען ווידער פאַנאַנדער־געבען געוועהר די פאַרזינדיגטע לעגיאָנען און ער האָט זיך צו זיי געווענדעט מיט אַ קורצער רעדע, אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז זיי וועלען קיינמאָל מעהר זיך ניט אויפיהרען אַזוי, אַז ער זאָל זיין געצוואונגען אָנצואווענדען אַזאַ שרעקליכע שטראָף.

נאָכדעם ווי די קערפּערס פון די הינגעריכטעטע זיינען פאַר־ברענט געוואָרען, האָט קראַס געהייסען ארונטערנעמען דעם לאַגער און האָט זיך אוועקגעלאָזט נאָכיאָגען ספּאַרטאַק׳ן.

ספּאַרטאַק, זעהענדיג, אַז דער וועג צו רוים איז איהם אָפּ־געשניטען, איז געשווינד דורכגעגאַנגען דורך קאַמפּאַניען און סאַמ־ניאום און האָט ווידער זיין ארמיי געפיהרט אין אַפּוליא, אום צו פאַרנאַרען אַהין קראַס׳ן.

אין צוויי וואָכען ארום איז קראַס צוגעקומען צו סיפּאָנט, וואו ספּאַרטאַק האָט איהם שוין אונטערגעוואַרט. ער האָט זיך פאַר־פעסטיגט אין לאַגער ניט ווייט פון שטאָדט.

קראַס האָט אויך געהייסען אויפשלאָגען אַ לאַגער און, ארומ־רינגלענדיג זיך מיט ברייטע גראָבענס, האָט ער גענומען וואַרטען אויף אַ פּאַסיגע געלעגענהייט, כדי אָנצוהויבען אַ שלאַכט.

דריי טעג זיינען אַזוי אָפּגעשטאַנעןביידע אַרמייען איינע קעגען דער צווייטער.

אויפ׳ן פערטען טאָג, שפּעט ביינאַכט, בעת אַלעס האָט נאָך געשלאָפען אין רוימישען לאַגער, האָט מען קראַס׳ן אויפגעוועקט און איהם איבערגעגעבען, אַז אַ שליח פון די גלאַדיאַטאָרען וויל מיט איהם ריידען וועגען אַ וויכטיגען ענין אויג אויף אויג.

קראַס איז באַלד אויפגעשטאַנען און האָט געהייסען ארייג־פיהרען דעם גלאַדיאַטאָר.

דאָס איז געווען עווטיבידא, וועלכע איז געקומען פאַרראַטען איהרע וואַפען־חברים.

אָנפאַנגס האָט קראַס זי ניט דערקענט און ער האָט זיך זעהר געוואונדערט, בעת ער האָט דערזעהן, אַז פאַר איהם, אין זעלנער־

שע קליידער, שטעהט עווטיבידא, די זעלביגע עווטיבידא, וואָס האָט אמאָל מיט איהר שעהנקייט און שאַרפזין באַצויבערט אַלע באַזוכער פון איהר פּראַכטפולען פּאַלאַץ.

קראַס אַליין איז געווען איינער פון איהרע באַזוכער.

ווי'סענדיג, ווי פאַלש און כיטרע די דאָזיגע שעהנע פרוי איז שטענדיג געווען, האָט ער לאַנג ניט געוואָלט גלויבען, אַז זי וויל שלעכטעס טאָן די גלאַדיאַטאָרן און אַז ספּאַרטאַק האָט זי ניט אונ־טערגעשיקט, כדי צו פאַרנאַרען די רוימער אין אַוועלכער עס איז אונטערגעשטעלטער פּאַסטקע.

דאַן האָט עווטיבידא אָפּענהערציג דערצעהלט קראַס'ן, ווי אַזוי און פאַר וואָס זי האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די גלאַדיאַטאָרן, ווי זי האָט זיך אָפּגענאַרט אין איהרע אויסרעכענונגען און האָט גענומען האַסען ספּאַרטאַק'ן.

קראַס האָט נאָר געהערט און סקעפּטיש געשמייכעלט.

— מיט וואָס ריזיקירסטו, אויב דו וועסט מיר גלויבען! — האָט עווטיבידא אויסגעשריען מיט פאַרצווייפלונג. — הער מיר נאָר אויס אויפמערקזאַם! מאָרגען וועסטו זיך איבערצייגען, אַז איך האָב דיר פאַלשטענדיג איבערגעגעבען וועגען דעם, וואָס ספּאַר־טאַק פאַרטראַכט קעגען דיר.

— דו ווייסט אפילו, וואָס ספּאַרטאַק האָט פאַרטראַכט קע־גען מיר? — האָט קראַס שפּאָטלוסטיג געפרעגט.

— דערפאַר בין איך דאָך געקומען צו דיר. איך וויל דאָך ניט, אַז זיין פּלאַן זאָל זיך איהם איינגעבען.

און עווטיבידא האָט דערצעהלט ספּאַרטאַק'ס פּלאַן:

מאָרגען, אין מיטען העלען טאָג, וועט ספּאַרטאַק לפנים וועגען זיך צוקריגען מיט קריקס'ן און מיט א גערויש וועט ער ארויסטרע־טען פון לאַגער מיט אַכט לעגיאָנען און מיט קאַוואַלעריע. קריקס וועט בלייבען אין לאַגער, פאַרשפּרייטענדיג צווישען די אַרומיגע איינוואוינער אַ קלאַנג, אַז ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון ספּאַר־טאַק'ן. אויב קראַס, גלויבענדיג אין די דאָזיגע קלאַנגען, וועט אָנפאַלען אויף קריקס'ן, וועט ספּאַרטאַק, וואָס וועט ליגען באַהאַל־טען אין טאָל, אַטאַקירען די רוימער פון דער הינטערשטער זייט.

דאס האט זיך איהם געלייגט אויפ'ן שכל און ער האט געגו־מען גלויבען.

— גאר אזוי, אט דאס האט ער פארטראכט! — האט קראס געזאגט. — אבער ס'איז נאך א פראגע, צי איך וואלט אריינגעפא־לען אין זיין פאסטקע.

— דו וואלסט אריינגעפאלען, ווען ניט איך! — האט עוו־טיבידא געענטפערט, — און אויב דו וועסט מיר גלויבען, קאנסטו ניט נאר אויסמיידען זיין נעץ, נאר איהם אליין פארפלאנטערן אין זיין אייגענער נעץ. ווילסטו פארטיליגען קריקס'עס זעקס לעגיא־נען, און דערנאך אויך די איבעריגע אכט, וואס וועלען אוועקגעהן מיט ספארטאק'ן?

זעהענדיג, אז קראס גלויבט איהר נאך אלץ ניט אינגאנצען, האט עווטיבידא זיך באמיהט איהם צו איבערצייגען אזוי, אז עס זאל ביי איהם קיין צווייפעל ניט בלייבען. מיט דעם דאזיגען צוועק האט זי איהם געגומען ערקלערען וואס ער דארף טאן.

באלד באגינען נעהם ארונטער דיין לאגער און געה אויף סי־פאנט, — האט זי איבערצייגענד געזאגט. — דו וועסט אהין קומען פונקט אין דער צייט, בעת ספארטאק וועט שוין זיין ווייט פון דארט, א מייל פופצעהן אדער צוואנציג. ער וועט ווארטען אויף מיין ידיעה וועגען דיין צוג, ווייל איך בין זיכער, אז מיר וועט מען איבערגעבען די שליחות צו ברענגען אט די ידיעה. איך, פון מיין זייט, וועל איהם מעלדען, אז דו שטעהסט נאך אלץ אויף אנ'ארט. דאן וועל איך זיך אומקערען צו קריקס'ען און איהם זאגען, אז ספאר־טאק האט איהם געהייסען געהן צום גארגאנישען בארג און זיך דארט פארטיידיגען, אויב דו וועסט אויף איהם אנפאלען. אויף אזא'ן אופן, וועט קריקס זיך געפינען נאך ווייטער פון ספארטאק'ן, און דאס וועט דיר געבען א מעגליכקייט איהם צו צוקלאפען א סך פריהער, איידער ספארטאק וועט זיין אימשטאנד איהם צו קומען צו הילף, ווען אפילו ער זאל אויף א וועלכען עס איז אופן געוואהר ווערען וועגען דיין אנפאל אויף קריקס'ן.

קראס האט מיט פארוואונדערונג געהערט, ווי די דאזיגע אומווירדיגע פרוי האט מיט אזוי פיעל פארשטענדניס איהם אי־

בערנגעבען דעם גאנצען פּלאן, וואָס זי האָט אויסגעארבייט, א פּלאן, וואָס ביטרער פון איהם וואָלט אפשר קראַס אליין ניט גע־קאָנט אויסטראכטען.

— דו ביסט א שרעקליכע פרוי! — האָט ער געזאָגט, בעת זי האָט געענדיגט.

— און ווי געפעלט דיר מיין פּלאן? — האָט עווטיבידא גע־פרעגט.

— אין גיהנום אליין וואָלט מען קיין בעסערען ניט געקאָנט אויסטראכטען, — האָט קראַס געענטפערט, — און אויב אלץ וועט געהן כשורה אזוי, ווי דו לייגסט אוים, וועט דער סענאט דיר גוט באלוינען.

— וואָס געהט מיר אָן אייער סענאט! וואָס דאַרף איך א באלוינונג! — האָט עווטיבידא געזאָגט מיט פאראכטונג און איהרע אומנאטירליך בלישצענדיגע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א בייז פייערל. — איך וויל נקמה נעהמען! פארשטעהסטו דאָס? — האָט זי צוגעגעבען מיט אכריפענדיגען פליסטער: — איך וויל זעהן ספּארטאַק'ן א באזיעגטען, א צעוואונדעטען, א שטארבענדען אויפ'ן שלאכט־פעלר.

ביי די לעצטע ווערטער איז איהר פּנים געוואָרען אזוי שרעק־ליך, אז קראַס אליין האָט דערפיהלט צו איהר שרעק און עקעל.

פונדעסטוועגען האָט ער באשלאָסען זיך צו פארלאָזען אויף דער עצה פון דער דאָזיגער שרעקליכער פרוי, ווייל ער איז ניט גע־ווען קיין איבערקלייבער אויף מיטלען, וואָס האָבען איהם געקאָנט ברענגען א זיעג.

באגינען האָט ער זיך ארונטערגענומען פון לאגער און איז אוועק צו סיפּאָנט, אוועקשיקענדיג פאָראויס אָן אוואנגארד פון פינף הונדערט רייטער מיט א באפעהל אויפמערקזאם אויסצור־פאָרשען די געגענד, צי דער שונא האָט ערגעץ וואו ניט אונטערגע־שטעלט א פאסטקע.

דערווייל האָט ספּארטאַק מיט אכט לעגיאָנען און מיט רייטער זיך פארנומען צו באַרדאָלא, איבערלאָזענדיג קריקס'ן מיט זעקס לעגיאָנען אין סיפּאָנט.

פון די ארומיגע איינוואוינער האָבען קראַס'עס אויסזעהער דערהערט, אז צוליעב אינערליכע צאַנקערייען איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער גלאַדיאַטאָרישער אַרמיי. איין טייל פון דער ארמיי מיט קריקס'ן אַלס אָנפיהרער, האָט געוואָלט ארויסטרעטען קעגען קראַס'ן, דער צווייטער טייל, אונטער ספּאַרטאַק'ס קאָמאַנ־דע, איז אוועק אויף רוים.

קראַס האָט מיט פארגעניגען אויסגעהערט די דאָזיגע מעלדונג.

„ביז איצט", האָט ער זיך געטראַכט, „ווערען עווטיבידא'ס ווער־טער פארווירקליכט. דאָס איז אַ גוטע פאָרבאַדייטונג פאַר דער צוקונפט".

גאָר אין גיכען זיינען אויך פאָרווירקליכט געוואָרען די איבע־ריגע פארשפּרעכונגען פון דער ביטערער גריכין.

בעת זי איז צוגעפאָהרען צו ספּאַרטאַק'ן, וועלכער איז געלע־גען באַהאַלטען מיט זיינע לעגיאָנען אין די וואַלד גראַבענס, ניט ווייט פון יענע, האָט ער מיט אומרוהיגקייט זי געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך?

— קראַס איז נאָך ניט ארויס פון לאַגער, און ביז איצט איז נאָך קיין סיגנאַל ניט געגעבען געוואָרען אויף ארויסצוטרעטען.

— דער דאָזיגער קראַס איז פיעל קליגער, ווי איך האָב גע־מיינט! — האָט ספּאַרטאַק אויסגעשריען.

ער האָט זיך אויף אַ ווייל פארטראַכט און צוגעגעבען:

— קעהר זיך אום צו קראַס'ן און זאָג איהם, אַז ער זאָל בשום אופן זיך ניט ריהרען פון אָרט. אויב די רוימער וועלען מאַכען אַן אָנפאַל, זאָל ער באַלד צו מיר ארויסשיקען דריי עסטאַפעטען — איינעם נאָכ'ן צווייטען אין פארלויף פון יעדער פערטעל שעה. פון דריי וועט לכל הפחות איינער צו מיר אָנקומען. איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר מיר דאכט זיך, אַז אזא פאָרזיכטיגקייט פון קראַס'עס זייט איז ניט קיין גוטער סימן.

נאָכדעם ווי עווטיבידא איז אוועק האָט ספּאַרטאַק נאָך לאַנג זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דער אַנגסטליכער אומרוהיגקייט, וואָס די דאָזיגע ידיעה האָט אויף איהם אָנגעיאָגט, און ער האָט

בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטעהן, פאַר וואָס האָט אַזאַ אומבאַ־דייטענדע מעלדונג איהם געקאָנט אַזוי שטאַרק אויפרודערן.

דערווייל איז עווטיבידאַ אוועק אין קריקס'עס לאַגער און איהם געהייסען באַלד זיך צוגרייטען צו דער ארויסטרעטונג, אום צו געהן צום גאַרגאַנישען באַרג.

באַגינען האָבען גלאַדיאַטאָרען זיך אַרונטערגענומען פון לאַגער, און אין פיער שעה ארום זיינען זיי אָנגעקומען צום צופוס פון באַרג, פון וואַנען עס האָט זיך געעפענט אַ אָנזיכט אויף דער גאַנצער ברייטער עבענע פון אדריאַטישען ים מיט די זעגלען פון די פישער שיפלאַך, וואָס האָבען זיך אויף איהם געבלייכט.

באַקוקענדיג די געגענד, האָט קריקס אויסגעקליבען אַ באַקוועמען און גוט פאַרטיידיגטען אָרט אויך אויפצושטעלען אַ לאַגער. אָבער איידער מ'האָט נאָך באַוויזען אויפצושטעלען דעם לאַגער, האָט זיך דורך די גלאַדיאַטאָרישע רייהען דורכגעטראָגען אַ גע־שריי:

— די רוימער. די רוימער!...

דאָס זיינען ווירקליך געווען קראַס'עס לעגיאָנען. נאָכפאָל־גענדיג די אָנצייגונגען פון דער געמיינער פאַררעטעריו, זיינען זיי געגאַנגען נאָך קריקס'עס שפורען, וועלכער האָט זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון ספּאַרטאַק'ן.

פונדעסטוועגען האָט קריקס זיך ניט פאַרלוירען ביי דעם דאַזיגען אומגעריכטען אָנפאַל און מיט אַ מוטיגער רוהיגקייט פון אַ העלדישען ארמיי־פיהרער האָט ער זיינע לעגיאָנען גענומען בריינ־גען אין אַ מיליטערישען אָרדנונג, נעמענדיג אין אָנבעטראַכט די באַדינגונגען פון דער געגענד.

אויסשטעלענדיג אין אַ שלאַכט־ליניע פיער לעגיאָנען, האָט ער מיט זיי פאַרנומען אַ שטרעקע צווישען צוויי משופע'דיגע בערג. זיך איינשפּאַרענדיג אין זיי מיט ביידע פלאַנגען. די איבעריגע צוויי לעגיאָנען האָט ער איבערגעלאָזט אין רעזערוו, אום, אין אַ נויטפאַל, צו האָבען מיט וואָס צו פאַרשטאַרקען די פונקטען, וואָס זיינען אַממייסטען אין געפאַהר.

און די רוימישע לעגיאָנען האָבען מיט גרויס אימפּעט זיך א וואָרף געטאָן אויף די גלאַדיאַטאָרן.

די ווילדע געשרייען פון די קעמפּענדע, דער בראַזג פון די וואפען, די קרעכצען און יאָמערן פון די שטאַרבענדע האָבען צו־שטערט די אייביגע שטילקייט פון די דאָזיגע וויסטע בערג, שרעק־קענדיג די פויגלען און די וואַלד חיות.

קריקס איז ארומגעגאַנגען די רייהען פון די גלאַדיאַטאָרען, קראַס — די רייהען פון די רוימער, אוןביידע קאָמאַנדירען האָבען ערמוטיגט און באַגייסטערט זייערע סאָלדאַטען.

ביידע צדדים האָבען געקעמפט העלדיש און עקשנות'דיג.

דער לינקער פלאַנג פון די גלאַדיאַטאָרן איז ניט אַטאַקירט געוואָרען, ווייל די רוימישע לעגיאָנען, וואָס זיינען געווען אויסגע־שטעלט אין טיפע רייהען, האָבען איבער'ן פראָנט פאַרנומען ווייניגער אָרט, ווי די גלאַדיאַטאָרן. אויף אזא'ן אופן זיינען דריי טויזענד מאַן פון פערטען גלאַדיאַטאָרשען לעגיאָן געבליבען איינפאַכע צושויער פון דער שלאַכט.

זעהענדיג, ווי אומגעדולדיג זיינע סאָלדאַטען זיינען, האָט דער קאָמאַנדיר פון דעם דאָזיגען לעגיאָן, אָנאַצי, זיך א וואָרף געטאָן מיט זיי אויפ'ן רעכטען פלאַנג פון די רוימער און האָט באַלד פאַר־ווירט זייער לעגיאָן, וואָס איז געשטאַנען גאָר צום לעצטען.

אָבער דער דאָזיגער טריאומף איז נאָר געווען אויף א וויילע. דער קוועסטאָר סקראָף, וואָס האָט קאָמאַנדירט מיט דעם דאָזיגען פלאַנג, האָט זיך א לאָז געטאָן צום אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער רעזערוו פון דער רוימישער קאַוואַלעריע און האָט געהייסען דעם קאַוואַלעריע־קאָמאַנדיר, קנעי קווינט, א קלאַפּ טאָן מיט זעקס טויזענד רייטער אויפ'ן לינקען פלאַנג פון די גלאַדיאַטאָרן, וועלכער איז געבליבען אומבאַשיצט צוליעב אָנאַצי'ס אומפאָרזיכטיגקייט.

אין איין אויגענבליק האָט די רוימישע קאַוואַלעריע ארומגע־כאַפּט פון הינטען דעם גלאַדיאַטאָרשען לינקען פלאַנג און וואָלט איהם צוהאַקט, ווען קריקס וואָלט ניט ארויסגעשיקט אַנטקעגען איינעם פון די רעזערוו לעגיאָנען. אָבער דער דאָזיגער לעגיאָן האָט נאָך ניט באַוויזען צו פאַרנעהמען דעם אָרט, וואָס אָנאַצי

האָט איבערגעלאָזט, און קראַס האָט שוין אויף איהם א לאַז געטאָן צוויי נייע לעגיאָנען פון רעזערוו. אויסער דעם זיינען נאָך זעקס טויזענד רוימישע וואַרפער ארויסגעשיקט געוואָרען ארומצוגעהן דעם רעכטען גלאַדיאטאָרשען פלאַנג. העלדיש קלעטערענדיג אי־בער די משופּע'דיגע בערג, זיך איינדראַפּענדיג אין די ארויסגע־סטאַרטשעטע פעלזענשטיינער, האָבען די רוימער זיך אריבערגע־צויגען איבער'ן בארג און האָבען אָנגעגריפען די גלאַדיאטאָרן פון דער הינטערשטער זייט.

נאָר איין לעגיאָן איז קריקס'ן געבליבען אין רעזערוו און ער האָט איהם ארויסגעשיקט אנטקעגען דעם נייעם שונא. איצט האָט שוין אָבער קיין זאך ניט געקאָנט ראַטעווען די גלאַדיאטאָרן. ניט קוקענדיג אויף זייער וואונדערליכער העלדישקייט און שטאַנד־האַפטיגקייט, האָבען זייערע לעגיאָנען געמוזט פאַלען אונטער דעם אָנדראַנג פון א שונא, וואָס איז געווען כמעט דרייפאַך שטאַרקער, באַגייסטערט מיט דער זיכערקייט פון א נאָהענטען זיעג און מיט'ן דורשט אָפּצוּוואַשען פון זיך די שאַנד פון דער פריהערדיגער מפּלה.

אין גיכען האָבען ביידע גלאַדיאטאָרשע פלאַנגען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעציעלט די הויפּט קרעפטען פון די רוימער, באַדייטענד אָפּגעטראָטען אויף צוריק, עפענענדיג אויף אזא'ן אופן פון ביידע זייטען א פרייען דורכגאַנג פאַר די רוימישע רעזערוו־לעגיאָנען. ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, האָבען די גלאַדיא־טאָרן פאָרטגעזעצט די שלאַכט מיט גרויס מוט, באַשליסענדיג זיך צו פאַרטיידיגען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט.

קריקס האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אז ספּאַרטאַק וועט אונטערקו־מען און מיט א פאַרגליווערט האַרץ האָט ער געקוקט אין יענער זייט, פון וואַנען די הילף האָט צו איהם געקאָנט קומען. אָבער ספּאַרטאַק איז ניט געקומען, און די גלאַדיאטאָרשע רייהען זיינען אַלץ שיטערער געוואָרען. שוין צוויי פערד זיינען אונטער קריקס'ן גע'הרג'עט געוואָרען, ער האָט זיך אָבער געזעצט אויף א דריטען און איז געבליבען אויפ'ן זעלביגען אָרט.

— ברידער! ס'איז צייט צו שטאַרבען! — האָט ער אויסגע־שריען צו די חברים, פאַרלירענדיג יעדע האָפנונג אויף רעטונג.

פעסט צונויפדריקענדיג דעם שווערד אין זיין מעכטיגער האנט, איינגאנצען אפגעגאסען מיט בלוט פון די רוימער, וואס ער האט אויסגע'הרג'עט, האט דער דאזיגער מוטיגער קאמאנדיר אנגעשפארט זיין פערד און מיט א ווילדען אימפעט זיך ארויפגעווארפען אויף די רוימער, וואס האבען ארומגערינגעלט עטליכע גלאדיאטארן, וועלכע האבען פארצווייפעלט זיך אפגעוועהרט פון זיי.

זיין ביישפיעל האבען נאכגעפאלגט נאך פינף־זעקס העלדען.

— עי, איהר! — האט קריקס הויך גענומען שרייען: — איהר זייט העלדיש נאר דאן, בעת איהר זייט דריי קעגען איינעם! קומט איצט ארויס, האט קיין מורא ניט! איצט זיינען מיר פינף קעגען אייער איינעם.

דערביי האט ער מיט זיינע באגלייטער געקאסעט די רוימער רעכטס און לינקס און זיי געטרעטען מיט די פערד.

די רוימער האבען זיך שוין געהאט א ציה געטאן אויף צוריק, אבער, דערזעהענדיג, ווי אומבאדייטענד עס איז די צאהל פון די אנפאלער, האבען זיי זיך אויף זיי א לאז געטאן און ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

צעוואונדעטע און אראפגעשלאגענע פון די פערד האט קריקס מיט זיינע חברים פארטגעזעצט זיך צו פארטיידיגען, ביז אלע פון זיי זיינען אומגעקומען. אין דער דאזיגער אימה'דיגער שלאכט איז אויך געפאלען קריקס, זיין קערפער האט מיט זיך פארגעשטעלט איין גרויסע וואונד.

שטארבענדיג, האט ער זיך אומגעקערט צום רוימער, וואס האט איהם דערלאנגט דעם טויט־קלאפ און, דורכשטעכענדיג איהם מיט'ן שווערד, איז ער צוזאמען מיט איהם געפאלען אויף דער ערד.

— איך שווער ביי די געטער, — האט אויסגעשריען א וועטעראן, — איך האב נאך ניט געזעהן אזא לעבענסקרעפטיגען מענשען!

— און וויפיעל האט ער אונזערע אויסגעלייגט! — האט א צווייטער רוימער באמערקט, אנווייזענדיג אויף די קופעס הרוגים, וואס האבען קריקס'ן ארומגערינגעלט.

אזוי האָט זיך געענדיגט די שרעקליכע גארגאנישע שלאכט,
אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען דרייסיג טויזענד גלאדיאטאָרן
און צעהן טויזענד רוימער.
נאָר ארום אכט הונדערט מאן, ס'רוב שווער פארוואונדעטע,
האָבען די רוימער געגומען אין פלען.
אויף קראס'עס באפעהל זיינען זיי אלע געקרייציגט געוואָרען.

18־טער קאפיטעל.

קריקס׳עס לויה.

מיט א אומבאשרייבליכער אומרוהיגקייט האט ספארטאק דעם גאנצען טאג געווארט אויף די ידיעות וועגען דעם אנפאל פון די רוימער. צולעצט, זעהענדיג, אז קיינער באווייזט זיך ניט, האט ער געשיקט צו קריקס׳ן צוויי עסטאפעטען איינעם נאכ׳ן אנדערען. נאך נויטיגער איז דאס געווען דערפאר, ווייל ער האט לייגגער ניט געקאנט בלייבען אין זיין באהעלטענים צוליעב דעם, וואס זיין ארמיי האט אנגעגרייט פראוויזיע נאר אויף צוויי טעג.

בעת דער ערשטער עסטאפעט איז אנגעקומען אויפ׳ן ארט פון דעם פארלאזענעם לאגער, האט ער זיך אינגאנצען פארלארען, ניט וויסענדיג מיט וואס צו דערקלערען פאר וואס די גלאדיאטארן האבען דעם לאגער פארלאזען. ער האט אויך ניט געוואוסט ווי אזוי זיך צו דערקונדיגען עפעס וואס וועגען דעם. ער האט אבער אויפ׳ן וועג אנגעטראפען צוויי רייטער, וואס האבען איהם די גאנצע זאך קלאר געמאכט. דאס זיינען געווען קריקס׳עס שלוחים.

קריקס, נאכדעם ווי די רוימער האבען איהם פלוצלונג אנגעיאגט, האט באלד ארויסגעשיקט צו ספארטאק׳ן צוויי עסטאפעטען, אז ער זאל זיך באוועגען וואס האסטיגער. שטיצענדיג זיך אויף עווטיבידא׳ס מעלדונג, איז ער געווען פאלשטענדיג זיכער, אז ספארטאק גערהט שוין איהם ארויסהעלפען.

אט פון זיי האבען ספארטאק׳ס עסטאפעטען זיך דערוואוסט וועגען דער געשעהעניס.

עס איז איצט קלאר געווארען, אז עווטיבידא האט פארראטען די גלאדיאטארן.

ספארטאק׳ס עסטאפעטען זיינען געפלויגען צוריק און בעת

זיי האָבען איהם געמאָלדען וועגען דער געפאהר, אין וועלכער קריקס׳עס ארמיי געפינט זיך, האָט די שלאַכט ביי׳ם גארגאנישען בארג שוין געהאלטען ביים סוף.

די דאָזיגע טרויעריגע בשורה האָט ספארטאק׳ען ערשיטערט.

באאויפטראגענדיג גראניק׳ן האסטיג צו פיהרען די פוסגעהער, איז ער אליין מיט דער קאוואלעריע אוועקגעפלויגען פאָראויס.

ניט ווייט פון סיפּאָנט האָט ער אָנגעטראָפען א מאָן אכט פון קריקס׳עס רעגימענט, וואס זיי האָט זיך איינגעגעבען צו אנטלויפען פון שלאַכט־פעלד.

פון זיי האָט ספארטאק זיך דערוואוסט, אז פון קריקס׳עס זעקס לעגיאָנען איז קיין זאך ניט געבליבען אויסער קופּעס הרוגים.

— אָ, אומגליקליכע ברידער מיינע! מיין געליעבטער קריקס!

— האָט ספארטאק אויסגעשריען און, פארדעקענדיג דאָס פּנים מיט די הענט האָט ער הויך זיך פאנאנדערגעוויינט.

פארטרויערטע, מיט אראפּגעלאָזטע קעפּ, זיינען ארום איהם געשטאנען די גלאדיאטאָרן, און לאנג האָט קיינער פון זיי ביי זיך ניט גע׳פועל׳ט אָנצוהויבען ריידען מיט איהם.

צולעצט איז מאמילי צו איהם צוגעריטען און מיט א טאָן פון טיפען מיטגעפיהל האָט ער צו איהם געזאָגט:

— זיי פעסט אין דעם דאָזיגען גרויסען אומגליק, נאָבעלער פיהרער אונזערער!

— קריקס מיינער, מיין געליעבטער ברודער! — האָט ספּאר־טאק ווידערהאָלט כליפּענדיג.

— זיי מוטיג, ספארטאק! — האָט מאמילי פאָרטגעזעצט,— טראכט בעסער וועגען דעם, ווי אזוי מיר זאָלען ראטעווען די אי־בעריגע אכט לעגיאָנען.

— דו ביסט גערעכט, מאמילי, — האָט ספּארטאק געענט־פערט, באמיהענדיג זיך צו דערשטיקען זיינע געפיהלען, — מען דארף בעסער טראכטען וועגען זיי. מיר זיינען אין געפאהר אינ־גאנצען אומצוקומען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, און עטליפע מינוטען האָט מען נאָר געקאָנט הערען זיין שווערען אָטעם.

— מען מוז אוועקגעהן אין די בערג, — האָט ער צו לעצט געזאָגט, — נאָך דער דאָזיגער שלאַכט וועט קראַס ניט זיין אימשטאַנד זיך צו ריהרען פון אָרט פריהער, ווי אין צעהן-צוועלף שעה ארום. מען דאַרף זיך באַנוצען מיט דער דאָזיגער צייט, כדי אויסצובעסערען אונזער לאַגער.

באַלד איז אוועקגעשיקט געוואָרען צו גראַניק׳ן א שליח מיט א באַפעהל ער זאָל זיך צוריק אומקערען מיט די לעגיאָנען. און בעת די אויסגעמאַטערטע פערד האָבען זיך אביסעל אָפגערוהט, האָט די גאַנצע אָפטיילונג זיך אוועקגעלאָזט אויף צוריק.

אַלע קאָמאַנדירען האָבען איינשטימיג מסכים געווען אויף ספּאַרטאַק׳ס פּלאַן זיך אריבערצוקלייבען איבער די בערג אין לוקאַניען און דאָרט אָנזאַמלען נייע לעגיאָנען. אויב נאָך דעם וועט אויך ניט זיין מעגליך אריינצוטרעטען אין אַן אָפענער שלאַכט אויפ׳ס ניי דאָרט אויפבלאָזען דעם פלאַם פון שקלאַפען אויפשטאַנד, מיט קראַס׳ן, זאָל מען דעמאָלט אריבערציהען אין סיציליען און וואָס איז נאָך ניט אינגאַנצען פאַרלאָרען געוואָרען.

נאָך דעם האָט ספּאַרטאַק וויעדער איבערגעגעבען זיין ארמיי גראַניק׳ן און ער מיט דריי רייטער האָט זיך אוועקגעלאָזט אויפזוכען קריקס׳עס קערפּער, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס זיינע חברים האָבען איהם אָפגערעדט פון דער דאָזיגער ריזיקאַלישער אונטערנעמונג.

— איך וויל זיין קערפּער מקבר זיין מיט אַכטונג, — האָט ספּאַרטאַק געענטפערט זיינע חברים, — ער האָט עס ביי אונז פאַרדינט.

איהם איז אויסגעקומען צו וואַרטען אין וואַלד, ביז וואַנען די רוימער זיינען אוועק פון גאַרגאַנישען באַרג. דאַן איז ער ארויסגעגאַנגען פון זיין באַהעלטעניס און איז אוועק צום שלאַכט-פעלד.

איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, און דאָס האַרץ האָט איהם פאַרקלעמט קוקענדיג אויפ׳ן שלאַכט-פעלד.

דרייסיג טויזענד הרוגים האָבען באַדעקט דאָס ברייטע פעלד

כמעט ביז׳ן סאמע ברעג פון ים. גרויסע שייטערהויפענס, וואס האבען זיך נאך געדויכערט און פול געמאכט די לופט מיט א גערוך פון געברענטען פלייש, האבען עדות געזאגט, אז ניט ווייניג רוי־מער זיינען דא אויך אומגעקומען.

דער אנזיכט פון דעם דאזיגען אימה׳דיגען פעלד, וואו ס׳האט איצט געהערשט דער טויט, האט ארויסגערופען אין ספארטאק׳ס נשמה א פיינליכען צווייפעל: האט ער גוט געטאן, וואס ער האט פון לעבען אוועקגענומען אזוי פיעל מענשען און האט זיי אריינ־געשטויסען אין די ארעמס פון טויט?

די דאזיגע שרעקליכע פראגע האט פול געמאכט זיין הארץ מיט אן אומאויסשפרעכליכען צער. וואס מעהר ער האט געקוקט אויפ׳ן פעלד אלץ מעהר האט איהם געעגבערט אט די שרעקליכע פראגע, זיין הארץ איז שיער ניט צושפרונגען געווארען פון פיין און יסורים. עפעס אזוי ווי וועלענדיג אנטלויפען פון זיינע איי־גענע געדאנקען, האט ספארטאק אנגעשפארט דאס פערד און גע־נומען פליהען איבער׳ן שלאכטפעלד. אבער דאס פעלד איז גע־ווען אזוי געדיכט באדעקט מיט בערג הרוגים, אז ער האט זיך גע־מוזט אפשטעלען. ער איז אראפגעקראכען פון פערד און איז גע־גאנגען צופוס. אויף יעדען טריט האט ער זיך אנגעשטויסען אויף בלאסע, צוקרימטע, פארקריפעלטע און פארמלאזע פנימ׳ער פון באקאנטע אדער פריינד.

דער יונגער פעסאלאניק, וואס איז ביי אלעמען געווען בא־ליעבט פאר זיין היימליכקייט און איידעלען כאראקטער, איז גע־לעגען מיט א טיעפער וואונד אין זייט, מיט׳ן שווערד פעסט צו־נויפגעדריקט אין דער פארגליווערטער האנט. ניט ווייט פון איהם איז געלעגען מיט א צושפאלטענעם שארבען ברעזאוויר. ווייטער האט ספארטאק זיך אנגעשטויסען אויפ׳ן קערפער פון סאמניט ליווי גראנדעני, דער קאמאנדיר פון זעקסטען לעגיאן, און אויפ׳ן גאלל קאסט, דער קאמאנדיר פון דריטען לעגיאן, וועלכער האט נאך געהאט א פונק לעבען.

דערהערענדיג זיינע שוואכע קרעכצען, זיינען די גלאדיאטארן צו איהם צוגעלאפען און, אויפהויבענדיג איהם אויף די הענט, הא־

בען זיי איהם אוועקגעטראָגען צו זייערע חברים, וואָס האָבען געהיט די פערד, און יענע האָבען איהם געגעבען די מעגליכע הילף.

ארומגעהענדיג א פּאָר שעה איבער דעם דאָזיגען טאָל פון טויט, האָט ספּאַרטאַק צולעצט געפונען קריקס'עס קערפּער, א צוהאקטען און פארבלוטיגטען. נאָר דאָס פּנים איז געווען אומבארירט און אפילו נאָכ'ן טויט האָט עס אויסגעדריקט צאָרנדיגע ענטשלאָסענהייט און אומערשיטערליכען מוט, וואָס האָבען איהם אויסגעצייכענט ביים לעבען.

דערזעהענדיג איהם, האָט ספּאַרטאַק זיך ביטער צעוויינט.

— קריקס מיינער! מיין אומפּאַרגעסליכער קריקס! ווייט פון מיר ביסטו געפאלען א קרבן פון א נדיערטרעכטיגען פאַרראַט, און איך האָב ניט געקאָנט קומען דיר צו הילף! — האָט ער געפליסטערט דריקענדיג צו זיין הארצען די קאַלטע האַנט פון זיין גע'הרג'עטען פריינד, וואָס איהם האָט ער מיט אכט יאָהר צוריק געראַטעוועט פון טויט, בעת ער האָט אין צירק אויסגעבעטען ביים המון באַגנאַדיגונג פאַר איהם, —אָבער, איך שווער ביי אלע פוריעס — האָט ער אויסגעשריען מיט צאָרן — איך וועל נקמה נעהמען פאַר דיין טויט און פאַר דעם טויט פון אונזערע דרייסיג טויזענד ברידער.

ער האָט קריקס'עס קערפּער אוועקגעטראָגען צום ים און איהם ארומגעוואַשען; דערנאָך האָט ער איהם איינגעוויקעלט אין זיין פּלאַשץ און פעסט צוגעבונדען צום רוקען פון פערד, וואָס ער האָט מיטגענומען פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

קאַסט'ן, וועלכען מ'האָט ניט געקאָנט פיהרען מיט זיך, ווייל ער איז געווען זעהר שווער פארוואונדעט, האָט מען איבערגעלאָזט ביי ספּאַרטאַק'ס א געהיימען אָנהיינגער, א וועכטער פון א פּאַטריצישער ווילאַ.

דערוויסענדיג זיך, אז קראַס מיט זיין גאַנצער ארמיי איז אוועק אין קאַני, איז ספּאַרטאַק מיט'ן קירצסטען וועג אוועק צו גאָרדאָנעא. אויפ'ן וועג אהין האָט ער דערזעהן א שרעקליכע בילד: אויף יעדען בוים, וואָס איז געשטאַנען ביים וועג, איז געהאַנגען א מענש. דאָס זיינען געווען גלאַדיאַטאָרן, וואָס די רוימער האָבען גענומען

אין פּלען ביי דער לעצטער שלאַכט, איננאַנצען — אכט הונדערט מאַן.

א ציטער האָט איהם דורכגענומען. ער האָט פאַרדעקט די אויגען מיט דער האַנט און, קריצענדיג מיט די ציין האָט ער גענור־מען קרעכצען, ווי א פאַרוואונדעטער לייב.

— א! איהר ענגט די געפאַנגענע. גוט!

מעהר האָט ער קיין זאַך ניט געזאָגט. ער האָט נאָר געיאָגט זיין פערד, כדי וואָס גיכער צו אַנטלויפען פון דער דאָזיגער שרעק־ליכער בילד, וואָס האָט ווידער אמאָל עדות געזאָגט וועגען די גרויזאַמקייטען פון די רוימער.

אַז ער איז שוין געווען גענוג ווייט פון יענעם אָרט, האָט ער אָפּגעשטעלט זיין פערד און, זיך אומקערענדיג צו זיינע חברים, וואָס האָבען געריטען הינטער איהם, האָט ער ארויסגערעדט מיט א דראָהענדען טאָן:

— פון היינט אָן זאָל זיין בלוט פאַר בלוט און א באַליידיגונג פאַר א באַליידיגונג! איך וועל אויך קרייציגען די רוימער, וואָס וועלען אריינפאַלען אין פּלען. זייערע לעקציאָנען וועלען ניט זיין אומזיסטע, מיר וועלען אלץ זיך אָפּלערנען פון זיי!

אין גאָרדאָניא האָט ספּאַרטאַק׳ן זיך ניט איינגעגעבען צו פאַראייניגען זיך מיט די איבעריגע חיל, און ער האָט זיי אָנגעיאָגט ארום אסקול.

כמעט אָהן אָן אָפּרוה, האָט ספּאַרטאַק זיינע סאָלדאטען גע־פיהרט אין די בערג, ער האָט זיי ערמוטיגט און איבערצייגט, אַז זייער פּליכט איז שטאַנדהאַפט אריבערצוטראָגען אלע שוועריגקיי־טען און נויטען, כדי זיך צו רעטען פון קראַס׳ן.

אין דער אייגענער צייט האָט קראַס האַסטיג מאַרשירט אויף די גלאַדיאַטאָרן, נאָר מיט א באַקוועמען וועג.

אַזוי ווי ס׳איז געווען פאַלשטענדיג אונמעגליך צו פאַרפיהרען מיט זיי א שלאַכט אין די באַרגיגע ענגשאַפטען, האָט קראַס גערע־כענט אויסצוּוואַרטען, בעת זיי וועלען שוין האָבען דורכגעמאַכט זייער שווערען אריבערגאַנג, כדי אָנצופאַלען אויף זיי מיט פרישע קרעפטען אויף א גראַדען פּלאַץ. מיט דעם דאָזיגען צוועק האָט ער

אוועקגעשיקט אין ווערן דעם קוועסטאָר סקראָף מיט פיער לעגיאָנען און מיט פינף טויזענד רייטער. מיט די איבעריגע קרעפטען האָט ער געהאַט בדעה אליין אָנצופאלען אויף ספּאַרטאַק׳ן פון דער קעגנאיבערדיגער זייט.

וועגען זיין נצחון ביים גאַרגאַנישען באַרג האָט ער אַוועקגעשיקט אַני רוים אַ באַריכט, וואו ער האָט שטאַרק איבערטריבען די באַדייטונג פון דעם דאָזיגען נצחון און די עלענדע לאַגע פון די גלאַדיאַטאָרן, וועלכע זיינען כלומר׳שט אינגאַנצען אַראָפּגעפאלען פון מוט און אין גרוים שרעק זיינען זיי אַנטלאָפען אין לוקאַניען. קראַס האָט פארזיכערט דעם סענאַט צו ענדיגען מיט די גלאַדיאַטאָרן גאָר אומגעזאַמט.

אָבער איידער סקראָף האָט דערגרייכט ווענאזא, איז ספּאַרטאַק, וואָס האָט זיך דערוואוסט וועגען זיין צוג, אַוועק פון דאָרט און איז אומערוואַרטעט אָנגעפאלען אויף קראַס׳ן.

באַהאַלטענדיג זיינע חיל אויפ׳ן דעק פון אַ טיפען טאָל, איז ער צוגעקומען צום שונא׳ס לאַגער גאָר אומבאַמערקט און איז אויף איהם אָנגעפאלען גאַנץ פּלוצלונג.

דורשטענדיג נאָך ראַכע, האָבען די גלאַדיאַטאָרן זיך געשלאָגען מיט אַזאַ ערביטערונג, אַז נאָך אַ דריי שעה׳דיגער שלאַכט האָבען די רוימישע לעגיאָנען אָפּגעטראָטען אין אומאָרדנונג, פארלירענדיג זעקס טויזענד אין גע׳הרג׳עטע און דריי טויזענד אין געפאַנגענע.

נאָך אַכט שעה רוה איז ספּאַרטאַק אַוועק אין מעטאַפּאַנט, אַרויסגעבענדיג אַ באַפעהל צו קרייציגען צוויי טויזענד זעקס הונדערט געפאַנגענע. לעבעדיג האָט ער אָפּגעלאָזט נאָר פיער הונדערט, וואָס כמעט אַלע פון זיי האָבען באַלאַנגט צו פּאַטריצישע פאַמיליען. צוליעב וועלכען צוועק ספּאַרטאַק האָט זיי געשאַנעוועט, האָט ער אין יענעם טאָג קיינעם ניט געזאָגט.

איינעם פון די דאָזיגע יונגע פּאַטריציער האָט ער אַוועקגעשיקט צו קראַס׳ן, כדי ער זאָל איהם דערצעהלען, ווי דער פיהרער פון די גלאַדיאַטאָרן איז זיך באַגאַנגען מיט די געפאַנגענע רוימער, און איהם מעלדען, אַז אַזוי וועט ער זיך אויך ווייטער באַגעהן

מיט די געפאנגענע. אויסער דעם האָט ער געהייסען איבערגעבען קראַס'ן, אז ער איז גרייט צו באפרייען הונדערט פון די אָנגעזע־הענסטע פאטריציער, אויב מען וועט איהם ארויסגעבען די גריכין עווטיבירא, וועלכע געפינט זיך, אָהן צווייפעל, אין רוימישען לאַ־גער.

נאָך דעם איז ער אריין אין דער נעהענטסטער שטאָדט און האָט זיך באפעסטיגט אין איהר מיט'ן צוועק אויסצופילען זיין ארמיי מיט נייע לעגיאָנען.

און ווירקליך, אין פארלויף פון אכט טעג זיינען צו איהם אָנ־געלאָפען איבער זעבצעהן טויזענד שקלאַפען און גלאַדיאטאָרן פון די ארומיגע לוקאנישע שטעדט. ניט האבענדיגי קיין צייט זיי איינ־צומושטירען האָט ער זיי פאנאנדערגעטיילט אויף גלייך צווישען אלע לעגיאָנען, אזוי, אז יעדער נייער סאָלדאט איז געווען ארומגע־רינגעלט מיט ערפאהרענע סאָלדאטען, וואָס האָבען פאר איהם געקאָנט דינען אלס ביישפיעל.

די גלאַדיאטאָרשע ארמיי איז ווידער באשטאנען פון פופציג טויזענד פוסגעהער און אכט טויזענד קאוואַלעריע.

אויספילענדיג זיין ארמיי, איז ספארטאק באלד ארויס פון שטאָדט און האָט געהייסען זיינע סאָלדאטען זיך אויסשטעלען אין צירקעל אין מיטען פון א ברייט פעלד, וואו ער האָט אין מיטעל־פונקט אויפגעשטעלט א הויכען שייטערהויפען.

בעת קריקס'עס איינגעבאלזאמירטער קערפער איז אוועקגע־לעגט געוואָרען אויפ'ן שפיץ פון שייטערהויפען, האָט ספארטאק געהייסען ברייגגען דריי הונדערט רוימישע געפאנגענע.

איין העלפט פון זיי זיינען געווען אָנגעטאָן, ווי סאמניטען, די צווייטע העלפט, ווי פראקיער, — ווי מען פלעגט געוועהנליך אָנ־טאָן אין צירק די גלאַדיאטאָרן, וואָס פלעגען זיך מוזען פעכטען.

בעת מ'האָט זיי אויסגעשטעלט איינע קעגען די אנדערע, האָט ספארטאק, וואָס איז געזעסען אויף א בימה און איז געווען אָנגע־טאָן אין א אימפעראטאָרשען מאנטעל, זיך געווענדט צו זיי מיט אזא רעדע:

— נאָבעלע יונגע לייט! איהר, די נאכקומענדע דורות פון די

אנגעזעהענסטע משפחות, וואס האבען זיך באריהמט געמאכט אי־
בער גאנצער וועלט דורך נאבעלער רויבעריי, גרויסמוטיגען פאר־
ראט, פאלשקייטען און גלענצענדע נידערטרעכטיגקייטען, וואס
האבען באשאפען די הערליכקייט פון אומשטערבליכען רוים אויף
דעם בלוט און די ביינער פון צודריקטע און צושטיקטע פעלקער!
איהר האט זיך באשלאסען צו נעהמען פאר די שווערדען, וואס זיי־
נען צו שווער פאר אייערע הענט, און איהר זייט געקומען אויס־
מעסטען אייערע קרעפטען מיט נידריגע און פארהאסטע קנעכט.
אבער די פארהאסטע קנעכט האבען זיך ארויסגעוויזען שטארקער
פון אייך. איהר זעהט, די ראליען האבען זיך געביטען: איצט
זיינען מיר אייערע הארען, און איהר אונזערע קנעכט. איהר האט
זיך אזוי פיעל מאל אמוזירט אין אייערע אמפיטעאטערן מיט די
בלוטיגע געשלעגען פון מענשען, וואס זיי האט געטראפען אן אומ־
גליק צו ווערען אייערע קנעכט, איצט אמוזירט איהר אונז כאטש
איין מאל, אונז, אייערע הארען. זעהט איהר דעם דאזיגען שיי־
טערהויפען? אויף איהם ליעגט דער קערפער פון א געוועזענעם
גלאדיאטאר, וועלכען איהר האט באזיעגט א דאנק דעם מיאוס׳ען
פארראט פון א געמיינער פרוי. ווען קאן וויסען? אפשר דורשט
זיין נאבעלע נשמה צו פארגיסען איהר גערעכטען צארן אויף די
רוימער מיט דעם רוימישען בלוט? הויבט זשע אן דעם געפעכט!
דער׳הרג׳עט איינער דעם אנדערען, ווי עס פאסט פאר גוטע גלא־
דיאטארן! מיר האבען אייך געוויזען, אז גלאדיאטארן קענען זיין
אויסגעצייכענטע סאלדאטען. איצט ווייזט איהר אונז, אז איהר
קאנט זיין גלאדיאטארען.

ווילדע געשרייען פון ענטציקונג האבען פארהילכט די גלאדי־
אטארישע רייהען, בעת ספארטאק האט געענדיגט זיין רעדע. דאס
איז געווען זייער נקמה פאר דעם גאנצען בזיון, פאר אלע ליידען,
וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען פון די רוימער.

די רוימישע געפאנגענע האבען זיך פון ארט ניט געריהרט.
זיי זיינען געשטאנען מיט אראפגעלאזטע קעפ, די פנים׳ער צור־
קרימט פון טרויער און ענטריסטונג און האבען קיין שום וואונש
ניט ארויסגעוויזען צו ערפילען דעם שענדליכען באפעהל.

— וואָס וואַרט איהר? — האָט ספּאַרטאַק צו זיי אויסגעשריען. — ציהט אַרוים אייערע שווערדען און הויבט זיך אָן פעכטען. איך וועל אונטערצינדען דעם שייטערהויפען. הויבט אָן.

ספּאַרטאַק האָט גענומען אַן אָנגעצונדענעם פאַקעל און איהם צוגעטראָגען צום שייטערהויפען. דאָס זעלביגע האָבען געטאָן אַלע טריבונען און צענטוריאָנען. אָבער די רוימער זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אומבאַוועגליך.

דערווייל האָט די טרוקענע האָלץ פון שייטערהויפען גענומען פלאַקערען.

— אַ! — האָט ספּאַרטאַק בייז גענומען שרייען. — איהר האָט נאָר ליעב צו קוקען אויף אַ געשלעג פון גלאַדיאַטאָרען, אָבער איהר אַליין ווילט זיך ניט שלאָגען! גוט! מיר וועלען אייך מיט געוואַלד צווינגען דערצו, פונקט אַזוי, ווי איהר האָט אונז אַמאָל געצוואונגען.

אויף ספּאַרטאַק'ס צייכען זיינען פון די גלאַדיאַטאָרשע רייהען אַרויסגעטראָטען ניין הונדערט מאַן מיט אָנגעברענטע אייזענס און האָבען גענומען שטעכען און ברענען די רוימישע געפאַנגענע. אַרומגערינגעלטע פון אַלע זייטען אַזוי ווי מיט אַ רייף, וואָס האָט זיי אַלץ מעהר צונויפגעדריקט, זיינען די יונגע פּאַטריציער צולעצט געווען געצוואונגען אָנצוהויבען דעם געפעכט צווישען זיך, כדי אין טויט צו געפינען אַ דערלייזונג פון זייערע יסורים. געשרייען, געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטען האָבען ווי אַ דונער דורכגעראָלט דורך די גלאַדיאַטאָרשע רייהען.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז פון שייטערהויפען געבליבען נאָר קויהלען, און פון די רוימישע יונגע לייט — אַ קופּע הרוגים און אַ טייך בלוט.

19־טער קאפיטעל.

ספארטאק אין לוקאניען. עווטיבידא׳ס טויט.

דער גלאדיאטארשער לאגער איז איצט איבערגעטראגען געװארען אין דרום לוקאניען, וואו עס זיינען אנגעלאפען נייע שקלא־פען־מאסען, און די גלאדיאטארישע ארמײ האט איצט דערגרייכט אכציג טויזענד.

איצט האט מען געקאנט ארויסקומען אין אן אפענער שלאכט מיט קראס׳ן.

די גלאדיאטארן האבען זיך גענומען גרייטען צו א שלאכט.

די רוימער, פון זייער זייט, האבען אויך ניט געווארט; זיי האבען אנגעהויבען די אטאקע און די שלאכט האט זיך צופלא־קערט. פון האלבען טאג ביז׳ן אווענד האבען ביידע צדדים ניט אפגעטראטען און זיי האבען זיך געשלאגען מיט גרויס עקשנות און ערביטערונג. נאר אווענד־צייט האט דער לינקער פליגער פון די גלאדיאטארן, וואס איז באשטאנען פון נייע סאלדאטען, גענומען נאכגעבען.

דעמאלט איז ארטאריקס, וואס האט קאמאנדירט מיט דעם פליגעל, אראפגעקראכען פון פערד און אהן א שלעם, א פארוואונ־דעטער אין קאפ און אין ברוסט, האט ער זיך א ווארף געטאן פאר־אויס, וועלענדיג מיט זיין ביישפיעל איינהאלטען די קליינמוטיגע. אבער אלע זיינע אנשטרענגונגען זיינען געווען אומזיסטע, און זיינע לעגיאנען האבען אלץ אפגעטראטען.

זעהענדיג דאס, האט ספארטאק זיך א ווארף געטאן צום לינ־קען פליגעל צו און צארנדיג גענומען שרייען צו די סאלדאטען:

— האָבען דען אייערע פריהערדיגע זיעגען איבער די רוי־מער זיי פאַרוואַנדעלט אין לייבען, און אייך אין פייגע האָזען? שטעלט זיך אָפּ! צוריק! פאָלגט מיר נאָך געמיינשאַפטליך, מיר וועלען זיי ווידער פאַריאָגען!

זאָגענדיג דאָס האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויף די שונאים זיין פּאַנצער און, אָנכאַפּענדיג מיט דער לינקער האַנט דעם שווערד פון אַ גע׳הרג׳עטען גלאַדיאַטאָר, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די רוימער מיטביידע שווערדען, ווי ער פלעגט עס טאָן, זייענדיג אַ גלאַדיאַטאָר. אַ דאַנק זיין איבערנאַטירליכער קונסט זיך צו באַנוצען מיט׳ן שווערד, האָט ער געגומען פעכטען לינקס און רעכטס מיט ביידע שווערדען, אויסלייגענדיג אויף זיין וועג גאַנצע רייהען הרוגים, בעת איהם האָט ניט איין רוימישער שווערד, ניט איין רוי־מישע שפּיץ אָנגעריהרט. אומבאַשעדיגט איז ער ארויסגעקומען פון דער דאָזיגער שלאַכט, פּונקט אַזוי ווי ער איז געבליבען אומ־באַשעדיגט אין אַלע פריהערדיגע שלאַכטען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער פלעגט זיך שטענדיג וואַרפען אין סאַמע ברען.

ספּאַרטאַק׳ס גבורה האָט ערמוטיגט די סאָלדאַטען און זיי האָבען זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אויף די רוימער. איז ער דאַן אַוועק צום דערבייאיגען לעגיאָן, כדי דאָרט צו באַגייסטערען די מוטלאָזיגע סאָלדאַטען.

אין דער זעלביגער צייט האָט דער צענטער פון דער גאַלדיאַ־טאָרשער שלאַכט ליניע זיך געפונען אונטער דעם אָנדראַנג פון דעם שונא׳ס הויפּט קרעפטען, אונטער קראַס׳עס קאָמאַנדע.

די גלאַדיאַטאָרן האָבען ניט אויסגעהאַלטען דעם אָנדראַנג פון דער געדיכטער קאָלאָנע, וואָס איז באַשטאַנען פון וועטעראַנען, ערפאַהרענע נאָך פון סוללאַ׳ס און מאַריוס׳עס מלחמות, און האָבען גענומען לויפען אין אונאָרדנונג.

פון לינקען פליגעל האָט ספּאַרטאַק דערזעהן די טרויעריגע בילד, ווי זיין צענטער ווערט צושלאָגען און, אַרויפכאַפּענדיג זיך אויף אַ פערד, איז ער אַוועקגעפלויגען צום רעזערוו, וואו די קאַ־וואַלעריע איז געשטאַנען. אין איין אויגענבליק האָט ער מיט זעקס טויזענד רייטער זיך אַ לאָז געטאָן אויפ׳ן פלאַנג פון די לע־

גיאָנען, וואָס האָבען פאַרפאָלגט די לויפענדע גלאַדיאַטאָרן. אויף אזא׳ן אופן איז די ארמיי, וואָס איז געווען אין געפאַהר אינגאַנ־צען פאַרניכטעט צו ווערען, געראַטעט געוואָרען. די גלאַדיאַ־טאָרן האָבען אָבער פאַרלאָרען אַכט טויזענד מאַן אין געהרג׳עטע און טויזענד מיט צוויי הונדערט מאַן אין פאַרוואונדעטע, בעת די רוימער האָבען נאָר פאַרלאָרען פינף טויזענד מאַן.

דערווייל איז צוגעפאַלען די נאַכט, וואָס האָט קראַס׳ן גע־שטערט ארויסצופיהרען די קאַוואַלעריע, און די גלאַדיאַטאָרן האָ־בען אָפּגעטראָטען אין זייער לאַגער.

מיט דער הילף פון גראַניק׳ן און פון די אַנדערע קאָמאַנדירען האָט ספּאַרטאַק געגומען ברייגגען אין אָרדנונג זיינע צורודערטע לעגיאָנען. דערנאָך האָט ער נאָך האַלבע נאַכט שטיל זיך ארונ־טערגענומען פון לאַנד און איז אוועק צו דרום. און כדי אָפּצו־נאַרען דעם שונא, האָט ער געהייסען פאַנאַנדערלייגען גרויסע פעלד־וואַך פייערען.

ער איז געגאַנגען מיט דער גרעסטער געשווינדקייט, האָבענ־דיג ברעה זיך אריבערצוקלייבען אויף דעם זידליכען ענד פון דעם האַלב אינזעל און פון דאָרט אריבערפיהרען די ארמיי אין סיציליען.

אין פאַנדאָזיען האָט איהם דעריאָגט קראַס׳עס א שליח. ער האָט איהם פאָרגעשלאָגען, אנשטאָט עווטיבידאָ׳ן, וועלכער ער האָט ניט געוואָלט ארויסגעבען, צו באַפרייען צוויי הונדערט געפאַנגענע גלאַדיאַטאָרען פון דער לעצטער שלאַכט פאַר הונדערט רוימישע פאַטריציער, וואָס האָבען זיך געפונען אין ספּאַרטאַק׳ס הענד.

ספּאַרטאַק האָט באַלד אָנגענומען דעם אָנבאָט, און ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען, אז דער אויסטויש וועט פאָרקומען אין ראָס־ציאָנאָ אין דריי טעג אַרום.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קראַס האָט איהם געמאַכט דעם דאָזיגען פאַרטיילהאַפטען אָנבאָט מיט׳ן ציעל איהם צו פאַרהאַלטען אין וועג, און דערפאַר האָט ער באַשלאָסען אוועקצושיקען די געפאַנ־גענע פאַטריציער אין ראָסציאַן מיט אַן אָפּטיילונג פון טויזענד צוויי הונדערט גלאַדיאַטאָרשע רייטער, וואָס האָבען מיט זיך

געדאַרפט מיטפיהרען אַזוי פיעל אַנגעזאַמעלטע פערד פאַר די צוקינפטיגע רעקרוטען.

מאַמילי'ן, וואָס האָט געפיהרט די דאָזיגע אפטיילונג, האָט ספּאַרטאַק שטריינג פאַרזאָגט ניט אַרויסצוגעבען די געפאַנגענע רוימער, כל זמן מען וועט איהם ניט אַרויסגעבען די געפאַנגענע גלאַדיאַטאָרען, און דערנאָך זיי באַלד אַוועקפיהרען צו טעמעזאַ, וואו ספּאַרטאַק האָט גערעכענט צו זיין אין פיער טעג אַרום.

אין פאַל אויב די רוימער וועלען פּאַרראַטען, דאַרף מאַמילי אויס'הרג'ענען די געפאַנגענע פּאַטריציער און פליהען צו ספּאַר־טאַק'ן, איבערלאָזענדיג די געפאַנגענע גלאַדיאַטאָרען צו זייער אייגענעם שיקזאַל.

ספּאַרטאַק אַליין האָט ווייטער געפיהרט זיינע חיל מיט דער זעלביגער געשווינדקייט.

אויפ'ן וועג צו טעמעזאַ האָבען זיינע אויסזועהער זיך אָנגע־שטויסען אויף אַ באַוואַפענטער אַפּטיילונג, וואָס זיי האָבען אויפ'ן ערשטען בליק אָנגענומען פאַר רוימער. האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזען, אַז דאָס איז געווען רעד פינף טויזענדיגער לעגיאָן פון די שקלאַפען, וואָס קאַי קאַניצי האָט אַנגעזאַמעלט אין דרום לוקאַניען.

חרטה האָבענדיג אויף זיין אומווירדיגער אויפפיהרונג, האָט ער געבראַכט ספּאַרטאַק'ן פינף טויזענד רעקרוטען און האָט געשוואָ־רען פון היינט אָן און ווייטער צו פאָלגען די באַפעהלען פון זיין אויבער־קאָמאַנדיר.

ספּאַרטאַק האָט ברידערליך איהם אַרומגענומען און איהם מוחל געווען. די אָנגעקומענע רעקרוטען האָט ער פאַנאַנדערגע־טיילט אין אַלע לעגיאָנען, באַשטימענדיג קאַניצין פאַר איינעם פון די קאָמאַנדירען.

אין דעם זעלבען טאָג איז מאַמילי אָנגעקומען מיט די באַפריי־טע גלאַדיאַטאָרען פון רוימישען פלען.

אין דער אנוועזענהייט פון דער גאַנצער אַרמיי האָט ספּאַרטאַק פאַר זיי געהאַלטען אַ קורצע רעדע. טאַדלענדיג זיי שטאַרק דער־פאַר, וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט נעמען אין פלען לעבעדיגערהייד, האָט ער באַמערקט, אַז ניט אַלע מאַל וועט ער האָבען אַ הונדערט

רוימישע פאטריציער, וואס מיט זיי זאל ער קאנען אויסקויפען די געפאנגענע גלאדיאטארען און ווען ניט דער דאזיגער גליקליכער צופאל וואלטען זיי איצט אלע געהאנגען אויף די ביימער. דערנאך האט ער זיי געהייסען ווידער נעמען געוועהר און פאנאנדערגעהן אין זייערע לעגיאנען.

אהן שטערונגען האט ספארטאק דערגרייכט טעמעזא און האט ארום יענע געגענד אויפגעשלאגען זיין לאגער, כדי זיך צוצוגרייטען אריבערצופיהרען זיין ארמיי איבער'ן ים.

דא האט ער אנגעקניפט באציהונגען מיט די ים־רויבער, וואס האבען זיך געפונען ביי די ברעגען פון טירעניש ען ים, און האט זיי איינגערעדט אריבערצופיהרען איהם מיט זיינע חיל אין סיציליען פאר דרייסיג טאלאנטעס. דער אפמאך איז געווען, אז צעהן טאלאנטעם דארפען זיי קריגען פאראויס.

אבער די ים־רויבער האבען ניט געהאלטען קיין ווארט. ערב דעם באשטימטען טאג זיינען זיי אוועקגעשוואומען אליין, משמעות, אז זיי האבען ניט געוואלט אייזרייסען מיט רוימער, וועלכע וואל־טען פון זיי דערפאר נקמה גענומען.

בעת ספארטאק מיט די איבריגע פיהרער האבען טרויעריג געקוקט, ווי די זעגלען פון די פיראטען שיפען פארשווינדען אלץ מעהר הינטערן האריזאנט, זיינען די גלאדיאטארישע אויסזעהער אנגעקומען מיט דער ידיעה, אז קראס געהט אויף זיי מיט זיין גאנצער הונדערט טויזענדיגער ארמיי.

ספארטאק האט באלד אויסגעשטעלט זיינע חיל אין שלאכט ארדנונג און איידער קראס האט באוויזען צו־צוקומען מיט די הויפט קרעפטען, איז ער באפאלען מיט זעקס לעגיאנען אויף זיין פא־דערשטען קארפוס און האט איהם אזוי האסטיג אנגעגריפען, אז ער האט גענומען לויפען אין אונארדנונג.

ער האט זיך אבער ניט געקענט באנוצען מיט זיין זיעג; די אנטלאפענע האבען זיך באהאלטען הינטער די לעגיאנען פון פרע־טאר גופא.

ספארטאק האט זיך אפגעשטעלט און גענומעןווארטען.

גאר אין גיכען האט גענומען בושעווען די שחיטה איבער דער

גאנצער ליניע. דריי שעה האָט די שחיטה אָנגעהאַלטען אָהן א שום איבערגעוויכט אויף וועלכער עס איז זייט.

אָבער אזוי ווי ספּארטאק האָט באַשלאָסען אונטער אַלע אומ־שטענדען זיך אַריבערצוקלייבען אין סיציליען, האָט ער דארום ניט געוואָלט אויפנעהמען א ענטשיידענדע שלאכט, בעת די רוימישע ארמיי איז געווען באַדייטענד גרעסער. דערפאַר, בעת קראַס האָט ארויסגעשטעלט עטליכע נייע לעגיאָנען, האָט ספּארטאק געהייסען זיינע חיל געשווינד אָפּטרעטען.

די רוימער, אָננעמענדיג דעם דאָזיגען ריקצוג פאַר אן אנטלויפען, האָבען זיי זיך א וואָרף געטאָן נאָכיאָגען די גלאַדיאַטאָרען, זיי האָבען זיך אָבער באַלד אָנגעשטויסען אויף דעם שונא'ס צווייטער ליניע פון זעקס לעגיאָנען, וואָס גראַניק האָט אויסגעשטעלט אויף ספּאַרטאַק'ס באַפעהל הינטער דער ערשטער ליניע.

די נייע גלאַדיאַדאָרשע קרעפטען האָבען צוטומעלט די רוימער און קראַס האָט געמוזט ארויספיהרען זיין גאַנצען רעזערוו, כדי אָפּצוהאַלטען דעם שונא'ס ערפאָלג.

א נייע שלאכט האָט איצט גענומען בושעווען.

די גלאַדיאַטאָרשע לעגיאָנען זיינען ווידער אַמאָל געווען גע־צוואונגען אָפּצוטרעטען, מחמת די איבערגעוויכט פון קרעפטען אויפ'ן שונא'ס זייט איז געווען א צו גרויסע.

אין דער אייגענער צייט האָט ספּארטאַק באַוויזען ווידער אויסצושטעלען די ערשטע זעקס לעגיאָנען, וואָס האָבען זיך שוין געהאַט אָפּגערוהט און די רוימער האָבען זיך ווידער אָנגעשטויסען אויף פרישע קרעפטען.

אויף אזא'ן אופן האָט ספּארטאַק מיט צוועלף לעגיאָנען א גאַנצען טאָג אויסגעהאַלטען דעם דרוק פון קראַס'עס צוואַנציג לע־גיאָנען, ניט געבענדיג איהם קיין מעגליכקייט צו ציהען א וועלכע ניט איז נוץ פון דער דאָזיגער שלאכט.

אוועגדצייט האָבען די גלאַדיאַטאָרן דערגרייכט טעמעזא, וואו זיי האָבען זיך פאַראייניגט מיט דריי לעגיאָנען, וואָס זיינען גע־בליבען אין דער דאָזיגער פעסטונג.

אין דעם זעלביגען אָוועגד האָבען די רוימער אויפגעשלאָגען

זייער לאַנגער אויף איינעם פון די בערגלאַך, וואָס האָבען אַרומגע־רינגעלט די שטאָדט.

— וואָס מ׳זאָל ניט זאָגען, — האָט קראַס באַמערקט דעם קוועסטאָר סקראָף, — אָבער דער דאָזיגער פאַרפלוכטער גלאַדיאַ־טאָר קעמפט אַזוי גוט, אַז מען קאָן איהם אָננעהמען פאַר אַן אמת׳ן אַרמיי פיהרער.

— דעם אמת זאָגענדיג, איז ער ווירקליך אַן אויסגעצייכענטער אַרמיי פיהרער, — האָט סקראָף מיט אַ זיפץ געענטפערט.

דאָך האָט עס קראַס׳ן ניט געשטערט צו לאָזען וויסען דעם סענאַט וועגען זיין נייעם נצחון און ער האָט פאַראייגס דעם סענאַט צוגעזאָגט אין צעהן טעג אַרום איינגאַנצען פאַרטיג צו ווערען מיט ספּאַרטאַק׳ען.

ספּאַרטאַק, פון זיין זייט, האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער גרייט זיך כלומר׳שט צו אַ לאַנגער און עקשנות׳דיגער פאַרטיידיגונג אין טעמעזאַ. ער האָט געהייסען אָפּריינינגען די פעסטונג־גראָבענס, פאַרריכטען די ווענט און די טורעמס און אָנגרייטען פאַרטיידיגונגס וואָפען.

די בירגער האָט מען שטריינג פאַרזאָגט בשום אופן ניט אַרויס־צוגעהן פון שטאָדט, אַלע שטאָדט טויערען זיינען טאָג און נאַכט געוועזן באַוואַכט פון גלאַדיאַטאָרן.

אָט די אַלע צוגרייטונגען האָבען אַרויסגערופען אין שטאָדט אַ שרעקליכע מהומה. די איינוואָהנער האָבען זיך שוין פאָרגע־שטעלט אַלע שרעקען פון אַ גלאַדיאַטאָרישער הערשאַפט, פון אַ לאַנגער באַלאַגערונג און פון הונגער, וואָס איז דערביי אומפאַר־מיידליך.

מ׳האָט צו ספּאַרטאַק׳ן געשיקט שלוחים מיט אַ בקשה צו פאַרלאָזען די שטאָדט, אַרויפלייגענדיג אויף איהר אַ קאָנטריבוציע, וואָס ער אַליין וועט באַשטימען.

אָט דאָס האָט טאַקע ספּאַרטאַק געוואָלט.

ער האָט די שלוחים אויפגענומען זעהר ליבענסווירדיג, ווי זיין שטייגער איז געוועזן, און האָט זיי געלאָזט וויסען, אַז ער וועט גערן ערפילען זייער בקשה, אויב מען וועט איהם נאָר אַרויסגעבען

אלע שיפען, וואס די שטאָדט פארמאָגט, אלע לאָדקעס און באר־זשעס; און אויב די דאָזיגע וועלען ניט זיין גענוג אויף אריבער־צופיהרען זיינע חיל, מוז די שטאָדט איהם פארשאפען אזוי פיעל, וויפיעל ער וועט דארפען.

דער שטאָדט־ראט, די פאטריציער און דאס פאָלק האבען דארויף איינגעשטימט, ווייל קיין אנדער אויסוועג האבען זיי ניט געהאט, כדי דערלייזט צו ווערען פון די גלאדיאטאָרען. עס האט לאנג ניט געדויערט — און דער גאנצער ים ברעג איז באדעקט געוואָרען מיט לאָדקעס, מיט בארזשעס און מיט ארבייטער, וואס האבען געבויט א פלאָטילע פאר ספארטאק'ן.

קראס האט דערוויילע אויסגעשיקט עסטאפעטען איבער אלע ארומיגע שטעדט מיט דער פאָדערונג באלד איהם ארויסצושיקען אלע באלאגערונגס־וואפען, וואס געפינען זיך אין יעדער שטאָדט, אהן וועלכע די באלאגערונג וואָלט צו לאנג זיך פארצויגען.

אין דער צייט וואס קראס האט זיך געגרייט צו דער באלא־גערונג, און ספארטאק — אריבערצופיהרען זיין ארמיי אין סיצי־ליען, האט יעווטיבידא, ברענענדיג מיט אומגעדולד און פארדרוס, אלץ געקלערט, צו קאָן מען ניט פארגיכערען ספארטאק'ס מפלה. איהר האט זיך געדאכט, אז אין די געמויערטע ווענט, וואס האבען ארומגערינגעלט די שטאָדט, האט געדארפט זיין ערגעץ־וואו א שוואכער פונקט, פון וואנען מ'האט געקאָנט מאכען א פלוצלינגען אָנפאל, און זי האט באשלאָסען גוט צו באקוקען די ווענט.

מיט דעם דאָזיגען צוועק האט זי זיך באשמירט די הענד, די האלז און דאס געזיכט מיט א טונקעלער שמירעכץ, וואס זי האט ספעציעל דערפאר צוגעגרייט, כדי אויסצוזעהן, ווי א נעגרין, האט זיך אָנגעטאָן ווי א שקלאפין און מיט א כלי אויף דער פלייצע איז זי באגינען אוועק כלומרשט נאָך וואסער. זי האט געוואוסט, אז ניט ווייט פון שטאָדט איז דאָ א קוואל, פון וואנען די ארומיגע איינוואָהנער שעפען טרינק־וואסער. אָבער אזוי ווי דער דאָזיגער קוואל איז געווען באוואכט פון גלאדיאטאָרען, האט יעווטיבידא ניט געוואגט צוצוגעהן צו איהם און זי האט זיך דארום פארנומען צום טעמפעל צו, וואס איז געשטאנען אויף איינעם פון די בערגלאך.

דערזעהענדיג א פריסטער, וואס איז געשטאנען אונטער׳ן פארטיק פון א טעמפעל, איז זי צו איהם צוגעגאנגען און טיעף פארנייגענדיג זיך, האט זי ביי איהם גענומען בעטען ערלויבניס אנצושעפען וואסער פון יענעם ברונעם, ווייל אלע קוואלען זיינען באוואכט פון די גלאדיאטארען.

דער פריסטער האט זי צוגעפיהרט צום ברונעם, קלאגענדיג זיך אויף די שלעכטע צייטען, אויף די גלאדיאטארען, וואס לאזען קיינעם אין שטאדט ניט אריין, אפילו יענע, וואס קומען מיט קרבנות פאר די געטער.

—יעדען טאג פלעגען זיך דא דרענגען גאטבעטער. וויפיעל מתנות פלעגען זיי ברייגגען! — האט דער פריסטער געזאגט מיט א זיפץ, — און פאר די גאנצע צוואנציג טעג, זינט די גלאדיאטארען האבען פארנומען די שטאדט, איז נאר צוויי מאל אהער געקומען עפעס א מיידעל, פון זייער לאגער, וואס האט געבראכט א קרבן צו אונזער גאט.

„מירדזא!“ האט יעוטיבידא א טראכט געטאן, און איהרע אויגען האבען אויפגעגלאנצט מיט א העלישער פרייד. זי האט געוואוסט, ווי ספארטאק האט ליעב געהאט זיין שוועסטער; פאלג־ליך, אומברענגענדיג מירדזא׳ן, קאן מען דערמיט אנטאן ספארטאק׳ן די גרעסטע יסורים. און זי האט באשלאסען ניט דורכצולאזען די געלעגענהייט אומצוברענגען מירדזא׳ן און דערמיט נעהמען פון ספארטאק׳ן א דאפעלטע נקמה.

די וואנט ארום שטאדט, ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזען, זיינען געווען גוט ארומגעזעהען, אזוי, אז אין דעם פרט איז ספארטאק געווען זיכער. האט עווטיבידא געזוכט אויסצופיהרען דעם צוויי־טען פלאן — אומברענגען מירדזא׳ן.

פון יענעם טאג אן האט עווטיבידא טעגליך גענומען קומען אין טעמפעל מיט רייכע מתנות, — ווי זי האט געזאגט, — פון איהר האנרעגטע.

דער פריסטער, וואס איז פון איהר געווען אונטערגעקויפט,

איז געוואָרען געשפּרעכיגער און האָט איהר געזאָגט, אין וועלכער שעה עס דאַרף קומען אין טעמפּעל דאָס מיידעל פון גלאַדיאַטאָרי־שען לאַגער.

עווטיבידאַ האָט נאָך פון אווענד באַהאַלטען אין וועלדעל, ניט ווייט פון טעמפּעל, צוויי פון קראַס'ער שקלאַפען, וועלכע זי האָט אָנגעזאָגט צו שיסען פון בויגענס אין אַ יונג מיידעל, וואָס וועט באַגינען זיך באַווייזען אין זעלנערשע קליידער, אויף דעם שטעג, וואָס פיהרט צום טעמפּעל.

פון פּריסטער'ס ווערטער האָט עווטיבידאַ געוואוסט, אַז מירדזאַ קומט אין טעמפּעל אָנגעטאָן אין זעלנערשע קליידער. דעם דאָזיגען קאָסטיום האָט ספּאַרטאַק באַשטעלט פאַר דער שוועסטער לויט דעם מוסטער פון עווטיבידאַ'ס קאָסטיום, בעת יענע איז נאָך געווען אין זיין לאַגער.

אין יענער נאַכט האָט עווטיבידאַ אָן אויג ניט צוגעמאַכט. עס האָט נאָך ניט אָנגעהויבען צו טאָגען, בעת זי איז ארויסגעגאַנגען פון לאַגער, אָנגעטאָן אין איהר געוועהנליכען פעלד־קאָסטיום. זי האָט זיך געוואָלט איבערצייגען, צו די שקלאַפען, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט אין וועלדעל, געפינען זיך אויף זייערע ערטער.

די וואַך אַפּטיילונג פון די גלאַדיאַטאָרען, וואָס זי האָט גע־טראָפען איוף'ן וועג, האָט זי געצוואונגען צו נעהמען אַן אנדער ריכטונג און צו זוכען אַ באַהעלטעניס אין וועלדעל.

רעטענדיג זיך פון די גלאַדיאַטאָרען, וואָס האָבען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איהר, האָט עווטיבידאַ איינגאַנצען פאַרגעסען וועגען די שקלאַפען, וואָס האָבען אין דער טונקעלהייט געקאָנט ניט דער־קאָנען זי און אָנגענומען פאַר מירדזאַ'ן. די שקלאַפען, דערזעהענ־דיג זי לויפענדיג איבער יענעם שטעג, אויף וועלכען מירדזאַ האָט זיך געדאַרפט באַווייזען, האָבען געמיינט, אַז דאָס איז יענע איבער־געטאָגענע מיידעל, וואָס אין איהר דאַרפען זיי שיסען, און זיי האָבען אין איהר אויסגעשאָסען.

זייערע פייַלען האָבען געטראָפען אין ציעל.

אָנכאַפּענדיג זיך פאַר'ן האַרצען, האָט עוּוטיבידאַ זיך גענומען שאָקלען און איז געפאַלען אויף דער ערד אָפּגעגאָסען מיט בלוט.

דער בלינדער צופאַל האָט באַשערט, אַז זי זאָל אַריינפאַלען אין איהר אייגענער נעץ, וואָס זי האָט אַזוי געשיקט אויסגעשפּרייט פאַר אַן אַנדערער.

20־טער קאפיטעל.

די לעצטע שלאכטען. די בראדאנישע נידער־לאגע.

בעת די שיפען זיינען שוין געווען פארטיג, האט ספארטאק, אין א פינסטערער נאכט, אויף זיי אוועקגעשיקט דריי לעגיאנען מיט גראניק'ן בראש.

ס'איז געווען פינסטער און טויט־שטיל, בעת זיי זיינען אפגע־שוואומען פון טעמעזא, און די רוימער האבען זיי ניט באמערקט. נאר בעת די שיפען זיינען ארויסגעשוואומען אין אפענעם ים, איז דער ווינד, וואס האט געבלאזען פון די אפריקאנישע ברעגען, שטארקער געווארען און האט זיי געשטערט צו שווימען אין סיצי־ליען. וויפיעל די רודער־לייט האבען זיך ניט אנגעשטרענגט, האבען זיי ניט געקאנט גובר זיין די כוואליעס: דער ווינד און די כוואליעס האבען געיאגט די לאדקעס צוריק צום ברעג. נאך האל־בער נאכט האבעןביידע נאטור־קרעפטען אינגאנצען זיך צולאזען, און די שוואכע פלאטיליע איז געווען אין גרויס געפאהר.

גראניק איז געווען געצוואונגען זיך ארויסצוזעצען אויף א וויסטען ברעג, לעבען ניקאטערא, פון וואנען ער האט אוועקגעשיקט צו ספארטאק'ן א לאדקע מיט צעהן גלאדיאטארען, כדי איהם צו לאזען וויסען וועגען זיין מיסערפאלג.

ספארטאק'ן האט די דאזיגע ידיעה זעהר געקלעמט און ער האט קיין בעסערען מיטעל ניט געהאט, ווי אריבערצושיקען אין ניקאטערא אויך די איבריגע חיל. דארט, אין די בערג, איז איהם פארגעשטאנען א קלענערע געפאהר, ווי אין טעמעזא.

אין פארלויף פון אכט נעכט האט ער אריבערגעפיהרט זיין גאנצע ארמיי, ניט אויפהערענדיג צו מאכען קליינע איבערפאלען, כדי צו באהאלטען פון שונא זיין טעטיגקייט.

אָבער באַלד ווי ער אַליין מיט די לעצטע דריי לעגיאָנען זיינען אָפּגעשוואומען פון ברעג, האָבען די איינוואָהנער פון טעמעזאַ באַלד געלאָזט וויסען קראַס'ן, וועגען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען.

קראַס איז ווילד געוואָרען, בעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער שונא האָט זיך אָפּגעטראָגען. ער האָט די גאַנצע צייט געמיינט, אַז ער האָט איהם שוין אין די הענט.

שאַרף אויסזידלענדיג די בירגער פאַר זייער קליינמוטיגקייט, האָט ער אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ שווערע שטראָף און אין דעם זעלביגען טאָג האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין ניקאַטערא.

אָבער אַזוי ווי ספּאַרטאַק האָט פאַרכאַפּט אַלע שיפען, וואָס מ'האָט געקאָנט באַנוצען, האָבען די רוימער געמוזט זיי נאָכפאָלגען איבער דער יבשה, איבער שלעכטע באַרגיגע וועגען, וואָס האָט געשטערט זיין אַרמיי צו געהן גיך.

בעת קראַס איז צוגעקומען צו ניקאַטערא, איז ספּאַרטאַק שוין דאָרט ניט געווען. ער איז אַוועק ווייט צו דרום צו, אויפפאָדערנדיג די שקלאַפען צום אויפשטאַנד און זאַמלענדיג נייע קרעפטען.

צוגעהענדיג ביז סיציליען, האָט ער באַשלאָסען זיך צו באַפעסטיגען און ערוואַרטען די רוימער. ער האָט פאַרנומען אַ אויסערגעוועהנליך שטאַרקע פּאָזיציע, האָט אַרומגערינגעלט זיין לאַגער מיט אַזאַ הויכען צוים און אויסגעגראָבען אַרום איהם אַזאַ טיעפען גראָבען, אַז קראַס האָט איהם באַטראַכט פאַר ניט־צוגענגליך.

דאַן האָט קראַס אונטערגענומען אַ ריזיגע אַרבייט, וואָס וואָלט זיך אונז אויסגעוויזען אוממעגליך, ווען אַלע היסטאָריקער וואָלטען וועגען דעם ניט עדות געזאָגט איינשטימיג.

דעם גאַנצען פּאַס פון האַלב־אינזעל, וואָס ספּאַרטאַק האָט פאַרנומען, האָט ער פאַרטראַכט איבערצושניידען מיט אַ גראָבען פון אַכטצעהן טויזענד פוס לאַנג און דרייסיג פוס טיעף, איבער וועלכען עס זאָל אויפגעשטעלט ווערען אַ אויסערגעוועהנליכע שטאַרקע און הויכע וואַנט.

אַוועקנעהמענדיג, אויף אַזאַ'ן אופן, די מעגליכקייט ביי די גלאַדיאַטאָרען צו באַקומען פּראָוויזיע, האָט ער אויסגערעכענט דורך הונגער זיי צו צווינגען זיך אונטערצוגעבען.

אין דער צייט וואָס די הונדערט טויזענדיגע רוימישע ארמיי האָט געאַרבייט אויף דעם דאָזיגען גראַנדיעזען בנין, האָט ספּאַר־טאַק איינגעמושטירט און געבראַכט אין אָרדנונג זיינע בייע לעגיאָ־נען פון עלף טויזענד שקלאַפען, וואָס ער האָט ווידער אָנגעזאַמעלט. אין דער זעלביגער צייט האָט ער באַקלערט אַ מיטעל אויף אַרויס־צוגעהן פון דער פּאַסטקע, וואָס קראַס האָט מיט אַזעלכע אומוואַר־שיינליכע אנשטרענגונגען פאַר איהם אָנגעשטעלט.

און ער האָט צולעצט געפונען אַ מיטעל.

אין אַ רעגענדיגער, פינסטערער נאַכט האָט ער געהייסען, ווי געוועהנליך, אָנצינדען פעלד פייערען, און אַליין מיט גאָר זיינע חיל האָט ער זיך שטיל אַרונטערגענומען פון לאַגער און איז אַוועק צום ברעג פון טירענישען ים, וואו די מורא׳דיגע וואַנט איז שוין געווען גענענדיגט און דערפאַר איז דאָרט קיין זאַך ניט געשטאַנען.

דאָ האָט ער געהייסען וואַרפען אין גראַבען שוין פון פריהער אָנגעגרייטע בינט צווייגען, וואָס האָבען געבילדעט אַ בריק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען ביז׳ן סאַמע אויבען פון דער וואַנט און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער צווייטער זייט. אויף די צווייגען האָט מען דיק אָנגעשאָטען זאַמד, וואָס איז אויך נאָך פון פריהער געווען אָנגעגרייט אין זעק, אַזוי, אַז די אַרבייט האָט קיין סך צייט ניט געפאָדערט.

אַז דער בריק איז שוין געווען פאַרטיג, איז די גאַנצע ארמיי איבער איהם אַריבער בשלום און איז אומבאַמערקט אַרויס פון פּאַסטקע.

אַלע זיינע פוס־געהער, אונטער גראַניק׳ס קאָמאַנדע, האָט ספּאַרטאַק אַוועקגעשיקט אין קאַוולאָניען און האָט זיי געהייסען געהן וואָס גיכער.

אין צוויי טעג אַרום, בעת אַ רוימישער לעגיאָן איז געגאַנגען נאָך פּראָוויאַנט, האָט ספּאַרטאַק איהם פּלוצלינג אַטאַקירט און אין אַ האַלבע שעה צייט האָט ער אויסגע׳הרג׳עט איבער פיער טויזענד רוימער, נאָכיאָגענדיג די איבריגע ביז׳ן רוימישען לאַגער.

קראַס האָט נאָך ניט באַוויזען צו קומען צו זיך פון ערשטוינונג,

בעת ער האָט פּלוצלונג דערזעהן דעם שונא, וועלכען ער האָט אַזוי פעסט געהאַלטען פאַרשפּאַרט אין פאַסטקע, און ספּאַרטאַק האָט שוין צוריק אומגעקעהרט זיינע לעגיאָנען און איז געפלויגען איבער'ן וועג אין קאַוולאָניען.

— דאָס איז אַ העלישע גבורה ! — האָט קראַס ווילד גענור־מען ברומען, — ווער זשע איז ער, אָט דער דאָזיגער מענש ? רינגעל איך איהם ארום, גליטשט ער זיך אַרויס ; צושלאָג איך איהם, זאַמעלט ער אָן נייע חיל ; וואַרט איך, אַז היינט־מאָרגען זאָל ער זיך אונטערגעבען פון הונגער, באַפאַלט ער גאָר אויף מיר פון הינטען. דאָס איז אָן אמת'ער כישוף־מאַכער אָדער דער בייזער גייסט אַליין.

— ניין, ער איז גאָר פּשוט אַ גרויסער ארמיי־פיהרער, — האָט באַמערקט דער יונגער קאַטאָן, וועלכער האָט שוין באַוויזען זיך אויסצוצייכענען מיט זיין גבורה און אויסדויער.

קראַס האָט געוואָרפען אַ בייזען בליק אויף דעם עזות'דיגען יונגען מאַן און, ווי ס'האָט אויסגעזעהן, האָט ער איהם געוואָלט מאַכען אַ שטרענגען פאַרוואורף פאַר זיין אריינמישען זיך, ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען און רוהיג געענטפערט :

— דאַכט זיך, אַז דו ביזט גערעכט, דרייסטער יונגער מאַן.

— אויב דו רופסט מיך דרייסטער דערפאַר, וואָס איך זאָג דעם אמת, איז קיין דרייסטערער פון מיר ניטאָ אויף דער וועלט !

— האָט דער יונגער מאַן שטאָלץ באַמערקט.

קראַס איז אָנשוויגען געוואָרען. עס האָבען אויך געשוויגען סקראָפאַ, מומי און די אנדערע קאָמאַנדירען, זיי זיינען געווען פאַר־טיפט אין שווערע געדאַנקען. צולעצט האָט קראַס געזאָגט :

— זיך יאָגען נאָך איהם קאָן מען, אָבער דעריאָגען איהם וועט מען סאַי ווי ניט קאָנען. ער טראָגט זיך, ווי אַ ווינד, און ער איז אַ סך וויטער פון אונז. ער האָט אָן ארמיי פון אכטציג טויזענד. וואָס וועט זיין, אויב ער וועט זיך אַ וואָרף טאָן אויף רוים ?... און איך האָב נאָך נעכטען געשריבען דעם סענאַט, אַז די מלחמה קאָן מען רעכענען פאַר געענדיגט!... וואָס זשע זאָלען מיר איצטער טאָן ?

אלע קאָמאַנדירען זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף באַלד וועגען מעלדען דעם סענאַט און בעטען ער זאָל אַרויס־שיקן קעגען ספּאַרטאַק'ן פּאָמפּעי'ס אַרמיי, וואָס קעהרט זיך אום פון שפּאַניען נאָך דער מלחמה מיט סערטאָרי'ען, און לוקולא'ס אַרמיי, וואָס האָט באַזיעגט מיטרידאַט'ן און וועלכע געפינט זיך אויפ'ן וועג קיין איטאַליען. אויף אַזאַ'ן אופן, זיך געפינענדיג צווישען דריי אַרמייען, וואָס וועלען אין אַלעמען אויסמאַכען דריי הונדערט טויזענד, וועט ספּאַרטאַק צולעצט אָהן צווייפעל פאַר־ניכטעט ווערען. אַנדערש וועט די מלחמה זיך פאַרציהען אויף גאַנץ לאַנג, ווייל קראַס אַליין איז ניט אימשטאַנד פאַרטיג צו ווערען מיט ספּאַרטאַק'ן.

ווי ביטער ס'איז ניט געווען קראַס'ן צו שרייבען צום סענאַט אַזעלכע זאַכען, האָט ער אָבער אין דעם זעלביגען טאָג אָוועקגע־שיקט אַ בריעף צום סענאַט, בעטענדיג איהם אונטערצואיילען פּאָמפּעי'ן און לוקולא'ן. ער אַליין האָט דערווייל זיך אָוועקגע־לאָזט נאָך ספּאַרטאַק'ן.

דעריאָגענדיג זיינע לעגיאָנען אין קאַוולאָניען, האָט ספּאַר־טאַק זיי ווייטער געפיהרט צו צפון צו. אָבער אין גיכען האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלען, ווייל אין דער אַרמיי האָבען ווידער אַמאָל אויסגעבראָכען אומרוהען, וואָס קאַי קאַניצי האָט אַרויס־גערופען.

האָבענדיג פינף לעגיאָנערען אויף זיין זייט, האָט ספּאַרטאַק געשריען, אַז פריהער דאַרף מען צוקלאַפּען קראַס'ן און דערנאָך געהן אויף רוים.

אָבער ספּאַרטאַק'ס געבעטען און סטראַשונקעס האָבען ניט געקאָנט איינהאַלטען די בונטאָווּשציקעס, וואָס האָבען באַשלאָסען אויפצושלאָגען אַ באַזונדער לאַגער מיט אַ צעהן מייל ווייטער פון הויפּט לאַגער. צו קאַניצי'ן איז אויך קאַסט צוגעשטאַנען.

ספּאַרטאַק האָט געשיקט גראַניק'ן און אַרטאָריקס'ן איבער־צוצייגען קאַניצי'ן זיך אומצוקעהרען. אָבער דער לעצטער האָט זיך

געהאַלטען ביי דאָס זייניגע : די געגענד איז דאָ אַ זעהר גינסטיגע און אָט דאָ דאַרף מען קראַס'ן דערלאַנגען דעם ענטשיידענדען קלאַפּ.

ערביטערט פון דער פאַרברעכערישער אויפפיהרונג פון זיינע לעגיאָנען, האָט ספּאַרטאַק פונדעסטוועגען ניט געוואָלט זיי פאַרלאָזען אויפ'ן שיקזאַל'ס באַראָט, וויסענדיג, אַז זיי זיינען באַדראָהט פון אַ אומפאַרמיידליכער געפאהר. ער האָט באַשלאָסען אָפּצוּוואַרטען, ביז זיי וועלען זיך באַזינען. אויף אַזאַ'ן אופן האָט ער פאַרלאָרען צייט און האָט קראַס'ן געגעבען אַ מעגליכקייט צו געווינען צייט.

אויפ'ן פערטען טאָג האָט קראַס זיך באַוויזען פאַר די בערגלאַף וואָס קאַניצי'ס לעגיאָנען האָבען פאַרנומען.

ס'איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט. קאַניצי'ס דרייסיג טויזענדיגער קאָרפּוס האָט שטאַנדהאַפט אויסגעהאַלטען דעם אנדראַנג פון דער רוימישער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען כמעט פון הונדערט טויזענד, ער וואָלט אָבער אָהן צווייפעל פאַרטיליגט געוואָרען, ווען ספּאַרטאַק וואָלט ניט באַוויזען צו קומען איהם צו הילף.

מיט ספּאַרטאַק'ס אָנקומען האָט די שלאַכט זיך צוברענט מיט אַ פאַרדאָפּעלטער ערביטערונג און האָט אָנגעהאַלטען ביז אַכט. די גלאַדיאַטאָרען האָבען פאַרלאָרען צוועלף טויזענד מאַן, די רוימער צעהן טויזענד, אָבער ניט איין צד און ניט דער צווייטער צד האָט נאָכגעגעבען אַפילו אויף איין טריט.

אין יענער נאַכט האָט ספּאַרטאַק זיך אַרונטערגענומען פון לאַגער און האָט אָפּגעטראָטען, איינריידענדיג די בונטאָוושציקעס איהם נאָכצופאָלגען. קראַס האָט זיי געהיט די טריט.

ספּאַרטאַק האָט פאַרנומען אַ פעסטע פּאָזיציע אויף אַ הויכען און אָפּגעריסענעם באַרג. דאָ האָט ער זיך באַמיהט איבערצוצייגען קאַניצי'ן און קאַסט'ן אין דער נויטיגקייט פון אַ געמיינשאַפטליכער טעטיגקייט.

אין אַ שרעקליך שטורעמדיגער נאַכט, בעת ס'האָט געגאָסען אַ שלאַגס רעגען און דונערן האָבען געקראַכט, האָט ספּאַרטאַק ווידער אָפּגעצויגען פון קראַס'ן.

אין א וואָך אַרום האָט קראַס ווידער דעריאָגט די גלאַדיאַטאָרען : קאַניצי און קאַסט האָבען ווידער זיך אָפּגעטיילט פון ספּאַרטאַק'ן מיט זייערע צוויי לעגיאָנען, און ספּאַרטאַק האָט זיך ווײ־ער אָפּגעשטעלט.

צוויי טעג איז קראַס געשטאַנען און האָט געציעלט אויף די צוויי אָפּגעטיילטע לעגיאָנען, באַטראַכטענדיג די פּאָזיציע און גרייטענדיג זיך צו א שלאַכט. אויפ'ן דריטען טאָג, בעת די נאַכט איז צוגעפאַלען, האָט ער אַרויסגעשיקט איינעם פון זיינע לעגיאָנען, וואָס האָט געדאַרפט אַרומגעהן קאַניצי'ס לאַגער און זיך באַהאַלטען הינטער אַ באַרג, ביז וואַנען סקראָף מיט דריי אַנדערע לעגיאָנען וועט אויף איהם ניט אָנפאַלען פון פראָנט.

דערמיט האָט קראַס געהאָפט צו פאַרטיליגען די צוויי אָפּגעטיילטע לעגיאָנען, איידער ספּאַרטאַק וועט באַוויזען צו קומען זיי צו הילף. דערנאָך וועט ער צוקלאַפּען ספּאַרטאַק'ן גופא, וואָס ביי איהם וועט נאָך אַזאַ פאַרלוסט בלייבען נאָר אַכט און פופציג טויזענד מאַן, בעת ער, קראַס, וועט האָבען נײַנציג טויזענד.

ליווי מאַמערק, דער קאָמאַנדיר, וואָס איז געשיקט געוואָרען אַרומצוגעהן קאַניצי'ס לעגיאָן, האָט דורכגעפיהרט דעם פּלאַן מיט אַזאַ קונסט, אַז די גלאַדיאַטאָרען האָבען גאָרנישט באַמערקט. כדי די זעלנערשע שלעמען און פּאַנצערן, גלאַנצענדיג אויף דער זון, זאָלען ניט ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די גלאַדיאַטאָרען, האָט מאַמערק געהייסען זיינע לעגיאָנערען זיך פאַרוויקלען דעם קאָפּ און די ברוסט מיט גראָז און מיט צווייגלאַך. אָט אַזוי זיינען די רוימער שטיל געלעגען הינטער'ן באַרג, פאַרשטעקט צווישען די קוסטען און בוימער.

אָבער צו זייער אומגליק איז אויפ'ן שפּיץ באַרג געשטאַנען אַ קליינער טעמפּעל, געווידמעט צו יופּיטער'ן.

די גאָטספאָרכטיגע מירדזאַ, וואָס איז אָהן אַ ברעג געווען איבערגעבען דעם ברודער, האָט קיין געלעגענהייט ניט דורכגעלאָזט צו ברייגגען פאַר איהם אַ קרבן צו די געטער.

אין יענעם טאָג איז זי אויך געגאַנגען אין טעמפּעל בעטען די געטער.

ארויפגעהענדיג אויפ'ן שפיץ בארג, האט זי דערזעהן די רוי־מישע סאלדאטען ליגענדיג פארשטעקט אין גראז; זי האט אבער מיט קיין זאך ניט ארויסגעוויזען, אז זי האט זיי באמערקט, און האט אפגעריכט די צערעמאניע פון ברייננגען א קרבן. אפזאגענדיג די תפילות איז זי באלד אוועקגעלאפען צו קאניצי'ן און האט איהם דערצעהלט, וואס זי האט געזעהן, דאן האט זי זיך געזעצט אויף א פערד און האט אוועקגעריטען אנזאגען ספארטאק'ן.

קאניצי און קאסט האבען זיך באלד א ווארף געטאן מיט זייערע לעגיאנען אויף ליווי מאמערק.

דער לעצטער האט מוטיג באגעגענט דעם אומערווארטעטען איבערפאל און האט באלד אוועקגעשיקט צו קראס'ן נאך הילף.

קראס האט איהם צוגעשיקט צוויי לעגיאנען.

און ספארטאק האט אויך צוגעשיקט צוויי לעגיאנען.

דער צוזאמענשטוים האט זיך ענטוויקעלט אין א שלאכט, וואס האט אנגעהאלטען ביז נאכט.

פון די רוימער זיינען געפאלען איבער עלף טויזענד מאן, פון די גלאדיאטארען — איבער צוועלף טויזענד. צווישען די גע־הרג'עטע זיינען געווען קאניצי און קאסט.

ספארטאק האט זיך ארונטערגענומען פון לאגער און האט זיך באהאלטען אין די בערג.

קראס האט געהייסען פארברענען די רוימישע הרוגים. באטראכ־טענדיג דאס שלאכט־פעלד האט ער צו זיין באוואונדערונג פון אלע חיל באמערקט, אז פון אלע אויסגע'הרג'עטע גלאדיאטארען זיינען נאר צוויי געווען פארוואונדעט אין רוקען, אלע איבריגע זיי־נען אומגעקומען, קעמפענדיג פנים אל פנים מיט'ן שונא.

איצט, בעת די גלאדיאטארישע ארמיי איז געווען אזוי אפגע־שוואכט, האט קראס חרטה געהאט, פארוואס ער האט ביים סענאט געבעטען הילף פון פאמפעי'ען און לוקולא'ן. אין דער ווירקליכ־קייט איז אויף זיין גורל אויסגעפאלען די גאנצע שווערקייט פון דער דאזיגער מלחמה, און איהם האט זיך איינגעגעבען אויף אזוי פיעל אפצושוואכען ספארטאק'ן, אז ער האט שוין ניט געקאנט אונטער־

נעמען אן אָפענע שלאכט מיט די רוימער. אין דער אייגענער צייט האָבען צוויי אנדערע ארמיי־פיהרער געקאָנט זיך צושרייבען דעם כבוד פון נצחון.

און קראס האָט באשלאָסען פארטיג צו ווערען מיט ספאר־טאק'ן, איידער פאָמפעי וועט אָנקומען.

מיט דעם דאָזיגען ציעל האָט ער געהייסען דעם קוועסטאָר סקראָף נאָכיאָגען ספארטאק'ן און ער מיט צוואנציג טויזענד סאָל־דאטען איז אוועק אין דער ריכטונג צו פּאָטענציא, זאמלענדיג איבער'ן וועג רעקרוטען.

די גרויסע באלוינונגען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט די פריי־וויליגע, האָבען אין אַ קורצער צייט געבראכט אונטער זיין קאָמאנדע דריי נייע לעגיאָנען.

ספארטאק האָט ניט געוואוסט, אַז קראס האָט צוטיילט זיינע קרעפטען און האָט זיך געדרעהט איבער די לוקאנישע בערג, וועלכע־דיג דערמיט איהם אויסמאַטערען דורך שווערע אריבערגאַנגען און דערנאָך אויף איהם פלוצלינג אָנפאלען, ביי געלעגענהייטען, וואָס זיינען פאר איהם פּאַרטיילהאַפט. און סקראָף, פאָלגענדיג דעם באַפעהל פון זיין קאָמאנדיר, האָט ניט אויפגעהערט צו פארפאָלגען די גלאַדיאַטאָרן, אָנפאַלענדיג אויף זיי פון הינטען ביי יעדער באַקוועמער געלעגענהייט.

ביי איין טייכעל, וואָס איז איבער די רעגענס ארויס פון די ברעגען, האָט זיך איינגעגעבען סקראָפ'ס קאַוואַלעריע אָפצושניידען פון די הויפּט קרעפטען עטליכע הונדערט גלאַדיאַטאָרן.

ספארטאק האָט באַלד געגעבען דעם סיגנאַל אָנצוהויבען די שלאכט. אויסשטעלענדיג זיינע לעגיאָנען, האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיי בלייבט נאָר ענטוועדער זיעגען, אָדער שטארבען; הינטער זיי איז אַ טייך, און זיי וועלען קיין רעטונג ניט געפינען, אויב זיי וועלען פארלירען די שלאכט.

די רוימער זיינען אנטלאָפען.

אומזיסט האָט סקראָף זיך געוואָרפען אין די סאַמע געפעהר־ליכסטע ערטער, כדי אָפצוהאַלטען די לויפענדע. אומזיסט האָבען די טריבונען מיט אַ הייפעלע העלדישע יונגען זיך באַמיהט איינ־

צוהאַלטען דעם דרוק פון די גלאַדיאַטאָרען. די גלאַדיאַטאָרען האָבען אויף די רוימער אַנגעוואָרפען אַן אימה און זיי זיינען געלאָפען אָהן אַן אָטעם. דער קוועסטאָר אַליין, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין פוס און אין פּנים, איז מיט גרויס מיה געראַטעוועט געוואָרען פון פאַלען.

די מפּלה פון די רוימער איז געווען אַ פאַלשטענדיגע. איבער צעהן טויזענד פון זיי זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען. די גלאַדיאַטאָרען האָבען נאָר פאַרלאָרען אַכט הונדערט מאַן.

ערמוטיגט פון ערפאָלג, האָבען די גלאַדיאַטאָרען גענומען בעטען ביי ספּאַרטאַק'ן ער זאָל זיי פיהרען אויף קראַס'ן.

אָבער ספּאַרטאַק האָט עס ניט געקאָנט. קראַס'עס אַרמיי איז ווידער באַשטאַנען פון הונדערט טויזענד און אפשר פון הונדערט מיט צעהן טויזענד, בעת די גלאַדיאַטאָרישע אַרמיי איז באַשטאַנען נאָר פון זעכציג טויזענד.

אין צעהן טעג אַרום נאָך סקראָפאַ'ס מפּלה זיינען צו ספּאַרטאַק'ן געקומען פון רוים דריי גלאַדיאַטאָרען, פאַרקליידעט פאַר פויערים. זיי האָבען איהם געבראַכט אַ בריעף פון וואַלעריאַ'ן.

זי האָט ספּאַרטאַק'ן געמאָלדען, אַז פון רוים געהט אויף איהם פּאָמפּעי מיט זיין גאַנצער אַרמיי, און אַז די טעג דאַרף קומען צוריק פון אַזיען לוקול, וועלכער, לויט ווי ס'הערט זיך, וועט אויך צושטעהן צו קראַס'ן.

נעמענדיג דאָס אין אַנבאַטראַכט האָט זי זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל וואָס גיכער שליסען פרידען מיט קראַס'ן, ווייל אין געגען־פאַל איז די גאַנצע גלאַדיאַטאָרישע אַרמיי אין געפאַהר אומצוקומען.

איבערלייענענדיג דעם דאָזיגען בריעף, האָט ספּאַרטאַק לאַנג ניט געקומען צו זיך. די ידיעה האָט אויף איהם געמאַכט אַזאַ'ן איינדרוק, אַז ער איז געבליבען שטעהן, ווי אַן אָפּגעשטאָרבענער.

וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט איצט געהאַט זיין גבורה, זיין אויסדויער, זיין מיליטערישע געשיקטקייט, בעת ער איז געווען באַדראָהט פון דריי אַרמייען, וואָס איטליכע איז געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זיין אַרמיי.

ער איז געבליבען שטעהן א ענטווישטער, א פארקלעמטער, מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, באדריקט פון שווערע געדאנקען.

צולעצט האט ער אזוי ווי ערוואכט. ער האט אנגעטאן א פאנצער און א שלעם, האט אנגעגארטעלט דעם שווערד און צוזא־מען מיט מאמיליאן האט ער ערגיץ־וואו אוועקגעריטען, אין דער באגלייטונג פון דריי הונדערט רייטער.

אין דער אפגעזונדערטער ווילא פון פאטריצי טיט גאסטילי, וועלכע איז געלעגען א צעהן מייל פון גלאדיאטארשען און אויך פון רוימישען לאגער, זיינען אויפ'ן צווייטען טאג צונויפגעקומען ביידע ארמיי־פיהרער.

קראס האט גערן אנגענומען ספארטאק'ס איינלאדונג און אין דער באשטימטער שעה איז ער געקומען אין ווילא.

ביידע ארמיי־פיהרער האבען זיך באגריסט און שווייגענדיג האט איינער דעם אנדערען אפגעמאסטען מיט'ן בליק.

דער גלאדיאטאר ספארטאק איז געווען מיט א קאפ העכער פון דעם פאטריצי קראס. די גראדע פארמען פון ספארטאק'ס אטלעטישער פיגור האבען נאך שארפער געמאכט דעם אונטערשיעד צווישען איהם און דעם קליינגעוואקסיגען און דיקען קראס'ן. און בעת ספארטאק האט אויפמערקזאם באטראכט די שארפע און שטרייגגע שטריכען פון קראס'עס טונקעלען פנים, האט קראס זיך ניט געקאנט אפוואנדערען פון ספארטאק'ס שעהנער און העלדישער פיגור, וואס האט ארויסגערופען אכטונג.

מעהר פון אלץ האט קראס'ן געוואונדערט דאס, וואס ער קאן ניט באהערשען זיינע געפיהלען פון אומווילינער אכטונג, וואס דער דאזיגער מענש דערוועקט אין איהם.

דער ערשטער האט גערעדט ספארטאק.

— דאכט זיך דיר ניט, קראס, אז די דאזיגע מלחמה האט זיך צו לאנג פארצויגען? — האט ער געפרעגט.

— יא, א סך לענגער, וויפיעל ס'האט געדארפט געדויערען.

— איז ניט צייט אויפצוהערען?

— ווי אזוי?

— נאטירליך, שליסען פרידען.

— פרידען ? ווי אזוי וועלען מיר שליסען פרידען ?

— אָט אזוי ווי געוועהנליך, אזוי ווי ס'איז אָנגענומען אין דער וועלט.

— ווי מיט אניבאל'ן, אנטיאָכ'ן אָדער מיטרידאט'ן ? — האָט קראס גיפטיג געפרעגט.

— נו, יא, אזוי ווי צוויי קעמפענדע פעלקער שליסען געוועהנליך פרידען.

— פעלקער ? זייט איהר דען א פאָלק ?

— מיר זיינען זאָגאר עטליכע פעלקער, וואָס האָבען זיך פאראייניגט.

— גאָר אזוי ! און איך האָב געמיינט, אז איהר זייט א באַנדע פארהאסטע קנעכט, וואָס האָבען זיך צובונטעוועט קעגען זייערע געזעצליכע הארען, — האָט קראס ווידער שפּאָטלוסטיג געענטפערט.

— אמת, די רוימישע מוטוויליגקייט האָט אונז געמאכט פאר קנעכט, — האָט ספּארטאק געענטפערט געלאסען און מיט ווירדע, — און אויך וויפיעל מיר זיינען פארהאסט, דאָס האָבען מיר אייך באוויזען מיט אונזערע נצחונות איבער אייך אין פארלויף פון די דאָזיגע דריי יאָהר. וואָס אנבעלאנגט דער געזעצליכקייט פון אייער הערשאפט איבער אונז, וועלען מיר איצט וועגען דעם ניט ריידען : די געשיכטע וועט בעסער פון אונז זיך פאנאנדערקלייבען אין דעם און וועט בעסער פון אונז אורטיילען וועגען דעם.

— וויפיעל פראָווינצען פאָדערסטו ? און וויפיעל קאָנטריבוציע וועסטו הייסען באצאָהלען ?

אזוי פיעל שפּאָט האָט ספּארטאק ניט געקאָנט אריבערטראָגען. זיינע אויגען האָבען גענומען ברענען מיט צאָרן, און ער האָט זיך געמוזט אנשטריינגען, כדי איהם ניט אנצוקומען גראָב.

— מארק קראס ! — האָט ער געזאָגט, — מיר דאכט זיך, אז מיר זיינען דאָ צונויפגעקומען ניט דערפאר, כדי צו באַליידיגען איינער דעם צווייטען.

— באַליידיגסטו דען ניט רוים מיט דיין פרידענס פאָרשלאָג ? פרידען מיט גלאַדיאטאָרען און קנעכט !

— פונדעסטוועגען האָסטו אָנגענומען מיין פאָרשלאָג און

בינסט אהער געקומען. הייסט דאָס, אז דו האָסט יאָ צוגעלאָזט א מעגליכקייט צו שליסען פריעדען מיט מיר.

— וואָסערע באדינגונגען שלאָגסטו פאָר? — האָט קראַס גלייכגילטיג געפרעגט. — איך וועל מיר ערלויבען צו באמערקען, אז פּאָמפּעי געהט אויף דיר, און לוקול וועט היינט־מאָרגען אָנקומען אין ברונדוזיען און וועט דיר אטאַקירען פון מזרח.

— און אייך שטעהט ניט אָן צו שליסען פריעדען מיט מיר, א שונא, קעגען וועלכען די רעפּובליק איז געצוואונגען ארויסצושיקען אלע איהרע ארמייען? דו דארפסט אבער ניט פארגעסען, אז די אריינמישונג פון לוקול'ן און פּאָמפּעי'ן וועט זיי מאכען פאר די זיעגער אין דער דאָזיגער מלחמה, בעת אלע שווערינקייטען זיינען אין דער ווירקליכקייט אויף דיר געפאלען!

איצט האָט ספּארטאַק קראַס'ן אריינגעזאָגט ביז אין ביין אריין, ער האָט אָנגעריהרט זיין שוואכסטען אָרט.

— איז וועלכע באדינגונגען שלאָגסטו פאָר? — האָט קראַס אונגעדולדיג ווידערהאָלט.

— אלע מיינע סאלדאטען וועלען פרידליך זיך פאנאנדערגעהן, אויב דער סענאט וועט זיי שענקען דאָס לעבען און וועט זיי אלעמען ערלויבען, ניט אויסשליסענדיג די קנעכט, אריינצוטרעטען אין די גלאדיאַטאָר־שוהלען; זייערע קאמענדירען, די צענטוריאָנען אריינגערעכענט, וועלען באטראכט ווערען פאר רודיארען.

— וועל איך בעסער טיילען דעם כבוד פון זיעג מיט פּאָמפּעי'ן און לוקול'ן, — האָט קראַס גיפטיג באמערקט.

— און וואָס זיינען דיינע באדינגונגען? — האָט ספּארטאַק געפרעגט ניט אָהן אויפרעגונג.

— דיר און הונדערט מענשען, וואס דו וועסט אויסקלייבען, וועלען מיר שיינקען דאָס לעבען און די פרייהייט. די איבריגע מוזען אוועקלייגען די וואפען און זיך אונטערגעבען אָהן שום באדינגונגען. דער סענאט וועט זיך מיט זיי באגעהן אזוי ווי ער וועט געפינען פאר נויטיג.

— וועל איך בעסער אומקומען מיט אלע מיינע לעגיאָנען! —

האָט ספּאַרטאַק אויסגעשריען. — ווע‎לען מיר זיך זעהן אין שלאַכט?

— מיר וועלען זיך זעהן, — האָט קראַס געענטפערט.

— צום ווידערזעהן! — איך וועל וואַרטען אויף דער באַ־געגעניש!

מיט די דאָזיגע ווערטער איז קראַס אַוועקגעגאַנגען.

נאָך ספּאַרטאַק׳ס פּאַרצאָגטען פּנים האָט מען געקאָנט דער־קאָנען, אז די פאַרהאַנדלונגען מיט קראַס׳ן האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט. דעם גאַנצען וועג האָבען זיי צווישען זיך א וואָרט ניט אויסגערעדט, און קיינער האָט ביי זיך ניט גע׳פּועל׳ט אָנצו־הויבען ריידען מיט׳ן פיהרער.

קומענדיג אין לאַגער האָט ספּאַרטאַק זיך דערוואוסט, אז לוקול איז שוין אָנגעקומען אין ברונדוזיע און ער געהט זיך פאַראייניגען מיט קראַס׳ן.

איצט איז פאַרשוואונדען יעדע האָפנונג אויף א רעטונג.

ספּאַרטאַק האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אויפ׳ן לינקען ברעג פון טייך בראַנדאַן און האָט באַשלאָסען אַרויסצוטרעטען קעגען קראַס׳ן איידער פּאָמפּעי און לוקול וועלען אָנקומען.

קראַס האָט זיך אויך אַריבערגעקליבען אויפ׳ן לינקען ברעג און ער האָט געהאַט בדעה אויפצושלאָגען זיין לאַגער אינגאַנצען צוויי מייל ווייטער פון דעם גלאַדיאַטאָרשען לאַגער. אָבער די רוימער האָבען נאָך ניט באַוויזען זיך אַרומצורינגלען מיט א גראָ־בען, און די גלאַדיאַטאָרען זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען.

און די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבען.

פאַרביייגעהענדיג דעם פראָנט פון זיינע לעגיאָנען, האָט ספּאַרטאַק געזאָגט:

— ברידער! פון דער היינטיגער שלאַכט העננט אָפּ אונזער שיקזאַל. פון דער הינטערשטער זייט געהט אויף אונז לוקול, וואָס געפינט זיך אין ברונדוזיען, פון פלאַנג דראָהט אונז פּאָמפּעי און געגען אונז שטעהט קראַס. מיר מוזען ענטוועדער צוקלאַפּען קראַס׳ן, כדי דערנאָך זיך א לאָז צו טאָן אויף פּאָמפּעי׳ן, אָדער שטאַרבען אויפ׳ן אָרט, ווי עס פּאַסט פאַר העלדען. ברידער!

לאמיר זיין פעסט ביז׳ן סוף. מיר וועלען ענטוועדער זיעגען אדער שטארבען!

מ׳האט איהם צוגעפיהרט דעם שווארצען נומידישען פערד, וואס ער האט זעהר ליעב געהאט. ספארטאק האט ארויסגעצויגען דעם שווערד פון שייד און איהם אריינגעשטאכען אין ברוסט פון זיין געליעבט פערד.

— היינט דארף איך ניט קיין פערד, — האט ער געזאגט מיט אויפרעגונג, — אויב איך וועל זיין דער זיעגער, וועל איך אויס־קלייבען דעם בעסטען פון דעם שונא׳ס פערד, אויך אויב וועל באזיעגט ווערען, וועל איך קיין פערד ניט דארפען ניט היינט, ניט מארגען און קיין מאל ניט.

די גלאדיאטארען האבען פארשטאנען די בייזע באדייטונג פון זיינע ווערטער און פון זיין טאט און זיי האבען גענומען שרייען ער זאל זיי וואס גיכער פיהרען אויף די רוימער.

קראס׳עס לעגיאנען האבען זיך צומישט און האבען האסטיג גענומען אפטרעטען. דאן האט ספארטאק געהייסען אויסשאלען דעם סיגנאל, וואס איז שוין פון פריהער אפגעמאכט צווישען איהם און מאמילי׳ן. מאמילי האט באלד אטאקירט מיט דער גאנצער קאוואלעריע דעם רעכטען פלאנג פון די רוימער.

באמערקענדיג דאס, האט קראס, וואס האט באאבאכטעט די שלאכט פון בארג, געשיקט פיער נייע לעגיאנען אויף צו פאר־שטארקען דעם צובראכענעם צענטער און אין דער זעלביגער צייט האט ער באפוילען קווינט׳ן צו אטאקירען מיט דער קאוואלעריע, וואס איז באשטאנען פון ניין טויזענד, די גלאדיאטארשע קאוואַ־לעריע, וואס איז באשטאנען פון אכט טויזענד. מומי מיט פיער רעזערוו לעגיאנען האט זיך פארנומען קעגען דעם ערשטען אומבא־שיצטען פלאנג פון די גלאדיאטארען.

גראניק איז ארויס אנטקעגען מומי׳ן מיט צוויי לעגיאנען, די לעצטע, וואס זיינען נאך געבליבען אין רעזערוו, און האט אפגע־שטעלט דעם שונא, וואס איז געווען צוויי מאל אזוי שטארק.

די איבערגעוויכט אויף דער רוימישער זייט איז אבער געווען א צו גרויסע. אין דער צייט, וואס זייערע פאדערשטע לעגיאנען,

וואס ספארטאק האט גערדיקט, האבען זיך אלץ מעהר געדוקט אויף צוריק, ביז זיי האבען גענומען לויפען, האט קראס בראש פון פיער לעגיאנען פון זיין רעזערוו אלץ פארנומען די ליידיג-געוואַרענע ערטער. די גלאדיאטארען האבען זיך אלץ אנגעשטויסען אויף נייע קרעפטען, און די שלאכט אין צענטער האט אויפגעפלאַקערט מיט א דאפעלטער ערביטערונג.

די איבריגע פינף טויזענד רוימישע רייטער האט זיך דערווייל איינגעגעבען ארומצורינגלען דעם פלאנג פון דער גלאדיאַטארשע קאוואלעריע, וואס איז געווען אריינגעצויגען אין א שלאכט מיט קווינט'ס קאוואלעריע און זיי זיינען אנגעפאלען אויף איהר פון דער הינטערשטער זייט. אין איין פערטעל שעה איז די גלאַדיאטארשע קאוואלעריע צוקלאפט געווארען. אויך האט זיך מומין איינגעגעבען ארומצוגעהן דעם רעכטען פלאנג פון שונא, ניט קוקענדיג אויף דער געשיקטקייט און ענערגיע פון גלאדיאטארשען קאמאנדיר, גראניק, וואס האט, ווי געוועהנליך, געקעמפט העלדיש.

פון אט דער מינוט אן האט ניט די האפנונג אויף א זיעג באגייסטערט די גלאדיאטארען, נאר דער דורשט פון ראכע און דער וואונש וואס טייערער צו פארקויפען זייער לעבען. זייער לינקער און רעכטער פלאנג האבען באדייטענד זיך אפגעצויגען אויף צוריק. נאר דער צענטער, וואו ספארטאק האט געקעמפט, האט זיך נאך געהאלטען קעגען שונא.

גראניק, זעהענדיג די נידערלאגע פון זיינע לעגיאנען, האט זיך א ווארף געטאן אהין, וואו ס'האט געווילדעוועט די שוידערליכסטע שחיטה. אוועקלייגענדיג איין טריבון, צוויי דעקוריאנען און א צעהן סאלדאטען, איז ער ענדליך אליין געפאלען, ווי אן אמת'ער העלד, דורכגעשטאכען פון צוואנציג שווערדען.

אין שלאכט איז אויך געפאלען דער אומדערשראקענער פיהרער פון דער גלאדיאטארשער קאוואלעריע, דער העלדישער מאמילי, דורכגעלעכערט פון צעהן פיילען.

ספארטאק האט ניט נאר ניט אפגעטרעטען, נאר מיט א טויזענד גלאדיאַרען, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, האט ער זיך אריינגעשניטען ווי א קלין אין די רייהען פון דעם זעקסטען

רוימישען לעגיאָן און האָט אויפ'ן קול קראַס'ן ארויסגערופען אויף א קאמף, דערמאָנענדיג איהם זיין צוזאָג.

דער טריבון מאַמערעק מיט א קאָמפּאַניע העלדישע לעגיאָנע־רען האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף ספּארטאַק'ן, אָבער ספּארטאַק האָט איהם באַלד אוועקגעלייגט. אַזוי איז אויך געווען דאָס שיק־זאַל פון צוויי צענטוריאַנען און אכט דעקוריאַנען, וואָס האָבען געוואָלט ווייזען זייערע סאָלדאַטען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אָפּוועה־רען. אָבער פון ספּארטאַק'ס צוויבער שווערד האָט קיין מענשליכע קונסט ניט געקאָנט באַשיצען, און די העלדישע לעגיאָנערען האָבען נאָר געוויזען, ווי העלדען דאַרפען שטאַרבען.

אין רייהע מיט ספּארטאַק'ן האָט ארויסגעוויזען וואונדערליכע גבורות דער נומידיער, וויבסאַלד, דער קאָמאַנדיר פון עלפטען לעגיאָן, וואָס ער האָט מיט זיין הערקולעסישער קראַפט און ריזיגען וואוקס דערמאָנט ענאָמאַי'ען.

עטליכע אנדערע העלדען, וואָס זייערע נעמען זיינען ניטאָ אין דער געשיכטע, האָבען געקעמפט ווי לייבען, אויסלייגענדיג אַרום זיך קופּעס פון הרוגים.

די נאַכט האָט זיך שוין פאַרשפּרייט איבער'ן שלאַכטפעלד, און די שלאַכט איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען. די לבנה איז אויפגע־גאַנגען און מיט איהרע בלאַסע שטראַהלען האָט זי באַלויכטען די דאָזיגע שרעקליכע בלוטיגע בילד.

איבער דרייסיג טויזענד גלאַדיאַטאָרען זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען. זיי זיינען געלעגען אויפ'ן פעלד פאַרגאָסען מיט זייער אייגענעם בלוט און מיט'ן שונא'ס בלוט. אויך ניט ווייניג רוימער זיינען אויסגעהרג'עט געוואָרען.

נאָר אין איין אָרט פון פעלד האָט זיך נאָך געהערט דער בראַזג פון שווערדען און די ווילדע געשרייען פון די קעמפענדע.

עטליכע הונדערט מענשען, וואָס האָבען זיך צונויפגעדרענגט אַרום ספּארטאַק'ן, האָבען פאַרטנעזעצט מיט עקשנות זיך צו פאַר־טיידיגען. און זיי האָבען ניט געקאָנט בייקומען דעם דאָזיגען העלד, וואָס איהם האָט נאָר דער טויט אַליין געקאָנט בייקומען

— קראַס ! וואו ביזטו ? — האָט ספּארטאַק פון צייט צו

צייט געשריען. — דו האסט צוגעזאגט זיך צו שלאגען מיט מיר! פאר וואס קומסטו ניט ארויס?

די לבנה האט זיך הויך אויפגעהויבען, בעת די שלאכט איז שוין געווען געענדיגט.

וויסבאלד און ארטאריקס, ספארטאק'ס לעצטע צוויי חברים, זיינען געפאלען אין שלאכט, און ער איז געבליבען אליין. ארומגע־רינגעלט פון אלע זייטען מיט שונאים, איינגאנצען באדעקט מיט וואונדען, אהן א שלעם, האט ער נאך אלץ פארטגעזעצט זיך צו פארטיידיגען. ווי א בליץ האט געגלאנצט זיין שרעקליכער שווערד אונטער וועלכען עס איז געפאלען איטליכער, וואס האט זיך אויף איהם פארמאסטען.

א ווארף־שפיז, וואס אימיצער האט אין איהם א ווארף געטאן אויף א שטרעקע פון צעהן טריט האט איהם שווער פארוואונדעט אין דער לינקער פוס.

ספארטאק איז געפאלען אויף דער לינקער קני און, זיך צושפאר־רענדיג מיט'ן רוקען צו א קופע הרוגים, האט ער אנגעטאן דעם פאנצער און האט פארטגעזעצט זיך צו פארטיידיגען. אכט ווארף־שפיזען, וואס מ'האט אין איין צייט אויף איהם א ווארף געטאן פון פארשיעדענע זייטען, האבען איהם ענדליך אוועקגעלייגט.

אזוי איז אומגעקומען דער דאזיגער מערקווירדיגער מענש, וואס האט אין זיך פאראייניגט די העלדישקייט פון א גרויסען ארמיי־פיהרער, קלוגשאפט מיט גרויסע גייסטיגע אייגענשאפטען, וואס האבען איהם געשטעמפעלט פאר דעם בעסטען מענשען פון זיין צייט.

מירדזא האט איהם איבערגעלעבט נאר מיט עטליכע שעה. בעת די שונאים האבען פארלאזט דאס פעלד, האט זי ווי א שאטען זיך פארקליבען אהין, כדי אויפצוזוכען איהר ברודער — א לעבע־דיגען אדער א טויטען.

ניט אהן מיה האט זי איהם אויפגעזוכט צווישען די הרוגים. איבערצייגענדיג זיך, אז ער איז טויט, האט זי מיט זיין שווערד זיך דערשטאכען . . .

זיבען טויזענד אומגליקליכע גלאדיאטארען, וואס זיי האט זיך

איינגעגעבען צו אנטלויפען פון שלאכט־פעלד אונטער דעם צודעק פון דער נאכט, זיינען אריינגעפאלען אין פאמפעי'ס הענד און זיי זיינען געקרייציגט געווארען.

אזוי טרויעריג האט זיך געענדיגט דער גראנדיזיער פארטראכט פון דעם דאזיגען מערקווירדיגען מענשען, וואס איז אומגעקומען, דערהויפט, צוליעב דער אייגענזיניגקייט פון זיינע סאלדאטען. ווען קיינער פון זיי וואלט איהם ניט פארראטען, וואלט אפגעגאלטען די גלאדיאטארען אוועקצוגעהן פון איטאליען און אנצוזאמלען אין זייער היימאט נייע חיל. אבער די פארגרעבטע שקלאפען האבען ניט געוואלט נאכפאלגען זייער וויטזעהענדען פיהרער, און זיי האבען זיך אומגעבראכט צוזאמען מיט איהם.

ספארטאק איז געשטארבען, אוועקטראגענדיג מיט זיך זיינע נאבעלע שטרעבונגען. די פרייהייט, וואס ער האט געוואלט שענקען די פעלקער, וואס רוים האט צוטראטען, איז ווידער דערשטיקט געווארען אונטער דעם רוימישען יאך. ווידער האבען די רוימישע אדלערס געקאנט הערשען איבער דער וועלט, און נייע מאסען קריגס־געפאנגענע זיינען פארוואנדעלט געווארען אין שקלאפען און גלאדיאטארען. ווידער זיינען אין די צירקען באנייט געווארען די גלאדיאטארשע געפעכטען, און דאס בלוט פון בארבארען האט זיך ווי וואסער געגאסען, כדי די וועלט־הערשער זאלען האבען מיט וואס זיך צו פארוויילען.

און דאך פארקלענערט דאס ניט די באדייטונג פון ספארטאק'ס העראאישען פארזוך. ער האט מיט זיין פארזוך באוויזען, וואסערע וואונדערליכע זאכען עס קאן אויפטאן דער אייזערנער ווילען פון איין מענשען, וואס איז באגייסטערט מיט ליעבע צו זיינע ליידענדע ברידער. ער האט איבערגעלאזט פאר די צוקינפטיגע דורות א ביישפיעל פון אומצושטערבארער מוט און צודירנגליכקייט. זיין נאמען וועט קיינמאל ניט שטארבען, ער וועט איבערגעהן פון דור צו דור, אלס דער נאמען פון איינעם פון די העלדישסטע און נאבעלסטע קעמפער פאר פרייהייט.

ע נ ד ע.

אַ קורצער ערקלערונגס ווערטערבוך

א.

אָליגארכיע. א מלוכה ארדנונג, ביי וועלכער די העכערע מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון עטליכע אַריסטאָקראַטען.

אווגורן. אַ פריסטער אין אַלטען רוים, וואָס פלעגט פאָראויס־זאָגען די צוקונפט.

אמפיטעאַטער. די פאָלקס-געביידע אין אַלטען רוים, רונד געבויט מיט רייהען פלעצער איינער איבער׳ן צווייטען, וואו עס פלעגען פאָרקומען פאָרשטעלונגען פון גלאַדיאַטאָר קאַמפען, אויך אַנדערע פאָרשטעלונגען.

אַפּאָלאָן. דער גאָט פון דער זון ביי די רוימער און די אַלטע גריכען.

ארענע. דער שפּיעל־פּלאַץ אין אַ צירק.

אַכעראָן. אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע דער נאָמען פון אונטערערדישען טייך, דורך וועלכען עס פלעגען אָוועקגעפיהרט ווערען די שאָטענס פון די געשטאָרבענע.

אימפּעראַטאָר. אַ עהרען טיטעל, וואָס מיט איהם פלעגט געוועהנליך באלוינט ווערען דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דער רוימישער אַרמיי נאָך דעם ערשטען גרויסען זיעג.

ב.

באַזיליקאַ. פּראַכטפולע לענגליכע געביידען, אינווענינ פאַנאַנדערגעטיילט לאַנג אויס דורך זיילען.

ג.

גלאַדיאַטאָרן. קעמפער (פייטער), וואָס מען פלעגט ערציהען אין ספּעציעלע שוהלען און זיי צווינגען זיך צו פעכטען צווישען זיך, אָדער מיט ווילדע חיות אין די רוימישע צירקען.

ד.

דעקוריאָן. זעה לעגיאָן.

דיקטאַטאָר. דער העכסטער בעאַמטער אין דער רוימישער מלוכה, וועלכער פלעגט ערוועהלט ווערען אין פעלען פון גרויסער געפאַהר נאָר אויף זעקס מאָנאַטען, זיין מאַכט איז געווען כמעט אומבאַשרענקט.

וו.

וועסטאַלקעס. די פּריסטערינס פון דער געטין וועסטאַ, וואָס פלעגען אָפּהיטען אַז די היילִיגע פייערן אין די טעמפּלען זאָלען ניט פאַרלאַשען ווערען.

וועטעראַן. אַ ערפאַהרענער סאָלדאַט, איינער, וואָס איז שוין לאַנג אין דיענסט.

ז.

זעוועס אָדער זעווס. דער הויפּט גאָט פון די אַלטע גריכען.

ט.

טריבון. זעה לעגיאָן.

טאַלאַנט. אַרום 750 דאָלאַר.

טאָגע. אַזאַ מין פּלאַשץ.

טאָר. דער גאָט פון דונער אין דער מיטאָלאָגיע פון די פעלקער פון צפון איירָאָפּאַ.

טוניק. אַ בגד, וואָס מען פלעגט טראָגען אויפ'ן הוילען לייב.

י.

יוגורטאַ. דער קעניג פון נומידיען, געגענדען, וואָס האָבען אַמאָל פאַרנומען די גרעניצען פון היינטיגען אַלזשיר. די רוימער האָבען יוגורטען באַזיעגט און גענומען אין פלען.

כ.

כאַראָן. אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע דער אַריבערפיהרער פון די שאָטענס פון די געשטאָרבענע.

כלאַמידע. אַזאַ מין קורצער פּלאַשץ, אָדער פעלערינע.

ל.

לעגאַט. זעה לעגיאָן.

לעגיאָנער. איינער, וואָס האָט געדיענט אין לעגיאָן.

לאַטן. פּאַנצערס.

ליקטאָרן. אַ ספּעציעלע עהרען־וואַך פאַר די דיקטאַטאָרס, קאָנסולען און פּרעטאָרן. זיי פלעגען טראָגען מיט זיך אַ בינטעל ריטער מיט אַ האַק אינוועניג.

לעגיאָן. אַ רוימישער לעגיאָן איז באַשטאַנען פון צעהן קאָגאָרטען. אַ קאָגאָרט האָט זיך געטיילט אויף צוויי מאַניפּולען; אַ מאַניפּול — אויף צוויי צענטוריאָנען (מאות). דערצו אַן אָפּטיילונג פון לייכט באַ־ וואפענטע סאָלדאַטען און 300 רייטער = 10 טורמאַמס = 30 דעקוריאָנען

(צעהנדליגע). אינגאנצען איז אַ לעגיאָן באַשטאַנען פון זעקס טויזענד מאַן. די הויפּט קאַמאַנדע איבער אַ לעגיאָן האָבען געהאַט: אַ לעגאַט און זעקס מיליטערישע טריבונען. מיט דער צענטוריע האָט קאַמאַנדירט אַ צונטוריען, מיט דער דעקוריע — אַ דעקוריאָן.

מ.

מאריוס. אַ באַוואוסטער רוימישער ארמיי פיהרער און פּאָליטי־שער טוער, דער ערשטער קאָנסול פון די פּלעבעיער, דער פאָרשטעהער פון דער דעמאָקראַטישער פּארטיי, האָט געקעמפט געגען סוללאַ'ן, האָט באַ־זיעגט אַ סך פעלקער. (157—86 פאר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג).

מאַטראָנאַ. אַ פאַרהייראַטע אָנגעזעהענע רוימערין.

מיטרידאַט. דער פאָנטישער קעניג (פאָנט — דער צפון־מזרח ראַיאָן פון קליינאַזיען) די רוימער האָבען מיט איהם געפיהרט דריי מלחמות און באַזיעגט.

ס.

סאַמניטען. אַ פאָלק פון פאַסטוכער, וואָס האָבען געוואוינט אויף די בערג פון איטאַליען. די רוימער האָבען מיט סאַמניטען געפיהרט אַ סך מלחמות און האָבען זיי אינגאַנצען באַזיעגט.

סענאַטאָר. זעה סענאַט.

סענאַט. דער מלוכה־ראַט, די העכסטע מלוכה־אינסטאַנציע אין אַלטער רוים. די מיטגליעדער פון סענאַט האָבען זיך גערופען סענאַ־טאָרען, וואָס האָבען געבילדעט אַ באַזונדערען סענאַטאָר־שטאַנד.

סערטאָרי. אַ באַוואוסטער רוימישער ארמיי פיהרער, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון רוים, און האָט אַ לאַנגע צייט געקעמפט אין שפּאַ־ניען פאר זיין אומאָפּהענגיגקייט.

סעסטערציע. אַ מטבע $=3$ סענט.

סטיל. אַזאַ סאָרט אייזערנער גריפעל, מיט וואָס די רוימער פלע־גען שרייבען.

פּ.

פּאַלאַטין. איינער פון די זיעבען בערגלעך, אויף וועלכע דער אַלטער רוים איז געשטאַנען.

פּאַפּירוס. אַזאַ סאָרט פּאַפּיר, וואָס פלעגט געמאַכט ווערען פון אַ פלאַנצונג מיט'ן זעלביגען נאָמען, וואָס האָט געוואַקסען אין מצרים.

פּאַטריציע. אַ רוימישער אַריסטאָקראַט.

פּלעבעי. אַ מענש פון פּראָסטען המון, פון נידריגען שטאַנד. די פּלעבעיער אין רוים זיינען אַ לאַנגע צייט געווען באַשרענקט אין זייערע רעכטען.

פארטיק. אזא מין וועראנדע, א אפענע גאלעריע.
פרעטאר. א פארוואלטער פון א ראיאן.
פערפעקט. א בעאמטער, וואס האט פארוואלטעט מיט א געוויסען דעפארטמענט אין א ציווילען אדער מיליטערישען געריכט.
פראסקריפציע. א עפענטליכע מעלדונג וועגען דעם, אז דאס אייגענטום פון דער אדער יענער פערזאן ווערט קאנפיסקירט פון דער רעגירונג פאר א פארברעכען, וואס די פערזאן איז באגאנגען.
פאמפעי. א באריהמטער ארמיי פיהרער און פאליטישער טוער, א געגנער פון יולי צעזאר, מיט וועמען ער האט צולעצט געפיהרט א בירגער קריעג (49—105 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג.)

פ.

פארום. א שטענדיגער פלאץ פאר פאלקס־פארזאמלונגען.
פראקיען. א געגענד אויפ'ן דרום־מזרח ענד פון באלקאנישען האלב־אינזעל; דער הויפט טייל פון דער היינטיגער אייראפעאישער טערקיי.
פוריען. די געטינס פון נקמה, וועלכע, ווי די רוימער האבען געגלויבט, פלעגען אין גיהנום פייניגען מערדער מיט שרעקליכע גייסטיגע יסורים.

צ.

צענטוריע, צענטוריאן. זעה לעגיאן.
צערערא. די געטין, וואס פלעגט באשיצען ערד ארבייט.
ציצעראן. א באריהמטער רוימישער אראטאר און פאליטישער טוער; געבארען אין'ם יאהר 106, געשטארבען אין יאהר 43 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג.

ק.

קאגארט. זעה לעגיאן.
קאמסול. דער העכסטער בעאמטער אין רוים. אין רוים זיינען געווען שטענדיג צוויי קאנסולען, וואס פלעגען ערוועהלט ווערען אויף א יאהר.
קוועסטאר. א בעאמטער, וואס האט געהאט צו טאן דערהויפט אין דער טרעזשורי.

ר.

רעגאליען. סמנים פון אויסצייכענונג, ארדענס.
רודיארי. א גלאדיאטאר, וואס איז באפרייט געווארען פאר זיין העלדישקייט אויפ'ן פארלאנג פון פובליקום און פלעגט מעהר ניט אנטייל נעמען אין די גלאדיאטארשע קאמפען.

אינהאלט־פארצייכנים:

זייטע

1טער קאפיטעל: אין צירק — — — — — — — — — — — 3
2טער קאפיטעל: ספארטאק אויף דער ארענע — — — — 15
3טער קאפיטעל: אין שענק „ווענוס די באשיצערין פון קרבים — — — — — — — — — — — — — — 26
4טער קאפיטעל: וואס האט ספארטאק אויפגעטאן, באַקומענדיג פרייהייט — — — — — — — — — 43
5טער קאפיטעל: קאטילינא'ס עסצימער און וואלעריא'ס גאסטצימער — — — — — — — — — — — 52
6טער קאפיטעל: סוללא'ס טויט — — — — — — — 60
7טער קאפיטעל: די פאלגען פון סוללא'ס טויט — — — 00
8טער קאפיטעל: א שיכור אלס רעטער פון דער רעפובליק 89
9טער קאפיטעל: דער אויפשטאנד — — — — — — — 100
10טער קאפיטעל: פון קאפיא ביז וועזוויוס — — — — 107
11טער קאפיטעל: פון ספארטאק'ס מחנה ווערט א צעהנטויזענדיגע ארמיי — — — — — — — — — — 120
12טער קאפיטעל: פון דער קאזילינער שלאכט ביז דער אקווינער — — — — — — — — — — — — — 136
13טער קאפיטעל: ענדערונג אין דער גלאדיאטארישער ארמיי, דר טויט פון ליקטאר סימפליציאן — — — — — 147
14טער קאפיטעל: דער נסיון — — — — — — — — — 162
15טער קאפיטעל: די אומאייניגקייט. די קאמערינישע שלאכט. ענאמאי'ס טויט — — — — — — — — 175
16טער קאפיטעל: די שלאכט ביי מאדענא. די אויפשטאנדען. מארק קראס אויף'ן שלאכטפעלד — — — 194
17טער קאפיטעל: די שלאכט ביי גארגאנא — — — — — 208
18טער קאפיטעל: קריקס'עס לויה — — — — — — — 221
19טער קאפיטעל: ספארטאק אין לוקאניען. עווטיבידא'ס טויט — — — — — — — — — — — — — — 231
20טער קאפיטעל: די לעצטע שלאכטען. די בראדאנישע נידערלאגע — — — — — — — — — — — — 241
א קורצער ערקלערונגס ווערטערבורך — — — — — — — 261

שלום־עליכם ביבליאָטעק פאַר גרויס און קליין

שלום־עליכם פאָלקס־פאַנד אויסגאבע

א ביליגע אויסגאַבע פון שלום־עליכם׳ס מעשיות און מאָנאָלאָגען פאַר און קליינע, אויף צו לייענען אין אלע אידישע הייזער, וואו מע רעדט און מע פערשטעהט אידיש, אויף פאָרצולייענען פאר איין עולם אין עפענטלי־בע פלעצער און אויף געבען צו לייענען אידישע קינדער, וועלכע לערנען און פערשטעהען אידיש.

ביז אַהער ערשיענען:

		סענט
1.	נחת פון קינדער און בערעל־אייזיק — — — — —	10
2.	ווען איך בין רויטשילד און אויסגעטרייסעלט — — —	10
3.	מתושלח — — — — — — — — — — — — —	10
4.	שוין איין מאָל א סוכה! — — — — — — — — —	10
5.	די פאָהן — — — — — — — — — — — — —	10
6.	דאָס מעסערעל — — — — — — — — — — —	10
7.	חנוכה־געלד — — — — — — — — — — — —	10
8.	פארבענקט אהיים — — — — — — — — — —	10
9.	ראבטשיק — — — — — — — — — — — — —	10
10.	ביים קעניג אחשורות — — — — — — — — —	10
11.	א פארשטערטער פסח — — — — — — — — —	10
12.	די גאָלדשפינערס — — — — — — — — — —	10
13.	דער זייגער — — — — — — — — — — — —	10
14.	ל״ג בעומר — — — — — — — — — — — —	10
15.	דאָס דריידעל — — — — — — — — — — —	10

אין גיכען וועלען ערשיינען:

16.	א וואָרט פאר א וואָרט — — — — — — — — —	10
17.	איינער פון טויזענד — — — — — — — — —	10
18.	דריי לוחות און איבער א היטעל — — — — — —	10
19.	צער בעלי חיים און אסתר — — — — — — —	10
20.	גרינס אויף שבועות — — — — — — — — —	10

הויפטפארקויף אין בוכהאנדלונג פון מ. גורעוויטש:

M. Gurewitch, 202 East Broadway, New York